Insurance
so good, it's
#forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 12 • # 28 (557) Friday Mar 29, '24 • ב"ה • פרייטאג צו, י"ט אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן! אויפ'ן הארציגן רוף וקריאת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# אלוועלטליכער יום תפלה ווערט אפגעראכטן דעם היינטיגן דאנערשטאג אין אלע בתי מדרשים ומוסדות החינוך, למען עתיד חינוך דורותינו על דרך המסורה

אין דער זעלבער צייט ווען ס'ווערט אפגעהאלטן קריטישע 'הירינג' אין אפעלאט געריכט וואו די העראאישע שליחי כלל ישראל קעמפן העלדיש קעגן ביזוויליגע פרואוון לפגוע בחינוך הטהור דורך צוריקשטעלן גאר שווערע קאנסקווענצן אויף קינדער וואס לערנען אין ישיבות וועלכע די סטעיט באצייכנט אלס נישט-עקוויוועלענט

40

## וזכרם לא יסוף מזרעם:



# מיט געהויבענע הרגשים געזעגענען זיך תושבי העיר פון די לעכטיגע ימי הפורים, אפגעראכטן בהתרוממות הנפש בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

זעלטענע איבערלעבענישן, ריקודין עילאין ונפלאין, פייערדיגע דברי תורה ויראה, ביים קלימאקס פונעם יו"ט ביי פייערליכער 'מעמד משתה ושמחה' במקהלות עם רב לאזט איבער אומגעהויערע רישומא דקדושה ביי אלפי תושבי העיר

תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור!

32




## היסטארישער כינוס התלמידים און אפצייכענונג פון 35 יאר תורה וחסידות וועט געפייערט ווערן אין היכל "ישיבת נועם אלימלך - ליזענסק" דעם זונטאג אווענט, כ"א אדר ב' ביומא הילולא קדישא פונעם הייליגן נועם אלימלך

13

## דרייווערס זייט פארזיכטיג: אויסגעברייטערטע "מאוו אווער" געזעץ נאראוואס אריין אין קראפט

94

## ניו יארקער ביל וועט ערלויבן רעליגיעזע גרופעס צו בויען הייזער נישט רעכנענדיג זיך מיט לאקאלע זאונינג געזעצן

95

וכל המרבה הרי זה משובח:

## חברי הנהלת "קופת הקהלה" גרייטן זיך צו "פארגרעסערטע פסח חלוקה" אויפן פערזענליכן בקשה פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

לענגערע אסיפה אפגעהאלטן אין שפיץ פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א לקראת בעפארשטייענדע חלוקה גדולה – הגה"צ דער רב שליט"א גייט איבער אלע ליסטעס פון מקבלי החלוקה און פארלאנגט צו הייבן ביז יעצטיגע סכומים

פאלגט נאך באריכטן קומענדיגע וואך בעז"ה

## שטאנדהאפטיגע פאקטן און דאקומענטן פארלעשט און צעבלאזט לעצטע פונקן פון זינלאזע השמצות קעגן מנהיגי ישראל און מסירת נפש'דיגע שליחי המוסדות הק' על משמר החינוך הטהור

ציינט איבער קליפ און קלאר אומצווייטייטיג: די איינציגע און פארזיכערטע גאראנטיע צו אפהאלטן יעדן פרואוו פון רעגירונג אריינמישונג אין דעם חינוך הדורות, איז בלויז דורך זיך קלאמערן צום דרך המסורה, אריגינעל ווי רביה"ק זי"ע האט באשטימט פאר זיינע הייליגע מוסדות אויף יעדן טריט און שריט מיט 76 יאר צוריק

36




# שטורעם נעמט ארום יהדות ניו יארק נאך ערשיינונג פון בלויז ערשטע 'מסורה' אויפלאגע; רייע אומבאגרינדעטע בלבולים צעפאלן שטאפלווייז מיט אויפגעדעקטע דעטאלן און קלאנטע דאקומענטן

אין לנו שיור רק המסורה הזאת:


קוק וואס
מאיר האט זיך
איינגעהאנדעלט
האנדל עס
אויך איין.
קרוין זיך מלך ביים סדר טיש.
CROWN
STERLING





CROWN
STERLIN

Call: 845.783.0675 Visit: 7 Van Buren Dr. Monroe, NY
Royal Service \ Luxury Collection \ Accessible Pricing

TEXT ORDER DELIVERED free

Our showroom is ready for Pesach.
*Get your piece today.*

joy2media.com


DPMGGROUP.COM

א בילד רעדט מער
ווי טויזנט דאלאר...

$1,000+
OFF

היסטארישע
SALE
רעגן שטריימלען איבער $700 אראפ

קרויס
שטריימלען

17 Garfield Rd. | 718.2KRAUSS
572877

GRAND OPENING:
APR. 2 | דינסטאג שמיני




BEAT THE PESACH RUSH
EARLY-BIRD
SALE
20 % OFF
G&G
BORO PARK
718.871.7841
WMSBG
718.923.6060
MONSEY
845.352.2702
KIRYAS JOEL
845.782.7720
SALE ENDS זונטאג ו' ניסן
ALL ITEMS MUST BE PAID IN FULL UPFRONT // NOT TO BE COMBINED WITH ANY OTHER SPECIALS


HELLO
SELF
STORAGE
פורניטשער דארף
נישט שאפן קאפווי
1052
1053
105
dartmedia.us
Flexible Month-to-Month Leases
Climate Controlled Storage Units
24/7 Video Recording and secure access
די לאקאציע איז אונטער
היימישע אנפירערשאפט.
בלויז 10 מינוט פון קרית יואל
first month
FREE
+
40% OFF
monthly rent*
cubesmart.com
845.604.3422
52 Commerce Dr Harriman, NY
Right off the Rt 17
CUBESMART
self storage
*Restrictions, fees, and taxes may apply. Must present this original coupon at time of rental. Valid only at 52 Commerce Dr Harriman, NY CubeSmart location. Call 800-800-1717 for details.



מיר האָבן ארויסגעשיקט צו אייך אונזער
פּסח-אָרדער ביכל
און אייער פּאָסטקעסטל
ליסטע פון אלע פראדוקטן
ספעשילס און דיסקאונטס
פסח שעות
טעלעפאן-אָרדער אינפארמאציע
WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100
WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100
WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100
WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100
BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100
BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100
KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900
סאטמאר
פל״ש
דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

Corporate · Individual · and More

# װעלכע צייט אין יאר פײלט א קארפארעישן?

װי אפט
פײלט מען
סעילס טעקס?



- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסנײ, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

**845.774.2615**

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

NEW ADDRESS
ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS

dartmedia.us



NEW
100% FINE MERINO WOOL
A WHITER WHITE
STAIN RESISTANT - PRISTINE WHITE WOOL
MEGA SALE!
ON ALL TZITZIS AND TALLEISIM.
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408. 8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822
MONROE:
7 Garfield Rd.
845.250.8700
JERUSALEM:
48 ישא ברכה
02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM


העכסטע
קוואליטעט.
נידריגסטע
פרייזן.
בלויז איין וואך!
פון זונטאג פר' שמיני ביז זונטאג פר' תזריע
רייזיגע
שטריימל סעיל
$2,499
$1,499
שיינע לעבעדיגע
שטריימלעך מיט
אן אמאליגע חן
סעיל שעה'ן
זונטאג
פון 1:30 ביז 9:30 ביינאכט
מאנטאג ביז דאנערשטאג
פון 2:30 ביז 8:30 ביינאכט
חתן
שטריימעל
163 Rodney Street
718.215.0460



INTRODUCING
PESACH 2024
Gemstone
COLLECTION
STAY TUNED FOR OUR ENTIRE
COLLECTION OF MAJESTIC 2024 DESIGNS!
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408. 8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822
MONROE:
7 Garfield Rd.
845.250.8700
JERUSALEM:
ישא ברכה 48
02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com

בס"ד

# מעמד דינער רבתי וכינוס התלמידים

סעודת הילולא קדישא
לע"נ רבן של ישראל,
קודש הקדשים, רביה"ק
בעל נועם אלימלך
מליזענסק זצוקללה"ה

זונטאג שמיני הבעל"ט
כ"א אדר ב'
תשפ"ד

בהיכל ישיבתינו הקדושה
100 S Central Ave,
Nanuet, NY

## נזרי עטרת תפארת

**נזר נועם ורצון**
הרבני היקר, ידיד נפש כל חי
מוה"ר **ישעי' לעווי** הי"ו

**נזר עושה ומעשה**
הרבני החשוב והנכבד,
בן של קדושים
מוה"ר **יואל כ"ץ** הי"ו
מראשי קהלתינו הק' וויליאמסבורג

**נזר שם טוב**
הרבני הנגיד והמפואר
מוה"ר **ישראל טובי' לאנדא** הי"ו

## כולנו ביחד
תלמידים, יוצאים, ומוקירי תורה!

זונטאג שמיני הבעל"ט
כ"א אדר ב'

בהיכל ישיבתינו הק'
100 S Central Ave, Nanuet, NY

### מעמד התעוררות ובקשת רחמים
אמירת כל ספר תהלים ותפלת רבי ר' אלימלך ברוב עם
ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק' | בראשות כ"ק אדמו"ר שליט"א
בשעה 5:00

### שיעור נפלא
לכל הקהל הקודש
על ידי אחד מחשובי רמי"י הישיבה רבות בשנים שליט"א
בשעה 7:00

**פתיחת המעמד**
ע"י פה מפיק מרגליות, איש האשכולות
הר"ר **יואל מייזליש** שליט"א
מפארי תלמידי ישיבתינו הק' | מנהל ת"ת ראחמיסטריווקא מאנסי

**דברי זכרון והנצחה**
לע"נ מנהל הישיבה הבלתי נשכח
הרה"ג ר' **משה ברוך** ב"ר **שלמה** ז"ל
ע"י חתנו כבנו
הרבני הנכבד והמפואר ר' **מרדכי וויעדער** הי"ו
ביחד עם סיום הש"ס ואמירת קדיש לעילוי נשמתו

**ותחזק אותנו**
דבר ההנהלה
ע"י עמוד התוך, בונה ומקים, נושא בעול הישיבה
הרבני הנגיד והנכבד
**ר' יואל מאנן הי"ו**

שידא הכל נחת רוח

## משא המעמד
ע"י נואם בחסד עליון,
דורש טוב לעמו
**הרה"ג ר' יושע שלום וויס שליט"א**
יו"ר הנהלה רוחנית
דישיבתינו הק'

**דבר הישיבה**
ע"י ראש ישיבתינו, הגאון המפורסם,
דורש טוב לעמו
**הרה"ג ר' שרגא שטערן שליט"א**

ושנדבר כל אחד את חבירו
**היסטארישע אנעקדאטן
זיסע זכרונות
געשמאקע מאמענטן**
אויסגעשמועסט דורך עטליכע
**יוצאי תלמידי ישיבתינו הק'**

**אמן, כן יהי רצון**
דברי ברכה
**ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א**

נטילת ידים: בשעה 8:00

מחכים אנו לבואכם ולקבל פניכם באהבה
הנהלת הישיבה

ברכת המזון: בשעה 11:00



בס"ד
Team Up
for Camp Fun!
NOW HIRING COUNSELORS!
Join us for an exciting staff program in a vibrant, supportive environment!
געאייגנט פאר חסידישע מיידלעך
camp
Machon Lev
מנהלת רוחני מרת מ. עליאס
MRS. DRAIZY ITZKOWITZ - STAFF DIRECTOR
EXCITING STAFF PROGRAM
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
SIGN UP NOW! 845.587.6028 / d.itzkowitz@hcsny.org
בהשגחת הרה"ג ר' משה מנחם ווייס שליט"א
דומ"ץ פאפא ב"פ וראב"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר לאנדאן
Rav of HCS
HCS


פסח
pivotgroup.nyc
Leggato
COLLECTION
MEFOAR
מפואר
CRYSTALS
FROM
SWAROVSKI
SINCE 1895
Doren
JUDAICA & GIFTS
MEFOARJUDAICA.COM
718.436.0707
DOREN JUDAICA
2 EAHEL CT.

Purchase a luxurious office in the up and coming business center of Monroe and add value to your company every day anew.



OWN YOUR SPACE.

YOUR OFFICE SHOULD BE AN ASSET, NOT A LIABILITY

| | | | |
|---|---|---|---|
| Customize your size & layout | Luxurious amenities | Magnificent views | Walk-in entry |
| Ample parking spaces | 5 minutes from KJ | Supermarket nearby | Ready by 2025 |

THE m BUSINESS HUB

1149 ROUTE 17M, MONROE NY

HFA REALTY GROUP
845.781.2410
Info@hfarealty.com

Contact our agent today!
Moshe Friedman
845.781.2410
Moshe@hfarealty.com


Dolciana
COLLECTION
פסח
pivotgroup.nyc
MEFOAR
מפואר
MEFOARJUDAICA.COM
718.436.0707
CRYSTALS
— FROM —
SWAROVSKI
SINCE 1895
ספרים מתנות תשמישי קדושה
דורן
Doren
JUDAICA & GIFTS
DOREN JUDAICA
2 EAHEL CT.


בס"ד
וְגַם
רָאִיתִי
אֶת
הַלַּחַץ
אינפלאציע
רייסט
שטיקער
בעבור
זה:
ראשון
הוא!
קען מיין זונ'ס
מלמד קאָווערן
דעם יום טוב?
היי יאר;
יא!
מיר שרייען
אויס ראשון
הוא! מיר
ערמעגליכן
זיי דעם יו"ט!
Tagline | 845.824.1600
ראשון הוא
זמן חרותינו
תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434


A new page
of luxury
pivotgroup.nyc
הגדה
MEFOAR
מפואר
CRYSTALS
— FROM —
SWAROVSKI
SINCE 1895
דורן
Doren
JUDAICA & GIFTS
MEFOARJUDAICA.COM
718.436.0707
DOREN JUDAICA
2 EAHEL CT.


בס"ד
וַיַּרְא
אֶת
עָנְיֵנוּ
די מלמדים ארבעטן אריין איבער-מידליך פאר אונזערע קינדער'ס הצלחות
מיר צאלן די מלמדים!
בענבור זה: ראשון הוא!
די מוסדות לייגן אריין שווערע כוחות צו באצאלן די מלמדים צייטליך
מיר עלטערן שרייען אויס ראשון הוא און שענקען די מלמדים דעם יו"ט!
Tagline | 845.824.1600
ראשון הוא
זמן חרותינו תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434

בס"ד


# דירות וואס זענען אי"ה גרייט אריינצוציען, אויף דעם יו"ט פסח!

## 6 Eahal Ct.
Kiryas Joel



**2187 Sq Ft // 7 Room**
fourth floor apartment
**Asking $1,025,000**

## 39 Central Valley Line
Woodbury Junction



**3918 Sq Ft // 11 rooms**
Single Family House
**Asking: $1,399,000**

## 71 Duelk Av.
South Blooming Grove




**3226 sq ft + 1420 sq ft in basement**
Semi-Private house
**Asking: $1,299,000**

## 8 Forest Ave
Town of Monroe



**3,323 Sq Ft // 9 rooms**
Single Family House **3 Levels**
**Asking $1,189,000**

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL · RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

LISTING AGENT
**משה שמחה קויפמאן**
לייסענס# 10311206102
845.537.0475

LISTING AGENT
**אליעזר דוד האפפמאן**
לייסענס# 10401304475
845.662.3574

**דוד לייב קרויס**
לייסענס# 10401317322
845.274.3765

**נפתלי הירצקא זינגער**
לייסענס# 10401300864
845.728.1429

**אברהם חיים לעווי**
לייסענס# 10401327281
845.238.1162

**אברהם הערש גפן**
לייסענס# 10401378950
845.837.0943

# הלכות פסח:



סעיף א׳

# אינזין האבן די שטאט אויף פסח!



די הונדערטער
לומדי העיר האבן
אונזער שטיצע.
ווייל מיר האבן
זייער תורה.

לאמיר זיי מאכן דעם יו״ט!

| | | |
|---|---|---|
| תמיכת הוספה ליו״ט<br>$250 | איסליין א טשעק<br>$500 | צורכי החג לת״ח<br>$1,000 |

בעזהי"ת

# קמחא דפסחא - תשפ"ד

## וויליאמסבורג - קרית יואל

שנתייסד ע"י מרן רבינו הקדוש **מהר"י ט"ב מסאטמאר** זי"ע

ע"י שלוחו הנאמן וגבאי צדקה אאמו"ר החסיד האמיתי איש החסד כש"ת הרב ר' **שלו' לויפער** זצ"ל

יום ג' שנכפל בו כי טוב פ' ויקרא, ט' אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

### שוכט"ס לכבוד ידידינו היקרים הי"ו

הנני בזה להודיע שבעזהשי"ת ימשיכו לחלק החבילות מזון לצרכי חג הפסח הבעל"ט שנתחלק זה יותר משששים שנים, עפ"י פקודת **מרן רבינו הקדוש מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע**, ע"י כבוד אאמו"ר החסיד האמיתי, איש החסד, **כש"ת מוה"ר ר' שלו' לויפער זצ"ל.**

**היות שנתרבו משפחות הנצרכות, ובעזהי"ת יתחלקו חבילות מזון צרכי פסח לשני אלפים ושבע מאות - 2,700 - משפחות עניי העיר, וזה חוץ המשפחות של אלמנות ויתומים שעולה כהיום 2,800 משפחות בערך, ובתפלה להשי"ת שנוכל לסדר כאו"א בדרך כבוד הראוי, ונא לשמוע הפרטים על הטעלפאן הנרשם כאן.**

**718-362-8860**

יכולין לשמוע על הטעלפאהן הנ"ל הזמני הרשמה, ואם נתאחר לבוא, יכולין לשמוע על הטעלפאהן הנ"ל אימתי יכולין לבוא, ונא שלא להפריע בזמנים אחרים, והזריז נשכר.

### חלוקת החבילות

1) **גרעיפ-זשוס** (קדם - אינו מבושל). 2) **אייער** (15 דאזען, עקסטער לארטש). 3) **קארטאפל** (GPOD #90). 4) **עפל** (קארטלאנד #80).
5) **ארAנדזש** (סייז #80). 6) **גרעיפ-פרוכט** (סייז 40-48# אינדיען ריווער). 7) **צוויבל** (10 פונט, ספאניש).

### חלוקת הדגים

תלי"ת בשנים האחרונות נתרבה חלוקת הדגים חיים **(לעבעדיגע קארפ פיש), וגם געמאלענע, או רעדי ראל'ס.** ע"כ צריכין לרשום עצמו, שיהי' יכולים לסדרו עם הפיש סטאר'ס שיכינו להם הדגים מוכן ומזומן לבשלם.

### חלוקת היין

בעזהשי"ת יהי' חלוקת היין מכל הסוגים 60 מיני יין (קדם - ארמון) לצורך חג הפסח, ובעת ההרשמה יבחור כל אחד היין שביכולתו לשתות, ובעזהשי"ת נחלק לכאו"א לצורך ארבע כוסות - ולקידוש לכל ימי החג בסבר פנים יפות בדרך כבוד הראוי.

### חלוקת הבשר - גם בשר בהמה

בעזהשי"ת יחלקו **בשר** כמו בשנה שעברה, וכמובן שזה הוא עבודה גדולה להכין **150,000 פונט בשר עוף ולחלקו**, ובפרט **בשר בהמה**, (וזה חוץ ממה שנתחלק למשפחות אלמנות ויתומים ע"י 70 חנוית בשר), ע"כ צריכין לרשום עצמו. וכל אחד ואחד יקבל אישור וזמן מיוחד ליקח הבשר בדרך כבוד הראוי.

**הוספה חשובה** - בעזהי"ת גם בשנה זו יחלקו **"מצות" למשפחות אלמנות ויתומים.**

כ"ד ידידכם הדושה"ט, בברכת חג כשר ושמח

**אברהם לויפער - אבדק"ק דאראג יצ"ו**

נ.ב. תלי"ת זכינו להמשיך לחלק בהרחבה בסבר פנים יפות בדרך כבוד הראוי, לכל דורש ומבקש, ובשנת תשפ"ג נתחלק החבילות **לצורך 4,850 (בערך) משפחות עניי העיר, ובתוכם משפחות אלמנות ויתומים. ובשנה אחרונה שנת תשפ"ג העעל"ט עלה הוצאות החבילות - קרן אלמנות ויתומים לחג הפסח, יותר משמונה מיליאן דאלאר $8,129,403.00**

**ובשנה זו יעלה הוצאות החלוקות לחג הפסח בערך סך 9 מיליאן דאלאר $9,000,000.00**

ע"כ אנו פונים בזה לאנ"ש שכאו"א ישתדל להשתתף, **בעבור הוצאת החבילה למשפחה אחת**, ובזמנינו שגם מעוטי יכולת יש להם מעות מעשר - מעות צדקה, ישתדלו להשתתף עם **שלש מאות וששים דאלאר $360.00** לעני אחד, וכל המוסיף יוסיפו לו מן השמים, שנוכל בעזהי"ת להמשיך לחלק בהרחבה וברוח נדיבה, לעניי העיר, ולאלמנות ויתומים.

| משפחות עניי העיר | משפחה גדולה ברוכי ילדים | משפחה גדולה | משפחה רגילה | משפחה בינוני | משפחה קטנה | עני אחד |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | $2,600.00 | $1,800.00 | $1,300.00 | $1,000.00 | $720.00 | $360.00 |

| פרנס אלמנה ויתומים לפסח - קמחא דפסחא | מצות | פלייש | פיש | וויין-גרעיפ דזשוס-ביצים-קארטאפל-עפל וכו', צרכי מזון | סך הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה גדולה ברוכי ילדים | 40 פונט-$1,200.00 | $1,000.00 | $600.00 | $800.00 | $3,600.00 |
| משפחה גדולה | 30 פונט-$900.00 | $750.00 | $350.00 | $500.00 | $2,500.00 |
| משפחה רגילה | 24 פונט-$720.00 | $600.00 | $250.00 | $430.00 | $2,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | 16 פונט-$480.00 | $520.00 | $220.00 | $380.00 | $1,600.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | 12 פונט-$360.00 | $400.00 | $160.00 | $280.00 | $1,200.00 |
| אלמנה ויתום | 10 פונט-$300.00 | $350.00 | $120.00 | $230.00 | $1,000.00 |
| אלמנה | 6 פונט-$180.00 | $260.00 | $100.00 | $180.00 | $720.00 |
| יתום | 3 פונט-$90.00 | $120.00 | $50.00 | $100.00 | $360.00 |

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו
25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**2,763**
**משפחות**
**5,772**
**ילדים בבית**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

**סניף קרית יואל**
**130 משפחות** **248 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

## מכתב קודש מאת הגאון הצדיק
## אבדק"ק ור"מ סאטמאר שליט"א
## עיה"ק ירושלים תובב"א - קרית יואל יצ"ו

ב"ה

בואו ונחזיק טיבותא לידידינו עוז, איש החסד, המפורסם לשם ולתהלה בפעולותיו החובקות זרועות עולם בצדקה וחסד, כש"ת הגה"צ **רבי אברהם לויפער** שליט"א אבדק"ק דאראג, מזה בן מזה, בנו של הרב החסיד המפורסם **רבי שלו'** ז"ל, אשר זה רבות בשנים שהולך בדרכי אבות, וממשיך פעולות הצדקה של מר אביו ז"ל, אשר יסודתו בהררי קודש **עפ"י ציוויו ושליחותו של מרן רבינו הקוה"ט זי"ע.**

ובמיוחד ידוע ומפורסם מעשיו הגדולים בעד משפחות אלמנות ויתומים, אשר עיניהם נשואות למזון ומחיה, הניתן להם מדי יום ביומו, שבת בשבתו, ומועד במועדו, ע"י מפעלו הכביר "קרן **אלמנות ויתומים**", אשר הוא קרן אור למשפחות האומללות האלו, למען יוכלו להשביע נפשות טפיהם ועולליהם לבל יחסר המזג, והכל נעשה יפה בעתו, ובדרך כבוד, ובסבר פנים יפות עד להפליא.

והעולה על כולנה נודע בשערים חלוקת "**קמחא דפסחא**" אשר נתייסד מאז ומקדם ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, וזה עתה מלאו חמשים שנה שמחלקין **הקמחא דפסחא** בעיר עוז לנו "קרית יואל" יע"א מעת תחלת התייסדות העיר, בנוסף על החלוקה הגדולה בעיר וויליאמסבורג יע"א, המתחלקת מדי שנה בשנה עבור אלפי משפחות מאנשי שלומינו, ולכל דורש ומבקש, למען יוכלו לחוג חג המצות בדיצות.

וביודעי ומכירי קאמינא, עול הכבד המוטל על שכמו של הגה"צ הנ"ל, אשר משמיא קזכו לי' להחיות עם רב, ולהכניס אורה ושמחה בכל כך הרבה בתים בישראל לקראת החג הקדוש, וכמה גדולים מעשיו כאשר נטה שכמו לסבול לכתת רגליו השכם והערב לפנות אל אחינו בני ישראל המתנדבים בעם, לקבץ את נדבת לבם בכדי לכלכל ההוצאות הגדולות והמרובות.

**ובכן נפשי בשאלתי ובבקשתי מאת אנשי שלומינו אוהבי צדקה וחסד הע"י, אנא התאזרו עוז לעמוד לימינו בסכומים נכבדים, ובואו לעזרתו באופן מיוחד, שיוכל להמשיך במעשי הצדקה והחסד, ובחלוקת הקמחא דפסחא,** שעלו והצטברו לסכומים אדירים ועצומים מאד.

**ומדה טובה מרובה יתברכו משמי מעל, כל מי שיוכל ליקח חבל בקרן אלמנות ויתומים, ולכלכל משפחה אחת בבשר ודגים באופן קבוע, ובזה יקנה לעצמו קנין נצחי, ומצוה רבה ונשגבה שאין ערוך אליה.**

זכות המצוה הגדולה יעמוד לכל הנוטלים חלק בה להתברך בברכה מרובה מאת ה', שפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם לטובה, שובע שמחות ורוב תענוג ונחת מכל צאצאיהם, קרנם תרום בכבוד וצדקתם עומדת לעד, ובזכות מעשה הצדקה שמקרבת את הגאולה נזכה לראות בקרוב בישועת כל ישראל ושמחתן בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

הבעה"ח יום חמישי פר' ויקרא י"א אדר שני תענית אסתר מוקדם תשפ"ד לפ"ק

**הק' חיים צבי טייטלבוים**

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**
**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק
**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט
**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי
**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד
**פענסילווענייא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג
**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |

# קופת הקהלה

## קהל חרדים ד'סאטמאר – קהל בני יואל ד'סאטמאר

בעזהשי"ת

מנהג פשוט בכל ישראל שכל קהל וקהל משימים מס על בני עירן לצורך חטים לפסח לקנות ולסלק לעניי עירן,
(שו"ע הרב סי' תכ"ט סע' ה')

**ווי באקאנט, דאס יקרות איז געוואלדיג געשטיגן אין דער זעלבער צייט איז דער מצב הפרנסה מער אנגעצויגן ע"כ איז באשטימט געווארן די**

**קמחא דפסח סכום**

# לכה"פ 180$ דאלאר

**און מיר בעטן די פארמעגליכע צו געבן:**

# לכה"פ 1000$ דאלאר

מיר ווילן אייך מאכן אויפמערקזאם

**איר גייט אי"ה זאגן ביים סדר**

**כל דכפין ייתי וייכול**

## זייט דאס היינט מקיים למעשה

## אדער לייזט אויס א טשעק

| | |
|---|---|
| גרויסע משפחה | $1,000 |
| מיטלגראטיגע משפחה | $800 |
| קלענערע משפחה | $500 |

ובזכות זה נזכה שה' אלוקינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים בביאת משיח צדקינו ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בב"א

**רבני הקופה:**

**הרה"ג ר' ירמי' בראווער שליט"א**
דומ"ץ קהל בני יואל

**הרה"ג ר' יוסף כ"ץ שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד קהל חרדים

**הרה"ג ר' אשר זעליג פריינד שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל

**הנהלת הקופה:**

**הרה"ח ר' מאיר הכהן דייטש הי"ו**
**הרה"ח ר' זלמן לייב וואלדמאן הי"ו**
**הרה"ח ר' קלמן ווייס הי"ו**
**הרה"ח ר' יצחק וויינשטאק הי"ו**
**הרה"ח ר' זאב יודא פארקאש הי"ו**
**הרה"ח ר' מרדכי לייב דייטש הי"ו**

**גבאי הקופה:**

**מו"ה יחזקאל צבי ישעי' בראווער הי"ו**
**מו"ה אליעזר ברי"מ וואלדמאן הי"ו**
**מו"ה שלמה גפן הי"ו**


בס"ד
זעַרָא
באַלאַנס
קאמפיין איז
אין שוואונג
טעגליכע
גורלות
הייבן זיך אן
קומענדיגע
מיטוואך
שמיני
ביומו
תתן שכרו
לשלם שכירות עושי מלאכת הקודש בקרב מוסדותינו הק' לקראת חג הפסח
ישיבה תורה ויראה ויואל משה
קרית יואל

וִימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה לֹא יַעַבְרוּ מִתּוֹךְ הַיְּהוּדִים וְזִכְרָם לֹא יָסוּף מִזַּרְעָם

# והעיר קרית יואל צהלה ושמחה

**א**ין דער חסידי'שער וועלט ווערט פאַרציילט אַ מעשה, אַז דער הייליגער **יסוד העבודה פון סלאָנים** זי"ע איז אַמאָל אַריינגעקומען צום סעודת משתה היין מיט אַ געוואַלדיגע פייער און יראה עילאה וואָס האָט געוואָרפן אַ פחד און אַ יראת ה' אויף אַלע אָנוועזנדע.

דאַן האָט דער יסוד העבודה מכבד געווען איינער פון זיינע געהויבענע תלמידים, הרה"צ רבי הירש מיכל זצ"ל, צו זאָגן תורה, האָט דער חסיד געטייטשט: "**שושנת יעקב צהלה ושמחה בראותם יחד תכלת מרדכי**" - 'תכלת' איז מרמז אויף 'יראת שמים', ווייל 'תכלת איז דומה לרקיע'. **די שמחה פון אידישע קינדער איז געווען ווען מ'האָט צוגעקוקט די יראה פון די צדיקים!** און דורכדעם איז געווען "**תשועתם היית לנצח**" - אָט אַזוי קען מען מנצח זיין אַלע כוחות הרע און אַלע יצר הרע'ס!

קרית רבתי עם, די עיר המלוכה שחברה לה יחדיו, האָט זיך דעם יום טוב פורים שטאַרק געפריידט, שושנת קרית יואל צהלה ושמחה, ווייל 'בראותם יחד תכלת מרדכי' - מ'האָט געזען בחוש וויאַזוי עס ציעט זיך ווייטער דאָס הייליגע פייער פון דעם צדיק הדורות, מרן רבינו הק' זי"ע, מיט'ן זעלבן יראת שמים, מיט'ן זעלבן ערליכקייט, מיט'ן זעלבן ווארימקייט, יהי' ה' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו!

## אַ שמחה פנימיות בַּחֲצַר בֵּית הַמֶּלֶךְ הַפְּנִימִית

אשרינו מה טוב חלקינו! וואויל איז פאַר אונז גליקליכע תושבי העיר! קרית יואל'ער אידן האָבן אין די לעצטע טעג מיטגעהאַלטן מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם בששון ושמחה, א ווירקליכער פורים המשולש, אין צום קלימאקס א דערהויבענער יום טוב'דיגער 'סעודת משתה היין', אינאיינעם מיט'ן איש על העדה כבוד הגה"צ דער רב שליט"א!

'קרית יואל' האָט זייער לאַנג געוואַרט אויף דעם מאָמענט, קרית יואל האָט געלעכצט מיט דאָרשט אַז די ימים טובים ויומי דפגרא דאָ אין שטאָט זאל געפראַוועט ווערן דורכ'ן גאַנצן ציבור אינאיינעם מיט אַזאַ דערהויבנקייט און מיט אַזאַ ליכטיגקייט, אויפ'ן הייליגן שטייגער פון די צדיקים רבותינו הק' לבית סיגוט - סאַטמאַר. און בחסדי ה', מיט אַסאַך סייעתא דשמיא און מיט'ן רבי'נס כח האָט קרית יואל ווירקליך זוכה געווען!

תשועתם היית לנצח! ווי קען מען אפילו אָנהויבן דאַנקן דעם רבוש"ע אויף דעם הערליכן מציאות פון "לשום לנו שארית בארץ", וויאַזוי ס'איז ב"ה אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין קרית יואל אן עתיד פאר די אלפי אלפים בני שלשים ובני רבעים וועלכע ווערן נתגדל אויף די זעלבע אלטע גרונד- פרינציפן, וואס ציעט זיך אזוי שיין בעקבי הצאן, גענוי ווי עס האט אונז געלערנט דער גרויסער מייסד העיר רבינו הקדוש זי"ע און געווי ווי עס איז דאָס ממשיך כסדר דער עמוד האש ההולך לפני המחנה, כ"ק מרן רבינו שליט"א.

> **עס ציעט זיך ווייטער דאָס הייליגע פייער פון דעם צדיק הדורות, מרן רבינו הק' זי"ע, מיט'ן זעלבן יראת שמים, מיט'ן זעלבן ערליכקייט, מיט'ן זעלבן ווארימקייט, יהי' ה' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו!**

## נֵץ פֶּרַח מִלּוּלָב, הֵן הֲדַסָּה עָמְדָה לְעוֹרֵר יְשֵׁנִים

ווי שיין און ווי באַ'טעמ'ט, נעים לחיך ולאוזן, איז געווען צו הערן די וואַרימע בחינות וואָס דער רב שליט"א האָט משמיע געווען בעת משתה היין, ווען דער גאַנצער קוטב פון די דברי תורה איז געווען בלויז איין זאַך: אָנצוהאַלטן די מורשה הטהורה וואס מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע האט דאָ איינגעפלאנצט בערוב ימיו.

דער רב שליט"א האָט גע'חזר'ט מיט'ן ציבור אַז 'דער רבי לעבט מיט אונז אין אונזער דור! אזויפיל אלפים אידן לערנען מידי יום ביומו דעם רבינ'ס ספרים וואס איז שפתותיו דובבות! דער רבי איז נישט בלויז א צדיק וואס איז משפיע אויף אונז משמי מעל, נאר זיין הייליגע השפעה איז פון א צדיק וואס לעבט דא מיט אונז בימינו אלה! אָט מיט די שטאַרקע תביעה האָט ער דערביי אויפגעפאדערט פונעם ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר ווייטער זיך צו האלטן באילנא דחיי.

אָט דאָס איז טאַקע וואָס אלפי תושבי העיר שטרעבן און לעכצן אַז אונזערע קינדער זאלן זען, דאס איז ווי אזוי מיר ווילן מגדל זיין אונזערע קומענדיגע דורות, זיך צו האלטן דבוק במקור מים חיים, צו זען פאר זיך דעם דמתה לתמר, פרי עץ חיים, וואָס איז ווייטער משפיע פאר אונזערע קינדער און בחורים, די דערהויבענע דברי תורה ויראה און כיבושין פונעם באר מים חיים, און חזר'ט און לערנט מיט אונז דאס וואס מיר הערן אלעמאל פון אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צו גיין בדרכי הראשונים ואין כוחינו אלא בזה!

# נִקְהֲלוּ הַיְּהוּדִים בְּעָרֵיהֶם

אָנגעהויבן האָט זיך שוין דער יום טוב פורים מיט דעם אומפאַרגעסליכן שבת זכור, וואָס אלפי תושבי העיר האָבן מיט לעכצנדע הערצער מיטגעהאַלטן במחיצת דעם רב שליט"א, זמן קהלה לכל!

דער קלימאַקס האָט זיך געוויס געשפירט ביי די דערהויבענע סעודת רעוא דרעוין, וואָס איז געווען די בעסטע הכנה צום הייליגן קריאת המגילה, ווען דער רב שליט"א האָט מעורר לבבות געווען מיט דער בחינה אַז דריי מאָל עמלק איז 720, וואָס איז מרמז אַז מ'דאַרף מאַכן מחיית עמלק דריי מאָל, במחשבה בדיבור ובמעשה, במשך די קומענדיגע 720 שעות צווישן פורים און פסח!

אי' שוקל ואי' סופר צו שילדערן די רגשי קדושה וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מוצש"ק, ווען דער ציבור העצום בליעה"ר, זקנים עם נערים, האָט איבערגעפולט דעם היכל ביהמ"ד הגדול על כל גדותיו, מיט אַזאַ ערנסטקייט און טאַפנדע קדושה, לשמוע מקרא מגילה מפה ממלל רברבין, פונעם רב שליט"א וועלכער שטייט בעוז ובגבורה באתרא דמר, אינעם רבינ'ס שטאט, אלס איש על העדה אויף אלע געביטן.

בעצם יום הפורים האָבן שווערע טויזנטער אידן אויסגענוצט די ערשטמאָליגע געלעגנהייט, צו איבערגעבן אַ פערזענליכן משלוח מנות פאַר'ן רב שליט"א, וכל המביא דורן לת"ח. די לאַנגע רייעס האָבן זיך געשלענגעלט מיט גליקליכע תושבי העיר, זקנים, רבנים, מורי צדק, בעה"ב, אברכים יקרים אינאיינעם מיט זייערע יונגע קינדערלעך, אַלע זענען אַריבער מקבל זיין די וואַרימע ברכות חיים לרוב, וואס האט זיך געצויגן פאר לאנגע מאָמענטן, יעדע ברכה באזונדער אויף אזא פרטיות'דיגן פארנעם איש איש לפי בקשתו.

אין אַ פורים'דיגע אַטמאָספערע פון געהויבנקייט האָבן אידן דערמאַנט פילע הזכרות פון אנ"ש להיוושע בזרע של קיימא, שידוכים הגונים, אידן וועלכע זענען ליידער מוטלים על ערש דוי האָבן אַריינגערופן פערזענליך פון שפיטאל דורכ'ן טעלעפאָן געשטיקט מיט טרערן להיוושע בדבר ישועה ורפואה. אידן האָבן געוויינט פאר אַ העכערע לעבן ברוחניות און נישט געקענט קומען צום ווארט איבער די היינטיגע ביטערע נסיונות וואס וויקלט ארום מקטן ועד גדול, בשעת דער רב שליט"א גיסט מיט ברכות ובכל צרתם לו צר מיט א שמחה עילאה, זיך אָנצובינדן במקור מים חיים און אויסמעקן דעם פערזענליכן עמלק במחי' גמור.

# אשרי עין ראתה שמחת קהלתינו הק'!

ווי נעמט מען די פעדער, ווי נעמט מען די ווערטער, צו עטוואָס אפילו שילדערן די הימלישע מאָמענטן וואָס ס'האט זיך אָפגעטון אין דעם בית המדרש הגדול והקדוש דורכאויס די נעילה שעות פון דעם הייליגן טאָג, ווען דער גאַנצער בית המדרש איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבערפלייצנדע טייך פון שטורמישע התרוממות און הייליגע דביקות ותשובה שלימה מתוך שמחה - הדר קבלוה מאהבה!

מי שלא ראה שמחה זו, ווי קען מען אפילו אַראָפגעבן די הערליכע מחזות וויאַזוי דער ציבור העצום בליעה"ר, די טויזנטער זקנים עם נערים, בעה"ב ואברכים יקרים, און די הונדערטער גידולי קודש פון די ישיבות קטנות, כולם נקבצו באו לך, זינגען מיט אַזאַ פאַרפלאַמטע השתוקקות און מיט אַזאַ העכערע דביקות, ווען דער רב שליט"א זיצט אויפ'ן בימת הכבוד און איז מעורר דעם ציבור איינמאָל און נאָכאַמאָל זיך צו אויפהייבן די הערצער צום טאַטן אין הימל מיט אַ בענקשאַפט און התרוממות.

ווי קען מען דען פאַרשטיין די געפילן ווען אַזויפיל טויזנטער אידישע הערצער זענען געוואָרן אריינגעטריפט מטיב החיים, דורכאויס די דברי תורה ויראה, זיך צו האלטן אין די שווערע זמני הגלות און נישט פארשלעפט ווערן פון דעם קישוי השעבוד פון עמלק, נאר צו גיין בדרך החיים און זיך אנהאלטן בדרכי אבות, למענך אלקים חיי"ם.

**אָט דאָס איז וואָס אלפי תושבי העיר שטרעבן אַז אונזערע קינדער זאלן זען, זיך צו האלטן דבוק במקור מים חיים, צו זען פאר זיך דעם דמתה לתמר, די דערהויבענע דברי כיבושין צו גיין בדרכי הראשונים ואין כוחינו אלא בזה!**

דער ציבור האָט מיט דאָרשט געשלינגען די דערהויבענע בחינות ווען דער רב שליט"א האָט מסביר געווען אַז מרדכי הצדיק וואָלט אודאי געקענט פועל'ן אַ ישועה מיט'ן כח פון 'צדיק גוזר', אבער מרדכי הצדיק האט דווקא אויסגעוועלט צו פועל'ן דורך תפלה וואס דאס האט א המשכה אויף ווייטער לדורות פאר די שפעטערדיגע גזירות בימי הגלות.

# קה זכות אבות יגן עלינו!

אַ סקרוך איז אַריבער אין די ביינער ווען דער רב שליט"א האָט געטייטשט דעם 'ודובר שלום לכל זרעו' אַז דאָס איז אַ לשון הוה, דער צדיק איז דאָ מיט אונז! ווי דער הייליגער ישמח משה זאָגט אין פרשת בשלח אַז שפתותיו דובבות בפועל ממש. ווען מען לערנט און מען חזר'ט דעם הייליגן רבי'נס דרך איז דער רבי בחיים צווישן אונז. ער איז א צדיק פון היינטיגן דור בלשון הוה!

יעלזו חסידים בכבוד מפזזים ומרקדים בכל עוז! ווען די צעירי הצאן אויף די הויכשטאָקיגע פאַרענטשעס, וועלכע ווערן נתגדל על ברכי רבינו הק' זי"ע, האָבן זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אין א פייערליכער טאנץ פון 'קה אבות זכות יגן עלינו', ווען ס'איז געווען 'פקע איגרא' לקול תרועת צהלה פון דעם ציבור הק', שמחים ורעננים. דאָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט די הייליגע ריקודים אויף 'נאר אמונה', וואָס דער רב שליט"א האָט דאַן נאָכגעזאָגט אַז 'אמונה' איז אַ לשון המשכה פאַר'ן גאַנצן ציבור אין אַזאַ גרויסן טאָג.

אַ נאָבעלע מאָמענט איז געווען ווען דער רב שליט"א האט בשמחה מקבל געווען משלוח מנות, פון זיינע טייערע תלמידים הקרויים בנים, פון די ישיבות אלע 'סניפים לימודי רצופות' פון זעקס טויזנט שעות וואס מען האט געלערנט לכבודו פון רב שליט"א, וואס דער רב האט פארראכטן אז מען האט עס געלערנט פארן אויבערשטנ'ס וועגן לעשות רצון יתברך שמו! מיט אַ זעלטענע חביבות ארויס פון התפעלות האט דער רב דאס געהאלטן א לאנגע צייט און מעיין געווען אין אלע נעמען פון די צעירי הצאן מיט א חביבות נפלאה, בשעת דער ציבור זינגט פייערליכע געזאַנגען פון 'שישו ושמחו בשמחת התורה'!

וויפיל מען ווייסט, וויפיל מיר האבן שוין מיטגעלעבט, די דערהויבענע 'דרשות התעוררות', 'תפלות בהשתפכות הנפש' און 'דברי הדרכה והתחזקות', פונעם רב שליט"א, זינט דאָס גליקליכע התמנות על קהל קדושים, קהלה קדישא הדין, איז אָבער פאָרט קלאָר געוואָרן בעצם יום הפורים אַז קרית יואל באַגרייפט מער און מער געניי די געוואלדיגע מתנה וואס די שטאט האט האָבנדיג אזא איש על העדה, וואָס האָט דערהויבן די אלפי תושבי העיר מיט אַ קרבת אלקים עד בלי די! כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו!

# ליהודים היתה אור"ה; ליכטיגע אידישע שמחות

אן עקסטאזליכע אטמאספער האט איינגעהילט דעם גאנצן היכל ווען דער רב שליט"א האט זיך געוואָנדן מיט א דירעקטע ווענדונג צום ציבור אין א פערזענליכן אויסשמועס, אותה אבקש, שטייענדיג אין שפיץ פונעם עדה אזא ציבור בליעה"ר, ווען מען פראוועט אזויפיל שמחות ברוב הימים אין לויף פונעם יאָר, האט דער רב שליט"א באטאנט אז מען זעט צומאל ליידער בעלי שמחה וועלכע פראוועגען, ווי א איד האט זיך אויסגעדרוקט 'פינסטערע שמחות' אין די טונקל, און אנדערע היינטיגע סארט מנהגים וואס דאס שטעלט אפ די השפעות:

""ווען דער רבוש"ע גיבט שפע פאר א איד איז דאס צומאל א בחינה ווי א מלך וואס מאכט העכער א שר כדי צו ווערן נענטער צו אים, אַז ער זאל זיך שעמען און פארשטיין ווי ווייט ער איז פונעם מלך, און וויפיל ער איז אים שולדיג על כל הטובה. מיט'ן נוצן די השפעות פאר אזעלכע סארט זאכן פארשפארט מען דערמיט די שפע וואס א שמחה ברענגט אראפ און מען שטעלט דאס אפ בידים רח"ל".

דער רב שליט"א האט ארויסגעברענגט אז ס'איז נישט געווען קיין הזדמנות ביז יעצט אָבער פורים ערלויבט מען זיך צו רעדן: "איך האלט עס נישט אויס... ווי פאסט עס 'אין קרית יואל' אזא זאך 'פינסטערע שמחות'?! ווער עס האט א השפעה זאל דאס זען אויסצורייסן בעוד מועד, ווייל רוב ציבור איז נישט דאָרט, בלויז אַ קליינער פראָצענט יחידים, אבער יעדע יחיד איז שוין צו פיל".

דערמיט האָט דער רב שליט"א פאַרטייטשט דעם 'הנה בית המן נתתי לאסתר', אז מרדכי הצדיק האט נישט געמאכט דעם לוקסוס. המן האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט אַביסל שפע, אַזש ביז'ן גיין צו 'וכל זה אינני שווה לי', אבער מרדכי הצדיק האט גענוצט דעם בית המן דארט אויפצושטעלן א בית צדיקים. ער האָט גענומען דעם לוקסוס צו נוצן די השפעות ווי א 'ברוך מרדכי' און נישט ווי אן 'ארור המן'!

דער רב שליט"א האט אין קורצע ווערטער אויסגעפירט מ'זאָל ווייטער זיך האַלטן בעקבי הצאן - צו די הייליגע מסורה, פרישות, וואַרימקייט למען כבוד שמו יתברך וואָס דער רבי זי"ע האָט אונז געלערנט.

## מתנה טובה יש לנו!

ווי טרעפליך האָט דער ציבור צוגעשטימט צו די הערליכע חרוזים וואָס איז אויסגעזונגען געוואָרן מיט'ן פאַרצייטישן טעם דורך הרבני החסיד מוה"ר ישראל חיים גרינהוט הי"ו, וואו ס'איז געשילדערט געוואָרן אחד מני אלף, די אומבאַגרייפליכע התרוממות דקדושה וואָס קרית יואל איז אויפגעהויבן געוואָרן אין די קורצע צייט זינט מיר זענען נתעטר געוואָרן מיט'ן נזר הרבנות פון דעם רב שליט"א. איבערהויפט מיט די געהויבענע שבתים וימים טובים, די תפלות ודברי תורה, און די באַזוכן אין די היכלי הת"ת והישיבות הק'.

פאַסיג האט דער מיטב נגן דערמאַנט אין די חרוזים, דאס וואָס דער רב שליט"א האָט דערמאַנט ביים אומפאַרגעסליכן מעמד הכתרה מוצש"ק קרח העעל"ט אַז 'לא אני תחלת הקדושה", נאר דאָס איז די המשכת הקדושה פון רבותינו הק' לבית סיגוט - סאַטמאַר, ווי רבינו שליט"א האָט אַמאָל מעיד געווען ביים סעודת משתה היין, כטוב לב המלך ביין, אַז די חידושי תורה פונעם רב שליט"א איז 'תורת אמת', ווייל אַז מ'כאַפּט זיך אָן אין די ראשונים כמלאכים האָט מען זייער כח הקדושה.

תשועתם היית לנצח - זייער השפעה בלייבט אויף אַלעמאָל, איבערהויפט אַצינד ווען דער רב שליט"א איז מכהן פאר אַלס קרית יואל'ער רב בשליחות הקודש פון מר אביו הגדול שליט"א. זאָל ער טאַקע בזכות אבות אינזין האָבן די אלע לבבות נשברות ובפרט אויף די בקשות והזכרות פון בני קהלתינו הק' להוושע בדבר ישועה ורחמים.

ווידעראַמאָל האָט זיך כל הקהל הקודש ספאנטאן אַרויסגעלאָזט אין פייערליכע ריקודים של שמחת פורים וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז חצות הלילה, ווען אַלעס זינגט בכל לב ונפש 'והריקותי לכם ברכה', אז דער רבוש"ע זאל משפיע זיין שפע וברכה עד שיבלו שפתותינו מלומר די, וואָס האָט פאָרגעזעצט מיט'ן ניגון 'ס'איז דאך אלס הבל הבלים אין עוד מלבדו', באַגלייט מיט אַ תפלה אַז מיר זאָלן האָבן די בינה ודעת אויסצונוצן די השפעות היום, ווען דער רב שליט"א בראש שטייט וידיו פרושות מיט אַ התרוממות עד אין לשער, והיה כאשר ירים ידו וגבר ישראל וואָס הייבט אויף דעם גאַנצן ציבור צו העכערע ספערן.

> כולם נקבצו באו לך, מיט אַ פאַרפלאַמטע השתוקקות און העכערע דביקות, ווען דער רב שליט"א איז מעורר דעם ציבור איינמאָל און נאָכאמאָל זיך צו אויפהייבן די הערצער צום טאַטן אין הימל מיט אַ בענקשאַפט און התרוממות.

# כי עמך מקור חיים באורך נראה אור

הערצער קען מען נישט ליינען, און 'אין אדם יודע מה שבלב חבירו'. אבער די פנימ'ער שפיגלען אפ און צייגט 'הכרת פנים ענתה בם', אז דער ציבור טראכט פאראייניגט די זעלבע גליקליכע מחשבות של שמחה נאָך אַזעלכע ימי פורים, ווען קרית יואל האָט ב"ה דערלעבט צו האבן דעם כח הרבנות עץ חיים צו שטיין אין שפיץ פון דער הייליגער הנהגה וואו עס האבן אַלע מיטגעלעבט דעם הייליגן יו"ט.

איז דען אַ וואונדער, איז דען בכלל אַ תמי', פאַרוואָס עס שפירט זיך אין דער לופטן אַזאַ שמחה עילאה, ווען אלפי תושבי העיר קענען נישט באַהאַלטן דעם התרגשות דקדושה, להודות ולהלל, צו לויבן און דאַנקן אויף די נסים ונפלאות, ווען מען לעבט מיט ב"ה דעם "והעיר קרית יואל צהלה ושמחה" מיט אַזאַ שיינקייט, על שהחייתנו וקיימתנו, כן תחיינו ותקיימנו!

די אומבאַגרייפליכע שעות של התרוממות במשך דעם שבת זכור וימי הפורים האָבן ווי טריאומפירט דאָס נצחות פון דעם דרך הקדושה! עס האָט פאַרציילט מיט די שענסטע ניגונים איבער דעם הייליגן דרך פונעם רבי'ן זי"ע וואָס ווערט פארגעזעצט מיט אזא פראכט אין זיין הייליג שטעטל מיט אירע ריזיגע פעסטונגען פון אַלע ג' עמודי העולם, וואָס ווערט באַוואונדערט מיט איבערראַשונג דורך סאַטמאַר איבער דער גאַנצער וועלט! שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה.

דאָס איז דער נצחיותה של נס וואָס יעדער תושב העיר טוט שפירן, אַז מיר זענען טאַקע אַרויס מרועה אל רועה תחת דגלו והדרכתו פון עטרת ראשינו כ"ק מרן רבינו שליט"א - ס'איז שוין קרוב צו א יובל שנים שפעטער, און נאָך אַלץ הערט מען די זעלבע ווערטער, מ'חזר'ט איבער די זעלבע דיבורים פון רבינו הקוה"ט זי"ע, כולם מרועה אחד ניתנו, וואָס אונזער גאַנצער קיום, אונזער גאַנצע הצלחה למעלה מדרך הטבע, איז אַדאַנק דעם וואָס מיר בלייבן בעז"ה פעסט דבוק אן די מינדנסטע אפנויג פונעם דרך הקדושה והטהרה שהשריש בנו, ולאורו נסע ונלך עד כי לבדו ימלך מלך.

אין דער זעלבער צייט בעט זיך אַ הייסע תפלה מתוך שמחה, אַ בקשה מתוך הודאה, אַז "**עד הנה עזרוני רחמיך ולא עזבוני חסדיך**", די גאַנצע עדה קדושה, רבבות אלפי אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, קוקן אַרויס מיט עינים צופיות אַז "יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיו". דער רב שליט"א זאל האָבן די כוחות ווייטער צו שטיין בראש עדת ה' על מי מנוחות, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ, הולך וגדל עד כי גדול מאוד, תחת נשיאתו והדרכתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה, ושם נעלה ונראה ומלכינו בראשינו בב"א.

## אשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים! ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך!


בס"ד
חברי הנהלת הקופה מיט א
החלטה נאכן אסיפה בראשות
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
מ'מוז
טיילן מער...
וכל המרבה הרי זה משובח!!
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
קופת הקהלה
קופת הצדקה לנצרכי הקהלה בפיקוחו של
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
חלוקה גדולה
פסח תשפ"ד

וזכרם לא יסוף מזרעם:

# מיט געהויבענע הרגשים געזעגענען זיך תושבי העיר פון די לעכטיגע ימי הפורים, מיטלעבנדיג אומפאַרגעסליכע תפלות און מעמדים ברוב התרוממות והתעלות בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## געהויבענע טעג אָנגעהויבן פון שבת זכור, ביז מוצאי יו"ט פורים שפעט אויפדערנאַכט, לאָזט איבער אומגעהויערע רישומא דקדושה ביי אלפי תושבי העיר

**קלימאַקס קומט צום הויכפונקט ביי פייערליכער 'מעמד משתה ושמחה' במקהלות אלפים אין היכל בידהמ"ד הגדול**

**לאַנגע רייען פון טויזנטער תושבי העיר שלענגלען זיך לענגערע שעות אריינצוגיין לברך ולהתברך בביתו פונעם רב שליט"א**

**וואונדערבאַרע כבוד הציבור דורך נאמני הקהלה געקרוינט ב"ה מיט פולקאָמע הצלחה מרובה**

### תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור!

אשרי עין ראתה שמחת קהלינו! שווער זענען די ווערטער צו אויסדרוקן די געהויבענע התרוממות'דיגע טעג, וואָס קהל עדתינו, אלפי תושבי העיר המעטירה קרית יואל, האָבן מיטגעלעבט מיט געציילטע טעג צוריק, ווען מ'האט געהאַט די זכי' אָפּצוערכטן די ימי שמחה פון יו"ט פורים העעל"ט, אַרומגענומען מיט א רישומא קדישא פון התעלות און התרוממות ושמחה עצומה וואָס האָט באַנומען תושבי העיר בהמוני', מיטלעבנדיג ברגש דקדושה די אומפאַרגעסליכע מאורעות און תפלות במשך דעם הייליגן טאָג, וואָס וועט שווער אַרויסגיין פון די ביינער פון די אַלע וואָס האָבן זוכה געווען צו זיין אַ חלק פון דעם ערשטמאָליגער יו"ט פורים בראשות כבוד הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א.

דער גאַנצער יו"ט מהחל ועד כלה איז געווען איין שטיק התעלות און התרוממות, וואָס איז געוואָרן אָפּגעראָכטן ברוב עם הדרת מלך, זקני פארי הקהלה, בעלי בתים נכבדים, אינאיינעם מיט די טייערע אברכים, בחורי ישיבות הקדושות, אנשים נשים וטף, וואָס האָבן זיך צוזאמגענומען אַריינצוכאַפּן די הייליגע מעמדים און לעכטיגע תפלות און מגילה-ליינען פון הגה"צ דער רב שליט"א.

באַזונדער ביים קלימאַקס לעת צאת יום הגדול, עס איז נישט פאַרהאַן די ווערטער אַראָפּצוגעבן די העכערע הרגשים וואָס האָט אַרומגעוויקלט אלפי המשתתפים, ביי די אומפאַרגעסליכע 'מעמד משתה ושמחה', בראשות דעם רב שליט"א, ווען מ'האָט זוכה געווען צו פייערן און אָפּרעכטן די מצוות היום מיט אַ העכערע און לויטערע געפיל, וואָס האָט דערהויבן כל לב אנ"ש, מיט אַ שמחה ודביקות עצומה וואָס פלאַטערט נאָך אין אַלעמענ'ס הערצער. אַן איבערלעבעניש וואָס די שטאָט האָט נאָכנישט געהאַט זיינס גלייכן, און וועט בלייבן איינגעקריצט מיט הייליגע זכרונות, מיט השפעות וואָס באַגלייטן יעדן איינעם כל אורך ימיהם!

#### כבוד הציבור דורך די געטרייע נאמני הקהלה, צום באַוואונדערן!

לקראת די יו"ט פורים בצל ובראשות פונעם רב שליט"א, האָבן די געטרייע חברי הנהלת הקהלה איינגעשפאַנט די איבערגעגעבענע עסקני נאמני הקהלה, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט די מאַקסימום כוחות אַז אַלעס גייט אַריבער מיט די גרעסטע מאָס הצלחה בעז"ה, ביינאַזאם מיט די פולסטע כבוד הציבור מיט וואָס קהלתינו הקדושה מאַכט זיכער ביי יעדן מעמד און מאורע דאָס זאל ווערן אויסגעפירט מיט יעדן קלענסטן דעטאַל על צד היותר טוב.

במשך אַלע תפלות און מאורעות, סיי אָנגעהויבן ביי די לעכטיגע שב"ק זכור, דערנאָך ביי די תפלות און מגילה-ליינען ביום הפורים, אַריבער צו די מייסטערהאַפטיגע סדר פון אַריינגיין איבערגעבן משלוח מנות פאר'ן רב שליט"א, און ביים קלימאַקס פונעם יו"ט ביים מעמד 'משתה ושמחה', זענען די געטרייע נאמני הקהלה געשטאַנען יעדער על מכונו, סאַליד מיט די גרעסטע מאָס רואיגקייט, זיכער צו מאַכן אַז אַלעס פאָרט בעז"ה על צד היותר טוב, און אַז אַלעס איז צוגעשטעלט כדבעי, צו די צופרידנהייט פונעם גאַנצן ציבור כראוי וכיאות בתכלית השלימות.

#### די לעכטיגע שבת זכור, געהויבענע רעוא דרעוין, און קריאת המגילה ליל הפורים

די לעכטיגע קייט פון די אומפאַרגעסליכע ימי שמחה, האָט זיך אָנגעהויבן ביי די לעכטיגע שב"ק שבת זכור, וואָס כמעשהו ביי יעדן שב"ק ווען דער רב שליט"א

פראַוועט בתוכינו, איז עס דאָסמאָל אויך אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ דערהויבנקייט און העכערקייט במעמד אנ"ש תושבי העיר, וועלכע האָבן איבערגעפילט דער ביהמ"ד הגדול ביי די דערהויבענע תפלות במשך דעם שב"ק.

דער קלימאַקס פונעם שב"ק איז געווען ביי די געהויבענע עת רעוא דרעוין, ווען דער ציבור בהמוני' האָבן זיך צוזאַמגענומען שטייענדיג עת כניסת יום הגדול יו"ט פּורים, זיך צו דערוואַרימען און הערן דברי הכנה והתעוררות זיך צו ריכטיג גרייטן צו מקבל זיין די הייליגע גרויסע השפּעות וואָס דער לעכטיגער יו"ט טראָגט מיט זיך.

בתוך דברי תורה ויראה האָט הגה"צ דער רב שליט"א אַרומגערעדט מיט טייערע דיבורים מתובל מיט דברי הכנה מיט וואָס זיך צו גרייטן צו די מגילה-ליינען, וואָס איז כידוע געווען פון די העכסטע צייטן אין יאָר ביי אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע. מפּי ספרים וסופרים האָט ער אַראָפּגעברענגט הייליגע בחינות נוראות, וואָס אַלס אַ איד קען פועל'ן אינעם הייליגן יו"ט, אַרויסברענגענדיג אַז מ'זעט אידן אין יענעם דור זענען געווען בשפל המצב, ווען זיי האָבן נהנה געווען מסעודת אחשורוש, אָבער דאָך האָט הקב"ה זיך צוגעהערט צו זייערע תפלות. איז דאָך זיכער אַז אונז אינעם יעצטיגן שוואַכן דור קען יעדער פּשוט'ער איד זוכה זיין להתקרב אל ה', און דער אייבערשטער הערט אויס די תפלות ותחנונים וואָס קומען אַרויס פון מעומק הלב.

נאָך אַזאַ וואַרימען געהויבענעם של"ס, האָט מען אַריינגעטרעטן מיט די ריכטיגע הכנה אינעם גרויסן טאָג וואָס איז געוואָרן אָפּגעראָכטן ברוב עם הדרת מלך, בצוותא חדא, מיט געהויבענע געמיטער בראשות הגה"צ דער רב שליט"א.

ליל התקדש פּורים ביינאַכט, נאָך אַ קורצע הפסקה נאָך תפלת מעריב, האָבן זיך אלפי אנ"ש תושבי העיר צונויפגענומען צו הערן די מגילה-ליינען אין ביהמ"ד הגדול, וואָס הגה"צ דער רב שליט"א ליינט פאָר מיט אַ לעכטיגע מתיקות און דערהויבנקייט, באַגלייט מיט רגש של שמחה להודות ולהלל לשמך הגדול.

דער ביהמ"ד איז געווען איבערגעפילט מן הקצה אל הקצה פון אַ ציבור עצום וואָס זענען געקומען לשמוע את מקרא מגילה, די ערשטע מאורע וואָס הייבט אָן דעם גרויסן טאָג מיט די ריכטיגע התחלה, תחלה למקראי קודש.

נאָכ'ן מגילה-ליינען איז דער גאַנצער עולם אַריבער וואונטשן פאַר'ן רב שליט"א אַ גוט יו"ט און אַ פריילִיכן פּורים, און דער ציבור איז אַהיים משפחה ומשפחה, זיך גרייטנדיג אויף צומאָרגנס אָפּצורעכטן די עבודת היום בעוז ותעצומות.

## יום הפּורים אָפּגעראָכטן ברוב עם הדרת מלך בתפארה

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', איז דער פּורים אינדערפרי אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ פיל גרעסערן באַדייט, ווען המוני אנ"ש תושבי העיר האָבן איבערגעפילט דער ביהמ"ד הגדול פון ברעג צו ברעג, זקנים עם נערים. צו ערשט ביים מנין אמירת תהלים להתחנן לו אין אַזאַ גרויסן טאָג, און דערנאָך ביים געהויבענעם תפלת שחרית ברוב עם הדרך מלך, נאָכגעפאָלגט מיט די פייערדיגע מגילה-ליינען.

פּורים אינדערפרי האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן קריאת המגילה פון הגה"צ דער רב שליט"א, וואָס האָט געליינט מיט אויסטערלישע

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגאון הצדיק אבד"ק שליט"א

התעוררות און רגש, אין די הייליגע מגילה וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט געליינט דעריין עטליכע יאָר, וואָס הרבני הנכבד הרה"ח ר' וואָלף לעפקאָוויטש הי"ו מנכבדי אנ"ש ומפארי הקהלה, האָט ספּעציעל געברענגט מבית אוצריו, אַז דער רב שליט"א זאָל אין דעם אָפּרעכטן די עבודת קריאת המגילה ברוב עם. אַזוי אויך האָט דער רב שליט"א אָנגעטון די הייליגע טלית פון מרן רביה"ק זי"ע וואָס קומט מבית גנזיו פון הרה"ח ר' הערשל ווייס שליט"א שו"ב, מנכבדי אנ"ש ומפארי הקהלה.

נאָכ'ן די וואַרימע תפלת שחרית און קריאת המגילה, איז דער עולם אַריבער ווינטשן אַ גוט יו"ט פאַר'ן רב שליט"א, און מ'איז זיך צוגעגאַנגען צו פראַוועון די לעכטיגע יו"ט משפחה ומשפחה און טון די מצות היום בהידור.

אין די נאָכמיטאָג שעות איז געווען ספּעציעלע זמני כניסה פאר אלפי התושבים אַריינצוטראָגן משלוח מנות פאַר'ן רב שליט"א, און זוכה זיין לברך ולהתברך אין אַזאַ געהויבענע זמן. לעת ערב איז געפראַוועט געוואָרן דער אומפאַרגעסליכער מעמד 'משתה ושמחה' בראשות דעם רב שליט"א אויף אַ זעלטענע פייערליכע פאַרנעם, וואָס איז נאָכאַלץ די געשפּרעך פון טאָג ביי אלפי אנ"ש וואָס האָבן דאָס מיטגעלעבט (זעט באַזונדערע קעסטל).

נאָכ'ן מיטלעבן אַזאַ געהויבענעם יום טוב, שפּירט זיך ביי אלפי בני קהלתינו אַן אמת'ע התרוממות הלב, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו. די געהויבענע השפעה דערפון ליגט נאָך אין די ביינער ביי יעדן איינעם, און דאָס ערמוטיגט, דאָס וואַרעמט, דאָס באַגלייט געוויס אונז אַלעמען, האָבנדיג זיך אָנגעזאַפּט מיט באַגאַדזשן פון חיזוק, מיט הויפנעס השפּעות און התרוממות הנפש, נאָך וואָס מ'האָט זוכה געווען צו אַזעלכע ימים ומאורעות המבורכים, ווען די גאַנצע שטאָט איז געהויבן געוואָרן מיט אַ "זמן שמחתינו" במלוא מובן המילה, מיט התרוממות'דיגע תפלות, מיט פייערליכע מאורעות, מיט און ריקודים נלהבים, מיט וואַרימע דברי תורה, אנ"ש ראו ושמחו, אשרי העיר שככה לו!

**והיהודים אשר בקרית יואל נקהלו ועשה אתו יום משתה ושמחה! והעיר קרית יואל צהלה ושמחה**

# לאַנגע רייען פון המוני תושבי העיר שלענגלען זיך לענגערע שעות איבערצוגעבן פערזענליך משלוח מנות ולברך ולהתברך ביום הפּורים

**ציבור באַגריסט וואונדערבאַרער געניטער סדר זמני משלוח מנות וואָס האָט זיכער געמאַכט אַז יעדער תושב וחבר הקהלה קען פּערזענליך אריינגיין מיט די קינדער לברך ולהתברך**

פון די הויכפּונקטן פונעם טאג איז געווען ווען אלפי אנ"ש ותושבי העיר בהמוני' האָבן זיך געשלענגלט פאר שעה'ן לאַנג, פאָרנט פון בית הרב שליט"א, צו האָבן די זכי' נשגבה צו קענען אַריינגיין פּערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א, יעדער ראש בית אב באַזונדער, צו מקיים זיין די מצוה פון משלוח מנות דורכאויס די באַשטימטע שעות, און קענען נהנה זיין מאורו הבהיר אין אַזוינע הייליגע גרויסע זמנים, און שעפּן די השפּעות פונעם יום טוב פאר זיך און פאר די קינדער לקיים את הימים האלה, צו איבערגעבן משלוח מנות און זיך וואונטשן אַ פריילִיכן לעכטיגן תמיד וברכות לרוב.

פון די סאמע פּריאָריטעטן ביי די עסקני נאמני הקהלה איז געווען צו פאַרזיכערן אַ סדר הראוי, אַ געניטער פּאַסיגע מהלך פאר די זמני קבלת קהל אין לויף פון טאָג. צו ערשט איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט מיט באַזונדערע זמנים פאר די פּארי הקהלה, די חשוב'ע עלטערע דור וואָס באשיינען כבוד קהלתינו הק', און באַזונדער פאר נגידים ונדיבים בעם וחברי זהב, וואָס האָבן אויסגענוצט די ערשטע שעה פון קבלת קהל אויף אַ רואיגן אופן.

דערנאָך איז געווען די זמנים פאר כל הקהל הקודש, וואָס האָבן זיך געשלענגלט איינס נאָך די אַנדערע צו אויסנוצן די זעלטענע געלעגנהייט פון אריינגיין צום רב שליט"א פּערזענליך בעצם יום הפּורים. וואס פאר א גרויסע ציבור איז דאָס געווען אַן ערשטמאָליגער געלעגנהייט אַריינצוגיין אל החדר הפרטי לברך ולהתברך, זינט דער רב שליט"א איז נתעלה געווארן און נתמנה געווארן דורך כ"ק רבינו שליט"א לעמוד בראש העדה הקדושה, אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם.

דער ציבור האלפים האָט שטאַרק באַגריסט דער געניטער סדר און טראַפּיק אויסשטעל, אַרום די שטוב פון רב שליט"א, ווען די געטרייע נאמני הקהלה אינאיינעם מיט די ווילעדזש באַאַמטע און מסדרים פון די טראַפּיק, האָבן אויסגעשטעלט די בעסטע שייך אַז די טראַפּיק פלוס זאל אָנגיין לויט די בעסטע מעגליכקייטן, אין די נאָכמיטאָג שעות בשעת די זמני משלוח מנות, לשביעת רצון כל תושבי העיר.

# זעלטענע איבערלעבענישן, ריקודין עילאין ונפלאין, פייערדיגע דברי תורה ויראה, ביים קלימאַקס פונעם יו"ט ביי פייערליכער 'מעמד משתה ושמחה' במקהלות עם רב

## פייערדיגע בחינות, דברי חיזוק והתעוררות געזאָגט עטליכע מאָל בלהבות אש במשך פונעם מעמד דורך הגה"צ דער רב שליט"א

ס'איז שווער איבערצוגעבן און שילדערן דעם מחזה הוד והדר, די פייערליכע הרגשים של שמחה והתעלות, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בתוככי ביהמ"ד הגדול קרית יואל, לעת צאת יום הקדוש, דער יו"ט פּורים העעל"ט, ווען דער איבערגעפילטער ביהמ"ד איז אַריין אין אַ העכערער התרוממות'דיגער גייסט, און זיך געוויייקט שעות ארוכות אך ורק להתקרב אל ה', לחזות בנועם ה', צו הערן דברים כדרבונות, דברי תורה ויראה געזאָגט בבחינת נכנס יין יצא סודות התורה. לאַנגע שעות זיך געהויבן אין די לופטן, חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין, אין אַ זעלטענע דביקות והתעלות, אַרומגעוויקלט מיט שטורמישע שמחה'דיגע הרגשים. אַן איבערלעבעניש וואָס דער שטאָט האָט זעלטן מיטגעלעבט אַזוינע שעות של תענוג רוחני והתעלות ודביקות, להודות ולהלל לשמך הגדול על נסיך ועל נפלאותיך, בימים ההם ובזמן הזה!

### דער געניטער אויסשטעל אין בית המדרש הגדול

דער גרויסער בית המדרש איז געוואָרן אויסגעשטעלט מיט'ן מאַקסימום פּלאַץ, אויסגעלייגט פון ברעג צו ברעג זיץ-פּלעצער, פאַר די בעה"ב חשובים ופארי הקהלה, אברכים יקרים, וועלכע זענען געקומען זיך מיטפרייען און מיטלעבן די געהויבענע צייטן דורכאויס די לאַנגע שעות פון פּורים שפּעט נאָכמיטאָג ביז אין די שפּעטע שעות במוצאי יום הגדול, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן ברוב עם הדרת מלך. אויף די צוויי זייטן פון דרום און צפון האָבן זיך געצויגן הויך-שטאקיגע פּאַרענטשעס פאר די טייערע בחורי חמד תלמידי ישיבות הקדושות, וועלכע האָבן נאָך אַן אָנגעפילטער טאָג פון אויסניצן לעסוק במצוות היום, געקומען מיטהאַלטן די זעלטענע מאורע נשגבה, בצוותא חדא כל אנ"ש זקנים עם נערים.

ספּעציעלע כוחות זענען געוואָרן אַריינגעלייגט אויסצושטעלן פּלעצער פאר די עזרת נשים צו אַקאָמאַדירן די נשים צדקניות וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די געלעגנהייט מיטצוהאַלטן אַזאַ געהויבענער זמן. די עקזיסטירנדער עזרת נשים אויפ'ן אויבערשטן שטאָק איז געוואָרן צוגערישט מיט די מאַקסימום פּלאַץ צו פאַרזיכערן בעז"ה אַז די נשים צדקניות קענען אַלעס מיטהאַלטן מיט אַ רואיגקייט.

אין אַ שריט וואס האָט היבש פאַרלייכטערט די פּלאַץ ביי די עזרת נשים, איז געוואָרן צוגערישט אַ צייטווייליגער עזרת נשים אויף מעריב זייט פון היכל בית המדרש הגדול, מיט פּאַסיגע מחיצות ביי די אַריינגאַנג פון די אַלטע בית הוראה, וואָס האָט צוגעברענגט פרישע פּלעצער און אַ רחבות ביי די עזרת נשים צו קענען מיטהאַלטן און מיטלעבן די זעלטענע מעמד ברנה וצהלה, וואָס איז שטאַרק באַגריסט געוואָרן דורך אַלע באַטייליגטע.

### הייליגער אומפאַרגעסליכער מעמד הנהדר

דער געהויבענער מעמד האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט נאָכמיטאָג און האָט זיך פאַרצויגן ביז חצות הלילה. אין די באַשטימטע צייט, נאָענט צו נעילת יום הפּורים, האָט זיך אָנגעהויבן די אומגעהויערע שטראָם פון אלפי אנ"ש ותושבי העיר, וועלכע האָבן געמאַכט די וועג אל גולת הכותרת, תל תלפיות שהכל פּונים אליו, און פאַרנומען די ערטער וואָס איז בליץ-שנעל געוואָרן איבערגעפילט עד אפס מקום.

במשך פונעם מעמד איז געוואָרן סערווירט אונטן אין די חדרי תפלה וואַרימע טעימה, און גענוג און נאָך קאַלטע משקאות, אויסגעשפּרייט אויף אַלע זייטן פונעם ביהמ"ד, להחיות נפש כל חי. צום באַוואונדערן איז געווען די איבערגעגעבענע אַרבעט וואָס די געטרייע 'נאמני הקהלה' האָבן אַריינגעלייגט מיט כוחות עצומות צו האַלטן אָרדענונג במשך פונעם גאַנצן מעמד, לכבוד והנאת כל הציבור הגדול, און באַזונדער זיכער צו מאַכן שלא יחסר המזג מיט'ן פאַרשפּרייטן קאַלטע משקאות רינגס אַרום אַלע ערטער און פאַרענטשעס, אין די צייטן וואָס די פלאַמעדיגע ריקודין זענען פאָרגעקומען.

ווען הגה"צ דער רב שליט"א איז ערשינען במלוא הדרו בתוככי היכל הגדול, האָט זיך דער גאַנצער פאַרזאַמלטער ציבור ספּאָנטאַניש אַרויסגעלאָזט אין ריקודין עילאין ונפלאין, מיט פּאַסיגע לעבעדיגע ניגונים, אַראָפּגעזינגען אויף אַ חסידיש'ן היימישן פאַרנעם, געזינגען דורך די באַרימטע חסיד'ישע חבריא פון 'משוררי הקהלה', ובראשם דערקענט זיך די הילכיגע זיסע שטימע וואָס האָט אָפּגעהילכט אַזוי ענערגיש און חיות'דיג במשך די אַלע שעות ארוכות פונעם מעמד, דורך האברך מו"ה ר' וואָלף בראַוער הי"ו, מראשי משוררי הקהלה.

די משוררים האָבן אָנגעפירט מיט די ניגוני דביקות והתעוררות אין אָנהייב פונעם מעמד, און באַזונדער בעפאָר און נאָך יעדן שטיקל דברי תורה ויראה דורך דער רב שליט"א. הייליגע אַלט-פאַרצייטישע ניגוני דביקות און תנועות מבית מדרשו של רבי, וואָס האָט מעורר געווען געגועין און השתוקקות להתקרב אל ה'.

### פייערדיגע דברי תורה ויראה מלא דביקות, משלוח מנות פון 'שעות רצופות', חרוזין לכבוד היום

דער התרגשות און התעלות איז געווען עד אין לשער, ווען דער ציבור הגדול האָט עטליכע מאָל במשך פונעם מעמד געהאַט די זכי' צו הערן פייערדיגע דברי תורה ויראה אין אַזאַ געהויבענע און זעלטענע זמן, וואָס הגה"צ דער רב שלט"אַ האָט משמיע זיין בפני קהל ועדה, מיט הייליגע בחינות און רמזים מפי רבותיה"ק זי"ע, הערליך אַריינגעטייטשט אין די פסוקי המגילה, מתובל מיט דברי חיזוק והדרכה וואָס מ'קען מיטנעמען מיט זיך אויפ'ן גאַנצן יאָר, באַגלייט מיט די לעכטיגע השפּעות וואָס דער יו"ט גיסט אַריין אין יעדן איד.

אינמיטן פונעם פייערליכן מעמד, איז אַ שליח פון די בחורי חמד, די לעכטיגע תלמידי ישיבות קטנות, ארויפגעקומען אל פני המזרח און איבערגעבן אל ידו פונעם רב שליט"א אַ הייליגער משלוח מנות, פון 'איבער זעקס טויזנט שעות רצופות', וואָס די הונדערטער בחורי חמד האָבן אויסגענוצט אין די לעצטערע וואָכן, אין אַ בחינה פון הדר קבלוה, זיך גרייטנדיג אויפ'ן געהויבענעם יו"ט פּורים. דער רב שליט"א האָט בצהלת פּניו איבערגענומען די טויזנטער שעות לימוד התורה פון די בחורי חמד, און דערנאָך האָט זיך דער גאַנצער ציבור אַרויסגעלאָזט אין פייערליכע קבלת התורה ניגונים, לשוש ולשמוח בזאת התורה, צו ווידעראַמאָל מקבל זיין עול התורה באהבה ורצון, הדר קבלוה בימי הפּורים האלה!

אין אַ מאָמענט פון שמחה וצהלה האָט דער מכבד ד' מגרונו, הרבני הנכבד מו"ה ר' ישראל חיים גרינהוט הי"ו מחשובי אנ"ש, אויפגעטרעטן מיט הערליכע חרוזין ודברי בדחנות, וואָס איז געווען פאַכמאַניש צאַמגעפלאָכטן גראַמען אַרויסצוהייבן די זכי' נשגבה וואָס קהלתינו הקדושה האָט זוכה געווען זיך צו הייבן מעלות רמות זינט הגה"צ דער רב שליט"א איז געשטעלט געוואָרן אַלס איש על הדעה דורך אביו הגדול כ"ק מרן רבינו שליט"א. באַזונדער האָט ער אַרויסגעברענגט די מעלות און זכיות אין יעדן הינזיכט פון די קהלה און מוסדות וואָס ווערט געפירט מיט אַן עינא פקיחא דורך דער רב שליט"א, באַגלייט מיט פריייליכע שטיקלעך און ווערטער כנהוג על שלחן רבותיה"ק בימי הפּורים.

כי אנו בניך ואתה אלוקינו! להודיע שכל קויך לנצח כל החוסים בך! אין עוד מלבדו! אָה, די פלאַמעדיגע ריקודין נפלאין וואָס כל קהלא קדישא הדין, זקנים עם נערים, פּני העדה, פּארי הקהלה, נכבדי בע"ב, אברכים החשובים, זייט-ביי-זייט מיט די לעכטיגע בחורי ישיבות הקדושות, אינאיינעם מיט די תינוקת של בית רבן די לויטערע קינדערלעך, וואָס האָט זיך פאַרצויגן שעה'ן לאַנג, זיך נישט קענענדיג אָפּרייסן פון אַזוינע לעכטיגע התרוממות'דיגע מאָמענטן, נישט ווערנדיג מיד אָדער פאַרמאַטערט פון זיך הייבן טפח על גבי קרקע, איינמאָל און ווידעראַמאָל, אין אַ היכל הגדול וואָס איז געווען איבערגעפילט און איבערהיצט באש קודש. דאָס האָט מרומם געווען קהל עדתינו, דאָס האָט מאחד געווען אונטער אומפאַרגעסליכע אומשטענדן די גאַנצע עדה הקדושה עד להפליא, וואָס וועט שווער קענען פאַרגעסן ווערן, און די לעכטיגע השפּעות וועט זיכער באַגלייטן ווייטער לרומם ולהדר, להתעלות ולהתקרב אל ה', וזכרם לא יסוף מזרעם!

**דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר שָׁלוֹם לְכָל זַרְעוֹ!**

בס"ד

איר האָט עס געמאַכט
פאָריגע מאָל?

# יעצט גרייט אייך נאָכאַמאָל!



ב"ה א ריזיגער ציבור הלומדים האָבן דערגרייכט צו
נעמען די פאַרגאַנגענע בחינה א' ויקהל העעל"ט

אַצינד צו די קומענדיגע בחינה!
מאַכט זיכער איר באַקומט די הוספה.

לערנט בקביעות. חזר'ט איבער די בלעטער.
לאָמיר זיך זען ביים קומענדיגן בחינה א' תזריע.
לימודי החודש צא. - קא: חזרת החודש פא. - צ:

זכרון
• תורת מש"ה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוקל"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

לערנט | חזר'ט | נעמט די בחינה

באַקומט די באנוס 100$ + געוועלנליכע שכרה בצדה.

בחינה ו' - א' ויקהל
לימודי החודש פ"א - צ: חזרת החודש ס"ט - פ:

בחינה ז' - א' תזריע
לימודי החודש צ"א - ק"א: חזרת החודש פ"א - צ:

חבורת
לומדי
ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון החבורה
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

# שטורעם נעמט ארום יהדות ניו יאָרק נאָך ערשיינונג פון בלויז ערשטע 'מסורה' אויפלאגע; רייע אומבאַגרינדעטע בלבולים צעפאַלן שטאַפּלווייז נאָך קריסטאַל קלאָרע אויפגעדעקטע פאַקטן באַגלייט מיט קראַנטע דאָקומענטן




**ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!**

ברוב שבח והודאה להשי"ת איז אונז א כבוד און א זכות צו פרעזענטירן פאַר'ן ציבור, שלומי אמוני ישראל, די גייסטרייכע אויסגאַבע וואָס איר האַלט אַצינד אין דער האַנט, מיט אַ סעריע פון אינפאָרמאַטיווע ידיעות און באַלערנדע מאמרים, אַלס די ערשטע רינגעלע אין דעם קייט פון פעולות לטובה, דורך די נאָרוואָס פריש - געגרונדעטע אָרגאַניזאַציע "מסורה", וואָס טוט בעז"ה פאַרשפרעכן אַ נייע עפּאָכע על משמר מסורת אבותינו ורבותינו הק'.

אייגנטליך איז אַ נייע אָרגאַניזאַציע נישט קיין נאָווינע אין די יעצטיגע טעג. מיר האַלטן מיט אַ וועלט וואו עס שפּראָצן אַרויס יעדן שני וחמישי אַלע ערליי גליונות, טעלעפאָן ליניעס און אָרגאַניזאַציעס, אַזוי אַז ס'פרעגט זיך נאַטירליך די פראַגע: 'תבן אתה מכניס לעפרים'?!

**'מסורה' איז אָבער עפּעס אַנדערש.** 'מסורה' ברענגט צום טיש אַ חידוש, וואָס וועט בעז"ה אנפולן אַ ליידיגן חלל, אויף וואָס דער ציבור לעכצט שוין גאָר אַ לאַנגע ווײַלע.

'מסורה' שטעלט מיט זיך פאר אַ געקליבענע קבוצה פון **בעלי בתים נכבדים**, וועלכע האָבן גענומען פאר אַ ציל צו ברענגען פאַר'ן ציבור די קלאָרע פאַקטן, די **איינפאַכע ידיעות און די אומצענזורירטע דאָקומענטן**, אַלעס אַנבאַלאַנגט די באַמיאונגען צו באַשיצן אונזער הייליגע **מסורת אבות**, אָט די ריינע ערליכע מסורה וואָס מיר האָבן מקובל פון אבותינו ורבותינו הק' מדור דור, בלי שום שינוי חלילה.

■■■

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז ווען עס האַנדלט זיך מיט אַזעלכע הייקעלע אינפאָרמאַציע ווערט דאָס איבערגעגאַנגען מיט פאַראַנטוואָרטליכע אישי הציבור וואָס טוען פאַרזיכערן אַז **יעדעס וואָרט איז קראַנט און פּאַסיג** צו אַרויסגיין אויף דער גאַס, שלא יצא מכשול ח"ו מתחת ידינו.

שטייענדיג ביים אָנהויב פון דעם הייליגן שליחות טוט 'מסורה' פאַרשפרעכן **אַ פולקאָמע כבוד התורה ולומדיה.** צווישן די בלעטער און פעולות פון 'מסורה' וועט בעז"ה געשטעלט ווערן **אַ שטאַרקע געוויכט אַז ס'זאָל ח"ו קיינמאָל נישט אַרויסקומען קיין שום פגיעה אין דעם כבוד פון ת"ח, רבנים אָדער מורי הוראות בישראל.** מיר וועלן בעז"ה שטיין על המשמר נישט צו ווערן אַריינגעשלעפּט אין בלאָטע, נאר פשוט ברענגען די טרוקענע פאַקטן און מציאות הדברים, ויראו הקהל וישפוט.

זאל טאַקע ביי דער געלעגנהייט דערמאַנט ווערן אַז רבנים, מורי הוראה, און אישי הציבור, וועלכע ווילן באַקומען מער קלאָרקייט אין סיי וועלכע חלק פון דאָס מציאות הדברים בעבר ובהוה, קענען זיך אַלעמאָל פאַרשטענדיגן מיט דער 'מסורה' אָרגאַניזאַציע, דורכן טעלעפאָן אדער אימעיל, וואו די עסקני המפעל זענען שטענדיג גרייט אַריבערצוקומען בכבוד הראוי, צו איבערשמועסן און אָנצייגן אויף די אַקטועלע פאַקטן און דאָקומענטן, ולהעמיד הדברים על מכונם אויף אַ קראַנטן און באַשיידענעם אופן בעז"ה.

ס'איז אונזער האָפענונג און תפלה צו השי"ת אַז די פעולות פון 'מסורה' זאל טאַקע ברענגען דעם תכלית הנרצה, דעם געוואונטשענעם מטרה פון **"צאי לך בעקבי הצאן"**, צו וויסן און געדענקן דעם 'דרך נלך בה ואת המעשה אשר נעשה', אַז מיר זאָלן טאַקע זוכה זיין צו דער ברכה פון 'ונהי' כולנו אנחנו וצאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה', אויפ'ן אויסגעטרעטענעם וועג המקובל לנו.

ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו.

מערכת 'מסורה'

מסורה — גליון מסורה - גליון א' | אדר ב' תשפ"ד לפ"ק -

## זעלטן קלאָרע מאמרים אין די ערשטע 'מסורה' סעריע פאַרלעשט און צעבלאָזט לעצטע פונקן פון זינלאָזע השמצות קעגן מנהיגי ישראל נ"ע ולהבחל"ח מנהיגי ישראל החיים אתנו און באַפעסטיגט שטאַנד פון מסירת נפש'דיגע שליחי המוסדות הק' די העלדישע לוחמים וועלכע קעמפן אויפן פראנט על משמר החינוך הטהור

### צאי לך בעקבי הצאן!

קלאָרע געזעצן צייגט קליפ און קלאָר: בלויז מוסדות הקדושים וועלכע קלאַמערן זיך און זענען אוועקגעשטעלט בדרך המסורה זענען באַשיצט פון אזא באַגריף און מושג ווי רעגירונג צוואנג צו לערנען שמד, כפירה, תועבה וכדו' מיט אונזערע טייערע קינדער די לעבעדיגע תשב"ר

כל המוסי"ף גור"ע - לבל ניטע ימין ושמאל!

# 'מסורה' באשטעטיגט:




## איינציגע און פאַרזיכערטע גאַראַנטיע צו אָפּהאַלטן יעדן פרוואוו פון רעגירונג אַריינמישונג אין דעם חינוך הדורות, איז בלויז דורך אנהאלטן מוסדותינו הקדושים אַריגינעל ווי רביה"ק זי"ע האָט באַשטימט פאַר זיינע הייליגע מוסדות אויף יעדן טריט און שריט מיט 76 יאָר צוריק ומינה לא נזיע!

נזכרים ונעשים בכל דור ודור:

## סעריע פון 'מסור־ד־ה' פובליקאַציעס גאלאפירט ווייטער מיט הייליגע מבצע פארצוזעצן שטאַפּל נאָך שטאַפּל מיט קלאָרע ציל אויפצודעקן די אמת'ע פאַקטן וואס יעדער קען דאָס זעלבסט נאכגיין און באשטעטיגן איר וואָרהייט

# והאמת עד לעצמו!

הייליגער רוף פון אלפי יהדות הצרופה צו די מנהלי המוסדות זיך אנצוהאלטן אין די דרכי הראשונים און ממשיך זיין בדרך המסורה פון דעם רעיא מהימנא קדישא רבינו הק' זי"ע צו באשיצן אונזערע קינדער פון לימודי כפירה, תועבה, און שמד רח"ל

זעלטענע אינטערעס צום צווייטן אויפלאַגע פון 'מסורה' מיט דורכדרינגליכע און ריכטיגע אינפאָרמאַציע איבער די געפאַר פון דעם פלאַקערדיגן גזירת החינוך אין ניו יאָרק און איבער די הייליגע פעולות דורך די מנהיגי ישראל להעביר את רוע הגזירה

**צידהט זעלטענע אינטערעסע ביים יהדות הצרופה**

**ההולכים בדרך המסורה לנו מדור דור**


בס"ד
NUAH 845.513.0001


וקיימנו והגיענו
לַבִּנְיָ"ן הַזֶּה
קהל יטב לב ד'סאטמאר
בנין יאקאבאוויטש
המבצר האדיר
לתפארת ק"ק סאַטמאַר
בימה"ד הגדול והמפואר
קהל יטב לב ד'סאטמאר
מעריזזאולד - בלומינגראוו
בנין יאקאבאוויטש
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א
יום פתיחת שערים
ר"ח ניסן - ג' תשפ"ד
והבית בהבנותו
הבית הגדול
מגדל עוז רם ונשא בנוי לתל תלפיות
בתכלית החן והיופי אשר ממנו תצא
תורה
עבודה
הוראה
קדושה וטהרה
צדקה וחסד
לאלפי אנ"ש יראי ה' וחושבי שמו
בדרך אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע
רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, לִפְתּוֹ"חַ עֲלֵיכֶם, לְהִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹכְכֶם, קָדוֹשׁ

### אויפן האַרציגן רוף וקריאת הקודש פון מאור הגולה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

# אַלוועלטליכער יום תפלה ווערט אפגעראַכטן דעם היינטיגן דאָנערשטאָג פ' צו, אין אַלע סאטמאַרער בתי מדרשים ומוסדות החינוך, למַען חינוך דורותינו

**אין דער זעלבער צייט ווען ס'ווערט אָפגעהאַלטן קריטישע 'הירינג' אין אַפּעלאַט געריכט וואו הערצאָגישע שליחי כלל ישראל קעמפן העלדיש קעגן ביידזוויליגע פרואוון לפגוע בחינוך הטהור דורך צוריקשטעלן גאר שווערע קאָנסקווענצן אויף קינדער וואס לערנען אין ישיבות וועלכע די סטעיט באצייכנט אלס נישט-עקוויוועלענט**

## אגודים בצרה לשפוך תחנה;

## צענדליגער טויזנטער תינוקות של בית רבן איבער דער גאָרער וועלט וועלן שפּאַלטן די שערי שמים, איינס דרייסיג נאָכמיטאָג, מיט מזמורי תהלים און אבינו מלכנו, ביי ריזיגע מעמדי "בקשת רחמים"

**וויליאַמסבורג;** אלפי תינוקות של בית רבן פון די עלטערע כתות התת"ת וועלן זיך צוזאַמקומען אין בית מדרשו של רבי, **היכל בית המדרש הגדול**, לבקש ולהתחנן על ביטול רוע הגזירה.

**קרית יואל;** טויזנטער תלמידי המוסדות הק' וועלן אינאיינעם מעורר רחמים זיין ביים **ציון המציונות פון מייסד המוסדות, מרן רבינו הק' זי"ע**, רבינו עמוד בתפלה בעדינו, כי צאן רועה נאמן הי' לחרפה.

**גרעיטאָר ניו יאָרק;** אויך אין **באָראָ פּאַרק**, **מאָנסי** און אין אַלע היימישע געגנטער וועלן די תלמידי המוסדות הק' זיך צאַמקומען תחת קורת גג אחד, לעורר רחמים רבים.

**ירושלים עיה"ק;** תלמידי **מוסדות יטב לב** וועלן זיך משתתף זיין בריחוק מקום וקירוב הלב להעתיר מהררי ציון וירושלים בעד אחיהם שבגולה.

**מנער ועד זקן;** תפלות רבים וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן בשעת מעשה אין אַלע **היכלי הישיבות והכוללים**, און אין די **בתי חינוך לבנות "בית רחל"** בכל רחבי ניו יאָרק. אַלע מוסדות הק' וועלן אָפּשטעלן די סדרי הלימודים וסדרי היום אינמיטן העלן טאָג איינצוזרייסן להעביר את רוע הגזירה פון כלל ישראל.

**טויזנטער עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, וועלן מיטהאַלטן לעבעדיג האַרץ-רייסנדע תפלות בהבל פיהם של אלפי תינוקות של בית רבן, דורך צענדליגער טויזנטער ליניעס וואו מ'וועט אינאיינעם איינרייסן מיט מזמורי תהלים ואמירת אבינו מלכנו - ותעל שועתם אל אלקים**

ניו יאָרק. - "הבערה ללהב יצאת", אַ געוואַלדיגע התעוררות רחמים רבים שפירט זיך אין די טעג די צענדליגער טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר אומעטום, ובפרט ביי די פילע טויזנטער תינוקות של בית רבן, בחורי חמד, אברכי הכוללים, תלמידות הבית רחל, און געוויס ביי די אלפי ההורים וואָס צאַפּלען מיט שרעק פאַר'ן עתיד דורותיהם, ווען בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז פאַררופן געוואָרן אן אַלוועלטליכער יום תפלה, דעם היינטיגן דאָנערשטאָג פרשת צו,צו מתפלל זיין און איינרייסן ביי אבינו שבשמים אַז די אַלע גזירות האיומות וואָס באַדראָען דעם חינוך פון די קינדערלעך זאָל חלילה נישט קענען צושטאַנדקומען -- און מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן צו ערציען אונזערע דורות אויף'ן וועג וואָס מרן רבינו הקדוש זי"ע האָט אונז געלערנט און ווי ממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א טוט עס ווייטער אָנהאַלטן בעוז ובתעצומות.

חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו, שלא תאבד שארית יעקב! דער יום תפלה איז אויסגערופן געוואָרן דורך דעם ראש גולת אריאל ומגן החינוך הטהור, כ"ק אדמו"ר שליט"א, שטייענדיג בעפאָר אַ גורל'דיגע מאָמענט, ווען דער ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט וועט באַהאַנדלען און באַשטימען זייער אורטייל איבער דעם עתיד פון דעם ריינעם חינוך הדורות אין ניו יאָרק.

"עת צרה היא ליעקב, כי בצרה גדולה אנחנו". - ס'געדענקט זיך באמת נישט אין די לעצטערע צענדליגער יאָרן אַזאַ מורא'דיגער זמן, ווען מ'זאָל מוזן אויף אַזאַ אופן, אַזוי איינרייסן מיט אַזאַ פאַראייניגטער

Mosdos Satmar V'Yoel Moshe, Kiryas Joel
ישיבה תורה ויראה ובית רחל ויואל משה דסאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
Office: 5 Buchanan Ct. #111 Monroe NY 10950 · Mailing Address: P. O. B. 2027 Monroe NY 10949 · Tel. 845-782-8800 · Fax 845-230-7679

בס"ד

יום ג' לסדר "אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד לֹא תִכְבֶּה" תשפ"ד לפ"ק

## לָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ לְהִתְחַנֶּן לוֹ וּלְבַקֵּשׁ מִלְּפָנָיו עַל עַמָּהּ

### לכבוד די חשוב'ע עלטערן — די טאַטעס און מאַמעס — פון מוסדותינו הקדושים הע"י

ווי אַלע חשוב'ע עלטערן ווייסן און האַלטן מיט איז אַצינד כלל ישראל איינגעוויקלט אין אַ שווערן ביטערן קאַמף פאַר'ן עתיד החינוך הטהור פון אונזערע דורות, און יעדנס האַרץ צאַפּלט פאַר שרעק אַז ס'זאָל ח"ו נישט געלונגען פאַר די רעגירונג גוזר צו זיין די גזירות רעות עלינו ועל דורותינו. אין די ראַמען פון דער מלחמה כבידה וואָס דאָס יהדות החרדית פירט בעז"ה בחירוף נפש למען הצלת דורותינו, וועט פאָרקומען 'אַ שווערע געריכטליכע הירינג'

## דעם דאָנערשטאָג פרשת צו בשעה 1:30 מיטאָג

וואו די געטרייע אַדוואָקאַטן פון די פאַראייניגטע מוסדות התורה אין ניו יאָרק וועלן זיך פאַרמעסטן מיט די רעגירונג'ס פאָרשטייער פאָרצולייגן די קלאָרע אומצווידייטיגע שטעלונג פון יהדות החרדית

דעריבער לאור המצב הקשה הנורא, איז באַשטימט געוואָרן אין די זעלבע צייט זה לעומת זה

### על פי פקודת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

### אַ יום תפלה פאַר אַלע תלמידי מוסדותינו וישיבותינו הקדושים, די בכל אתר ואתר

איינצורייסן ברחמים ובתחנונים דאָנערשטאָג 1:30 למען הצלחת שליחי בית ישראל ולמען ביטול הגזירה

**טייערע עלטערן, זייט אייך מתבונן**

די עסקנים פרובירן צו טוען די מאַקסימום השתדלות וואָס נאָר מעגליך בדרך הטבע אָפּצושלאָגן די גזירה רעה, אבער מ'דארף אסאך כוחות שלא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, **יעדער טאטע און מאמע דאַרף אַראָפּנעמען צייט און מתפלל זיין מיט אַן ערנסטקייט, איינרייסן צום הייליגן באַשעפער, כי בנפשינו הוא הדבר!** די הייליגע ריינע תפלות וואָס ערליכע אידישע טאַטע-מאַמע בעטן זיך בתמימות פאַר זייערע דורות וועט זיכער עושה רושם זיין בשמי מעלה.

בזכות פון אונזערע תפלות ירא ה' ויביט בעני עמו, **דער רבוש"ע זאָל צוקוקן אונזער קלעם און זיך דערבאַרעמען אויף אונזער עתיד הדורות, מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן מיט אונזער שמירת התורה והמצוות וחינוך דורותינו אַזוי ווי מיר האָבן מקבל געווען במסי"נ דור אחר דור,** ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום בנערינו ובזקינינו נלך לקראת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

**הנהלת הישיבה**

---

תפלת הרבים, אויף אַ ביטול הגזירה וואָס הויערט איבער "אונזערע קעפּ" דאָ במקומינו, ווייל אזא צרה איז דאָך באמת נאָכנישט געווען דאס גלייכן! אַז אין דעם פלאץ וואו מיר וואוינען, וואס מ'האט געהאפט אז מ'זאל מיט א רואיגקייט דאָהי קענען מקיים זיין תורה ומצוות און ערציען די דורות עד ביאת הגואל, זאָל צושטאַנדקומען אַזאַ צרה צרורה, אַז די רעגירונג זאָל זיך וואַגן גוזר זיין אזעלכע גזירות רעות אין די פונדאַמענטאַלסטע אידישקייט-יסודות וואָס גייט בנפשינו, און מיר קענען אויף דעם נישט איינשטימען, מיר קענען צו דעם נישט איינגעבן, בשום פנים, בשום אופן, און – ווי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט אויסגערופן – מיר וועלן דערצו קיינמאָל זיך נישט צושטעלן!

## די טעכנישע דעטאלן ארום דעם יעצטיגן הירינג

די יעצטיגע געריכט סעסיע קומט נאכדעם וואס די ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט האָט אַריינגעגעבן זייערע פּאַפּירן צו די סטעיט'ס אַפּעלאַט דיוויזיע אין זייער פּאַרזוך איבערצוקערן דעם גונסטיגן אורטייל וואָס פערל"ס האָט געווינען פאראיאר, ערב ראש חודש ניסן, אָפּצושאַפן אַ טייל פון די גזירת החינוך רעגולאַציעס. איצט וואַרט מען אַז אַ פּאַנעל פון אַרום פינף ריכטער זאָלן אָפּהאַלטן אַ הירינג אויף די קעיס, וואָס איז באַשטימט פאַר דעם היינטיגן דאנערשטאג.

די סטעיט טוט אפעלירן דעם אורטייל פון ריכטערין קריסטינאַ ריבאַ, וועלכע האט ביים פאריגן אורטייל ב"ה אנגענומען א טייל פון די פערל"ס טענות אַז די סטעיט האָט נישט קיין אויטאָריטעט אויף פּריוואַטע שולעס. זי האָט דעריבער געאורטיילט אַז ווען אַ שולע קומט נישט נאָך זייערע פּאָרשריפטן, האָט נישט די ניו יאָרק סטעיט עדיוקעישאָן דעפּאַרטמענט די אויטאָריטעט צו הייסן אַרויסנעמען די קינדער פון די שולע. מערסטנס - האָט ריכטערין ריבא געאורטיילט - קענען זיי פאַרלאַנגן פון עלטערן צו ווייזן וואו די קינדער באַקומען די נויטיגע עדיוקעישאָן, וואָס קען צוגעשטעלט ווערן פון עטליכע פלעצער קאָמבינירט, אַריינגערעכנט פון זייער היים אָדער דורך אַנדערע אופנים.

דער אורטייל האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די SED'ס כח צו פאָרסירן די גזירה, און האָט געברענגט אַ שטאַרק פאַרלייכטערונג ביי די מוסדות התורה און דעם גאַנצן ציבור צו קענען בעז"ה באַקעמפן די גזירה פון אַ פיל שטערקערע און פעסטערע פּאָזיציע. בעת די מוסדות התורה און געטרייע עסקנים ארבעטן אויף פארשידענע פראנטן ווי אזוי זיך צו ספראווען און איבערקומען די נייע רעגולאציעס, וועלכע זוכן ארויפצולייגן א כסדר'דיגן קאנטראל אויף די מוסדות התורה צו מ'לערנט די פארשידענע סאבדזשעקטס וואס דער געזעץ האט אלץ פארלאנגט, לויט ווי אזוי די באאמטע באשליסן - וואס שטעלט אויס מוסדות התורה און עלטערן צו כסדר'דיגע דראאונגען אויב די באאמטע באשליסן אז זיי זענען אומצופרידן מיט'ן לערן פראגראם א.ד.ג. האט דער ריבא אורטייל דראסטיש רעדוצירט די סטעיט'ס שטערקסטער כח און שטעקן אויף די ישיבות, וואס מאכט לייכטער צו האנדלען מיט די גזירה פון א שטערקערע פאזיציע, אן די שרעק פון שוידערליכע זאפארטיגע קאנסקווענצן פון קענען שטראפן עלטערן וואס נעמען נישט ארויס קינדער פון ישיבות וועלכע די סטעיט באצייכנט אלס נישט-עקוויוועלענט.

אָנפאַנג היי-יאָר האָט די סטעיט זיך אבער געוואָנדן צום אַפּעלאַט געריכט'ס דריטע דיוויזיע, וועלכע האָט די יוריסדיקציע אויף אָלבאַני און אַרומיגע קאַונטיס, צו איבערדרייען דעם אורטייל.

די סטעיט זוכט אַז די אַפּעלאַט געריכט זאָל זיי ערלויבן צו הייסן עלטערן אַז זיי מוזן אַרויסנעמען די קינדער פון שולעס וואָס ווערן געטראָפן צו זיין נישט-עקוויוועלענט. דאָס דראָעט ח"ו צו פילפאַכיג מער אויסשטעלן עלטערן צו געלט און קרימינאַלע שטראָפן - אַריינגערעכנט תפיסה - אויב זיי איגנארירן אַ פאַראָרדענונג אַרויסצונעמען די קינדער פון אַ מוסד וואָס די סטעיט באַצייכנט נישט עקוויוועלענט, און זיי אַריינשטעלן אין אַ באַשטעטיגטע שולע אָדער זיי איינצושרייבן אין האָומסקולינג - וואָס דאָס פאַרלאַנגט אויך אויפצאווייזן קלאָר אַז זיי לערנען אַלע פאַרלאַנגטע סאָבדזשעקטס, וויפיל זיי לערנען דערפון און נאָך.

אויך וויל די סטעיט אַז דער געריכט זאָל אורטיילן אַז קינדער מוזן באַקומען זייער גאַנצע געזעץ-פאַרלאַנגטע עדיוקעישאָן אויף איין אָרט - דורך האָומסקולינג אָדער אין אַ שולע. דאָס וועט מאַכן פיל לייכטער פאַר די סטעיט צו פאָרסירן די רעגולאַציעס, און עלטערן וועלן נישט קענען זאָגן אַז זיי לערנען צו מיט קינדער וואָס עס ווערט נישט צוגעשטעלט אין שולע.

ווי ערוועהנט איז די 'הירינג' באשטימט געווארן אויף דעם היינטיגן דאנערשטאג. די געטרייע אַדוואָקאַטן אין שפּיץ פון ר' אבי שיק - דער געטרייער שליח פון רוב מוסדות החינוך אין ניו יארק בהוראות מנהיגי הרוחני פון די מוסדות החינוך כ"ק האדמורי"ם רבנים וראשי ישיבות שליט"א, וואָס קעמפן שוין קעגן די גזירות פאַר איבער אַכט יאָר - און זיין פירמע און די אַדוואָקאַטן וואָס העלפן אים אַרויס לייגן אַריין שווערע כוחות זיך אָנצוגרייטן פאַר אַלע סאָרטן טענות וואָס קענען אויפקומען און מ'האָפט אַז די ימים המסוגלים וועלן בעז"ה ברענגן אַ ישועה פאַר כלל ישראל, עס זאָל מקויים ווערן ליהודים היתה אורה ושמחה וששון יקר.

## מי שענה למרדכי ואסתר בשושן הבירה הוא יעננו

די מסירת נפש'דיגע שתדלנים ושלוחי כלל ישראל שלאָפן טאַקע נישט קיין טעג און נעכט, מען האַלט שוין נאָך לאַנגע חדשים פון אויסאַרבעטן אַלע סטראַטעגישע דעטאַלן אויפ'ן לעגאַלן און טעכנישן פראָנט, אַז דאָס געריכט זאל בעז"ה זיך ענדיגן מיט אַ נצחון פאַר'ן חינוך הטהור, להעביר את רוע הגזירה.

אָבער מיר אידישע קינדער ווייסן גוט אַז דער איינציגער וואָס קען אונז באמת העלפן אין דעם גרויסן 'עת צרה' איז דער הייליגער באַשעפער, המלמד תורה לעמו ישראל! ווי די געטרייע שליחי דרבנן ושליחי דידן צייגן אן האַלטן מיר באמת אין אַ מצב וואָס "תורה הק' התחננו בבקשה" - מען האָט גענומען די הייליגע תורה אליינס אויפ'ן וואָגשאָל!

די געטרייע פערל"ס אַדוואַקאַטן האָפן אָבער צו קענען איבערצייגן דעם געריכט אין די לעכערליכקייט פון די סטעיט'ס טענות. אבער מ'איז קריטיש אנגעוויזן אויף די תפלות ישראל אז עס זאָל מקויים ווערן הפרת את עצתם וקלקלת את מחשבתם, די געטרייע אַדוואָקאַטן און עסקנים זאָלן זען הצלחה במעשי ידיהם למען עתיד הדורות, און מ'זאָל זען ישועות בימים ההם בזמן הזה דורך די טאָטאַלע ביטול פון די גזירה אויפ'ן חינוך.

## כִּי אִם הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת!

דער רועה הנאמן ומגן החינוך הטהור, כ"ק מרן רבינו שליט"א, האָט דערפאַר באַאויפטראַגט די הנהלת המוסדות הק' די בכל אתר ואתר, אַז אין דעם גורל'דיגן מאָמענט זאָל מען צוזאַם נעמען די קינדערלעך צו זאָגן אינאיינעם תהלים און אבינו מלכינו, אַזויווי מרדכי הצדיק האָט געטון בשעתו ביי דער גזירת המן, צו שפּאַלטן הימלען מיט תפלות אַז אונזערע לעכטיגע קינדער זאלן ווייטער קענען באַקומען דעם זעלבן חינוך פון אבותינו ורבותינו הק' בלי

שום שינוי כל שהוא!

"עת לעשות לה' הפרו תורתיך." – אַזוי אויך אין אַלע ישיבות הק' און כוללים ברחבי ניו יאָרק וועט מען אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכן די גמרות און שלחן ערוך'ס, און אַפירנעמענדי תהלים'לעך לקרוע שערי שמים. "בנותינו כזוויות מחוטבות תבנית היכל". אויך די פילע טויזנטער הייליגע בנות ישראל הכשרות אין די בתי חינוך לבנות "בית רחל" ברחבי ניו יאָרק וועלן מיט זייער תמימות זיך בעטן ביים רבוש"ע ער זאָל זיי – און זייערע געשוויסטער, און זייערע דורות – ראַטעווען פון די גזירות רעות, ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן ביקש לעקור את הכל, די גזירה צילט "אַלע" אידישע קינדער, און אויב זאָל דאָס חלילה זיך דאָס איינגעבן איז דאָך עס אַ גזירת כלי' אויף כלל ישראל, ה' ישמרנו.

גלייכצייטיג איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספעציעלער סדר פאר דעם 'מעמד בקשת רחמים', ווען צענדליגער טויזנטער עלטערן און זיידעס, וועלן אַריינרופן די ספעציעל באַשטימטע טעלעפאָן ליניעס, צו מיטהאַלטן לעבעדיג די תפלות פון די הבל פיהם של תשב"ר, און אינאיינעם מיט זיי מתפלל זיין פון די טיפענישן פון האַרץ, אַז אונזערע לעכטיגע קינדער זאלן ווייטער קענען באַקומען דעם זעלבן חינוך פון אבותינו ורבותינו הק' בלי שום שינוי כל שהוא!

אידישע קינדער האפן און קוקן אַרויס אַז ס'זאָל שוין זיין "תשועתם היית לנצח ותקוותם בכל דור ודור". דער רבוש"ע זאל צוהערן אונזערע תפלות און אונזערע טרערן, די שלוחים פון כלל ישראל זאלן שוין מצליח זיין צו מבשר זיין אויף די געגצליכע ביטול הגזירה בעז"ה, להפר מחשבות ערומים, אמן.

**אִם מִזֶּרַ"ע הַיְּהוּדִים לֹא תוּכַל לוֹ! כלל ישראל, אונטער די ערליכע מנהיגי ישראל, פאראייניגט לדורן לתפלה ולמלחמה, מיט מסירת נפש!**

# אַלע היימישע מוסדות התורה והחינוך, תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס, לענגאוים גרעטער ניו יארק זענען אנגעשלאסן אין יום תפלה רבתי לבקש ולהתחנן על עמה

## די הייליגע מוסדות החינוך וועלכע געפינען זיך צוזאַמען אין דעם הייליגן לאַנג – פאַרצויגענעם קאַמף למען עתיד צאצאינו וועלן אַלע אָפּרעכטן שטורמישע מעמדי תפלה והתעוררות, אין דער זעלבער צייט וואָס עס וועט פאָרקומען די הירינג אין געריכט, איינס דרייסיג מיטאָג, להעתיר ולבקש רחמים רבים

## אין אַלע מוסדות הק' וועט מען היינט טוישן די געוועגליכע סדרי היום פון עסן מיטאָג, כדי צו אויסנוצן די קריטישע שעה פאר תפלה ובקשה פון הבל פיהם של תשב"ר

### עד שתחננו ותוציא לאור משפטינו איום קדוש!

עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן!

# זעקת קודש מתוך בכיות עצומות ונהרי נחלי דמעות

# מאת כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### בסעודת משתה היין בעצם יום הפורים העעל"ט

מען שטייט היינט מיט דעם כח, דער המן מיט עמלק ווייסן, אז די כח פונעם הייליגן כלל ישראל ליגט אין די תינוקות של בית רבן, דאס איז די ראשית דראשית, המן האט געזאגט אז ער וועט זיך פארלייגן עוקר צו זיין די תשב"ר, ער האט געזעהן מרדכי הצדיק לערנט מיט די תשב"ר האט ער געזאגט אתי מלא קומצא דידכו, ודחי עשרת אלפים כיכר כסף דידי. דאס זעט מען עד סוף כל הדורות, די כח פון עמלק, עמלק פארלייגט זיך אויף די תשב"ר.

מען שטייט יעצט, מען דארף האבן געוואלדיגע גרויסע סייעתא דשמיא, מען דארף בעטן דעם בוכ"ע, אז מען זאל זוכה זיין אז עס זאל קענען זיין די תשב"ר, אזוי ווי עס איז געווען אין אלע דורות, די תשב"ר וואס האבן אפגעהיטענע אויגן, אפגעהיטענע אויערן, וואס הערן נאר די קדושה פון שבת, די קדושה פון די עבודת הכהנים, הערן די לוים בדוכנם. דאס טוט עמלק עד סוף כל הדורות, אין אלע דורות פארלייגט ער זיך, אויס צו רייסן דעם כח פון תשב"ר, וואס דאס איז אונזער איינציגסטע כח וואס מיר קענען מעורר זיין אין הימל.

מיר ווייסן אז דער הייליגער רבי זי"ע האט געזאגט אז די תינוקות של בית רבן זענען נישט נשתנה געווארן, מען לערנט אין די זעלבע וועג, די הייליגע א' ב', די הייליגע עברי, די וועג וואס מען לערנט מיט די תשב"ר איז די זעלבע ווי מען האט געלערנט אין אלע דורות. די זעלבע תורה וואס מען האט געלערנט ווען די בית המקדש איז געשטאנען, לערנט מען ווייטער, וואס דאס איז די כח מיט וואס כלל ישראל קען האבן א תקומה.

בעט מען ביים בוכ"ע: עשה למען תינוקות של בית רבן! די טייערע תשב"ר וואס לערנען די תורה אזוי ווי מען האט געלערנט אין אלע דורות, דאס איז די כח וואס איז מעורר אז דער אויבערשטער זאל זיך דערמאנען וויאזוי עס האט אויסגעזעהן ווען די ביהמ"ק איז געשטאנען, מען זאל קענען זוכה זיין ארויס צוגיין פון די עומק הגלות, דאס איז די כח מיט וואס מיר קענען זיך דערהאלטן, נאר מיט די כח פון תשב"ר.

מיר בעטן דעם בוכ"ע אז מיר זאלן קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, מיט די זעלבע תורה! מיט די זעלבע אמונה! מיט די זעלבע קדושה! מיט אפגעהיטענע אויגן, אפגעהיטן ווי עס דארף צו זיין! צו געדענקען די כח פון ארור המן וואס האט געוואלט אויסרייסן די תשב"ר און דער כח פון ברוך מרדכי.

די איינציגסטע כח וואס מיר האבן איז די כח פון תינוקות של בית רבן! לאמיר בעטן דעם בוכ"ע, אונז דארף מיר האבן אזוי פיל זכותים, בעט מען עשה למען תינוקות של בית רבן! די אמת'דיגע כח התורה! מיט דעם וועט מען זוכה זיין אז עס זאל נתעורר ווערן למעלה, די השתוקקות, אז די בוכ"ע זאל משתוקק זיין צו די כח פון אמת'דיגע תורה פון די תשב"ר, ביז מיר וועלן קענען זען בישועתן ושמחתן של ישראל בביאת גואל צדק, בב"א.


בס"ד
וויכטיגע מעלדונג
אזוי ווי די מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש
(נאכן ארײנשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)
פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:
פאלגענד זענען די רולס פון מאנראו וואודבורי צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע:
אויב דינגט איר אדער קלאוזט איר אויף א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו אויב איר מופט אריין שפעטער)
(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)
SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC
Emes Transportation
PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419
מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן מיט סיי וואס מעגליך
אמת טראנספארטאציע
SCHOOL BUS
SCHOOL BUS STOP AHEAD

### העלדישע חברי הנהלת הכולל אנאנסירן:

# דרינגנדע "יומא טבא לרבנן קאמפיין" אונטערצוהאלטן עקזיסטענץ פון שענסטער שטאטישע תורה צענטער

## קאמפיין געצילט צו ברענגען אן עונג יו"ט פאר די אריבער 600 בני תורה אויף יו"ט פסח, און וועט בעז"ה פולקאם דעקן "האלב מיליאן דאלאר" הוצאות פון לעצטע וואכן פונעם זמן

**יעדער תושב קרית יואל רופט אויס:**

## יומא טבא לרבנן! איך ברענג אריין דעם יו"ט ביי די הונדערטער לומדי תורה!

מיט א שטארקע אינטערעסע ווערט די יעצטיגע טעג אויפגענומען דער "יומא טבא לרבנן" קאמפיין, וואס טראגט דעם היי-יעריגן חודש ניסן תשפ"ד א גאר באדייטפולער געוויכט, נעמליך, צו פארזיכערן די הרחבת הדעת פון די אריבער 600 לומדי תורה פון שטאט, און צוגלייך ערמעגליכן די ווייטערדיגע שטאלענע סטאביליטעט פון די לעצטע עטליכע יאר, זינט די "אויסגעצאלט" קאמפיין ווען מען האט בעז"ה געקענט באצאלן "צייטליך", א באגריף וואס פונקציאנירט מיט א וואונדערליכע הצלחה מדי פעיראל לפעיראל, דערהייבנדיג דעם כח וכבוד התורה אין שטאט צו די שענסטע שטאפלען וואס נאר שייך.

ווי גוט געדענקט האט זיך מיט פיר יאר צוריק - טאקע אין די יעצטיגע תקופה פון יאר, ענדע ווינטער תש"פ - אנגעהויבן דער אויסגעצאלט עפאכע, ווען מ'האט מיט גרויס סייעתא דשמיא, דער ציבור האט זיך צאמגענומען מיט א התעוררות אדירה און געמיינזאמע קראפט לכבוד התורה ולומדיה, ביים גרויסן "אויסגעצאלט" קאמפיין, וואס האט אפגעצייכנט א דערפאלגרייכער סוקסעס און הצלחה למעלה מן המשוער.

עס איז נישט געווען קיין גרעניץ צו דער שמחה און פרייד וואס עס האט ארומגענומען קהילתינו הקדושה, ווען דער ציבור האט געהאט די זכי' צו אוכל זיין פירות פון די פייערדיגע אנשליסונג פון די גאנצע עדה הקדושה, און מ'האט דאן מיטן כח הרבים ערמעגליכט צו צאלן די לומדים "בעתו ובזמנו", שאפנדיג א נייעם סארט באדייט פון "עמילות בתורה", מיט א רואיגן קאפ און מנוחה'דיגע געמיט, ווען די פירות האט שנעל אנגעהויבן שפראצן, מיט די השלמת מקצועות און שטארקע תורה'דיגע השלמות ביי די הונדערטער לומדים וואס שטייגן ב"ה לפרי תפארה.

די שוואונג פון הגברת כח התורה האט זיך נישט אפגעשטעלט ביי דעם, די ווארעמקייט ביים ציבור האט זיך בכלל נישט אפגעשטילט, נאר אדרבה, עס האט זיך נאך מער און שטערקער צעפלאמט די שאיפה להגדיל ולהעלות, און טאן אלסדינג וואס איז נאר מעגליך צו פארזיכערן די פולסטע הרחבת הדעת ביי די לומדים, ביז מ'האט נישט לאנג דערויף דורכגעפירט א רעוואלוציע וואס האט אוועקגעשטעלט דעם היזיגן כולל אלס פיאנער און וועג-ווייזער פאר פילצאליגע אנערקענטע כוללים אלוועלטליך, די דראסטישע "העכערונג" אין די געהאלט פון די לומדים, א פראיעקט וואס איז שוין עטליכע מאל נאכדעם דורכגעפירט געווארן, מיט נאך שענערע הוספות און פארדאפלונגען.

וראה זה פלא, טראץ דאס העכערן עטליכע מאל, ווען בנוסף איז במשך די לעצטע פאר יאר צוגעלייגט געווארן 'תמיכות מיוחדות' בנוסף צו דעם געוועגליכן פעיראל, א שטייגער פאר 'בחינות', 'חזרות', 'השלמת מקצועות', ועוד, איז מען פארט מצליח אנצוהאלטן דאס צאלן "צייטליך" אויף א קביעות'דיגן שטייגער, חק ולא יעבור.

פארשטענדליך אז דאס קאסט פאר די הנהלה כוחות עצומים, מ'שלאפט באמת נישט קיין נעכט, מיט א שטענדיגע זארג אז די (אפענע...) בענק זאלן זיין געדעקט, בעת מ'האלט ווייטער די וויזיע פון מוסיפין בקודש, מיט וועבנדע פלענער פון פרישע הוספות צו קענען נאך מער און שענער מרחיב זיין דעתן של ת"ח.

אבער דאס אלעס שטייט איצט פאר א ווענדפונקט, ווארום די הנהלה האט זיך געטראפן אנגעלייגט מיט א לאסט פון א "האלב מיליאן דאלאר", צו זיין געדעקט מיט די אנגעזאמלטע הוצאות אויף ביז פסח, כדי צו קענען ווייטער פונקציאנירן על מי מנוחות, און נישט ח"ו זיך טרעפן געשטראנדעט מיט חובות וואס וועט ח"ו בלאקירן די סאלידע צייטליכע צאלונג.

עשה למען 'תורתי שותף'

## ווישיגע געפילן ביי גליקליכע "תורתי שותפים" אז זייער 'שותף' אין כולל זאל אריינברענגען דעם יו"ט פסח מיט הרוחה

**לכבוד פסח וועט מען "מהנה זיין ת"ח מנכסיו" באופן מהודר ביותר, דורכ'ן פארזיכערן אז זיין פריוואטער 'תורתי שותף' האט אויף פסח צו מאכן**

אין ליכט פון דעם איז דער היי-יעריגער "יומא טבא לרבנן קאמפיין" געלאזט געווארן אין גאנג מיט אן אויסטערלישע אפעלירונג בשם די הונדערטער לומדים, וואס קוקן ארויס בעינים צופיות אז מ'זאל קענען צוגיין צום יו"ט פסח מיט א חירות'דיג געמיט, און מיט א פארזיכערטע געוויסן אז דער כולל איז ב"ה געדעקט, כאשר היה באמנם די לעצטע דריי יאר.

די הנהלת הכולל האט זיך שטארק גערעכנט מיט דער פאקט אז במציאות איז יעדער אין די טעג אביסל געדרוקט, און עס קען אנקומען שווער זיך משתתף צו זיין מיט גרעסערע סכומים, עס איז דעריבער אויסגעארבעט געווארן א סכום וואס איז באמת "שווה לכל נפש", וואס דער איז דער סכום פון $500, און פאר מעוטי יכולת דער סכום פון בלויז $250, וואס מיט דעם וועט מען אפקויפן דער זכות פון פינאנצירן א "משפחה שלימה" פון די משפחות פון די בני הכולל, זיי אינטערצולאנען פון די גרעסערע הוצאות החג, און זיי העלפן אנקומען צום יו"ט מיט א רואיגקייט ווי אמת'ע בני מלכים, מאן מלכ"י רבנן.

עס איז דעריבער זיכער אז דער קאמפיין וועט געקרוינט ווערן מיט הצלחה און סוקסעס, עס איז דאך ווי נישט ווי די אינטערעסע און רצון פון יעדער תושב און פון אלע אנשי שלומינו, צו זעהן ווי דער הייליגער מקום תורה וואקסט און בליעט אזוי שיין, און דאס איז געוויס דער עתיד פון אונזער עקזיסטענץ, און דער תל תלפיות און לייכט טורעם פון ווי עס שיינט ארויס תורה און עבודה פאר דער גאנצער שטאט, און עס ברענגט פאר אלעמען ברכות והשפעות, און א געוואלדיגע שמירה וואס קומט פון דער תורה, ושמרתיך בכל אשר תלך.

מיר ווילן אלע אויסשטרעקן א "זרוע" נטויה, און מיר ווילן נעמען א חלק אין די העכסטע און חשובסטע צדקה וואס עס איז נאר פארהאנען צו שטיצן בני תורה, און מיר ווילן העלפן די הונדערטער לומדי תורה אריינצוברענגן דעם יו"ט, מיט מצות און אלע אנדערע צרכי החג, דורכ'ן נדבת הלב וואס מיר ווילן שענקן צו העלפן אונזערע אייגענע ברודער'ס, שכינים, קרובים, וידידים, און מיר ווילן מיט דעם פארזיכערן פאר זיי אן אמת'ער שמחת יום טוב, און גלייכצייטיג אויך פארזיכערן דער עתיד פון דער מקום תורה, וואס איז דער פלאץ פאר אונזערע קינדער און דורות צו קענען שטייגן און וואקסן בתורה עבודה און יראת שמים.

ווען מיר ווילן זיך זעצן צום סדר טיש בליל התקדש חג הבעלל"ט, און מיר ווילן אויסרופן דעם "כל דכפין ייתי וייכול" ווילן מיר עס זאגן מיט א רואיגן געוויסן, מיר ווילן וויסן אז אצינד זיצט מיין שכן, דער דערהויבענער כולל יונגערמאן, און ער פראוועט אויך אן הערליכן סדר, אין וואס אונז האמיר געהאט די זכי' צו האבן א חלק דערין.

**עבידנא יומא טבא לרבנן!**

# שלוחא דרחמנא עסקני הכולל ערהאלטן אויסטערלישע חיזוק פון אלפי תושבי העיר בימי הפורים העעל"ט צום ערעפענונג פון קריטישן קאמפיין

## אייגנארטיגע מוזיק טראק אין צענטער פון שטאט אויף פארעסט רד. פארנט פון אכסניא של תורה ביהמ"ד הגדול בנין אליהו ברענגט אריין לעבהאפט צום היי יעריגן קאמפיין

עס איז א קידוש השם געווען מיטצוהאלטן ווי אין דער קורצער תקופה פון ווען דער קאמפיין איז ארויס אויף דער גאס, האבן די עסקני הכולל שוין צוריקגעהערט מערערע באגריסונגען פונעם ציבור אנ"ש פאר דער געוואלדיגער אינטערנעמונג, און עס איז באמת צום שטוינען צו זען ווי די עסקנים חשובים העוסקים במלאכת הקודש גייען מיט מיט א געוואלדיגע אנטשלאסנקייט, און געבן זיך אוועק בלב ונפש פאר די הצלחה פון די טייערע כולל יונגעלייט אז זיי זאלן קענען זיצן און לערנען מיט אן הרחבת הדעת.

בפרט דעם לעצטן יו"ט פורים, ווען דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין שוואונג האבן די חשובע שד"ר ועסקני הכולל ערהאלטן הויפענעס חיזוק פון אלפי תושבי העיר, ווען די חשובע עסקנים זענען ארומגעגאנגען לקבץ על הפתחים, און איבעראל באקומען חיזוק סיי מיט ווערטער ווען הונדערטער האבן באגריסט דעם געוואלדיגן הרמת קרן התורה וואס מ'הערט ארויסקומען פון דעם תורה צענטער דער הייליגער כולל, און סיי מיט חיזוק בממון ווען פילע האבן שוין פאקטיש אנטייל גענומען אין דעם קריטישן קאמפיין.

בפרט ביים תל תלפיות, דער ביהמ"ד הגדול, וואס דינט א גאנץ יאר אלץ דער אכסניא של תורה, האבן די עסקנים אייגנארטיג אהערגעשטעלט א טראק מיט הויכהילכער וואס האט געשפילט דעם גאנצן טאג פורים לעבעדיגע מוזיק, און משמח געווען אלע עוברים ושבים, בפרט די וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם יו"ט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, און האבן הנאה געהאט פון דעם שמחת פורים וואס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך די עסקני הכולל אין ליכט פון דעם גראנדיעזן קאמפיין "יומא טבא לרבנן".



# "אינפלאַציע" ביים כולל יונגערמאן, נישט פון היינט

ווען מ'רעדט פון "הוצאות החג" ביים כולל-יונגערמאן, דארף עס ווערן באטראכט מיט גאנץ אנדערע ברילן ווען די רעדע איז ביים ציבור אין אלגעמיין. אין צייט וואס די עקאנאמישע וועלט זינקט אין אן "אינפלאציע" קריזיס, איז דער כולל יונגערמאן אין אן אינפלאציע פאזיציע פון שטענדיג אן, זיינע הכנסות זענען מאגער ביז גאר, און הוצאות פון זיין קינדער-געבענטשטע פאמיליע איז אומדערטרעגליך. אזוי אז יעדער קוואדער - אפילו היינט ווען ס'פארמאגט אזא נישטיגע ווערד - איז געלט וואס ווערט טייער געהיטן.

ספעציעל ווען מיר געפינען זיך שוין אין די שלושים יום קודם החג, און אלע גרייטן זיך שוין צום הייליגן גרויסן יום טוב פסח, ווייסן אלע די גרויסע הוצאות החג וואס עס קאסט אפ פאר יעדעס אידישער שטוב, און אוודאי ווען די רעדע איז פון א קינדער געבענטשטע פאמיליע בליעה"ר פונעם יושב אהל, וואס מען דארף אהערשטעלן קליידונג און אלע אנדערע צרכי החג אויפן שענסטן פארנעם ווי ריכטיגע בני חורין.

אפילו ביי דער יונגערמאן וואס ארבעט על המחיה ועל הכלכלה שפירט אויך די גרויסע קאסטן אצינד ווען עס קומען די טעג, אלעס קאסט, און אלעס דארף ווערן באצאלט, און מען דאנקט דעם באשעפער אז ברוך השם עס איז דא פאר ווען צו קויפן, און מיט וואס צו קויפן, און עס איז דא ווער עס זאל קויפן, און מען מאכט די הכנות צום יום טוב מיט א פרייליכן געמיט.

אבער ווען די רעדע איז אבער פונעם "בן תורה", איז דער טאן שוין אביסל אנדערש, עס קען אמאל זיין א קליינע אפטיילונג צווישן זיך גרייטן צום יום טוב מיט א "רואיגן" געמיט, און זיך גרייטן מיט אביסל אן "אנגעשטרענגטער" געמיט, און דאס איז עפעס וואס פאדערט ביי אונז אלע זיך אנצושליסן מיט א ברייטהארציגקייט אינעם "יומא טבא לרבנן קאמפיין", צו לעזן די הארבע כסף מנלן פראגע וואס נאגט דעם כולל יונגערמאן.




# דבי מדרשא

עד שיהא מונח בקופסא:

# לומדי הכולל חובשי בי מדרשא נעמען אויף מיט הנאה צוגרייטונגען צו רייכע איסוואל פון "בחינות" אין אלע מקצועות התורה דורך בארימטע חבורת "מאיר עיני חכמים"

תלת הוי' חזקה: היי יאר צייכענט מען אפ די דריטע יאר זינט גרינדונג פון חבורת מאיר עיני חכמים וואס האט באוויזן א גענצליכע טויש אין די ראמען פון כולל מיט די חזרת הלימודים

רייכע בחינות איסוואל קומט באגלייט מיט גרויסע תשלומין אלץ מתן שכרה בצידה פאר די לומדי תורה און מעודד צו זיין לימוד וחזרה עד שיהא מונח בקופסא

עד שיהא מונח בקופסא:

## בני תורה נוצן אויס מיט גרויס התמדה לעצטע 2 וואכן פון זמן החורף ללמוד וללמד און קונה צו זיין מקצועות שלימות אליבא דהלכתא

חברי החבורות פון אלע חבורות אין כולל פארענדיגן די לימודים צום סיום הזמן - געטרייע ראשי החבורות שליט״א באגלייטן יעדן לומד צו פארזיכערן אז יעדער איז קונה קנינים נצחיים

## לומדי הכולל פרייען זיך מיט בשמחתו פון הרבני הנגיד ר' יואל מאנן הי"ו בנשואי בנו למז"ט

**חשובער בעל שמחה אליינס א יושב אהל בתוככי הכולל און פטרון חודש פון חבורת מחודדים**

# טויזענטער דאלארן שוין אפגעשפארט פאר הונדערטער חובשי בי מדרשא ביי די גרויסע הוצאות יו"ט מיט ריזיגע דיסקאונטס און בענעפיטן!

לומדי הכולל קענען נישט גענוג באדאנקן פאר די העלדישע חברי הנהלת הכולל און פטרון קרן חסדי גאלדא ורבקה, הרבני הנגיד ר' אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

בשמחה ובטוב לבב הננו
מברכים ברכת מזלא טבא
למע"כ חו"ר כוללינו לרגל
שהשמחה במעונם

## שהשמחה במעונם

### נישואי צאצאיהם

הר"ר **יואל מאנן** שליט"א

הבה"ח **חיים ארי'** נ"י

עב"ג בת ר' **יוסף יודא יאקאבאוויטש** הי"ו

### הולדת הבן

הרב **יוסף לייב קויפמאן** שליט"א

ב"ר **עזרא משה** הי"ו - חתן ר' **הערשל יאקאבאוויטש** הי"ו

### הולדת הבת

הרב **משה יחזקאל פערלמוטטער** שליט"א

מיקירי עסקני הכולל

ב"ר **משולם פייש** הי"ו - חתן ר' **יואל שטויבער** הי"ו

נכד הגה"צ **הדומ"ץ וראה"כ** שליט"א

## לומדי הכולל זענען מקדיש די לימודים לע"נ האשה החשובה מרת ווײַנשטאק ע"ה בתוך ימי האבל לפטירתה

לעילוי נשמת מרת **פיגא** ב"ר **יצחק זאב** ע"ה


Kollel Satmar
בקשה מיוחדת
לכל לומדי כוללינו
נא ללמוד לע"נ
האשה החשובה מרת **פיגא** ב"ר **יצחק זאב** ע"ה
אמם של הנגידים החשובים מוה"ר **יצחק זאב** הי"ו
ואחיו מוה"ר **ישראל** הי"ו
נא ללמוד לעילוי נשמתה עד סוף ימי השבעה

בארימטע משפחת ווײַנשטאק החשובה מגדולי תומכי ק"ק סאטמאר בכל קצוי תבל שטייען לימין הכולל מיום הווסדה מיט גרויסע נדבות מחזק צו זיין תורה צענטער באתריה דמר מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

## לומדי "חבורת הל' פסח" האבן דעם מיטוואך מיטגעהאלטן רייכער 'שיעור כללי בהלכות הגעלה' דורך הרה"ג רבי יהודא פישער שליט"א, בקי נפלא בהגעלת כלים והמסתעף

שיעור איז פארגעקומען דעם מיטוואך אין חדר טאלטשווא וואו די לומדי החבורה האבן זיך באקענט פונדערנאענט מיט אלע הלכות וואס זענען נוגע הגעלה

## D A Wieder Blvd

מו"ה **יצחק בוקסבוים** הי"ו
**9 D A Wieder Blvd #101**
845-783-9587

מו"ה **גדלי' סעגעדין** הי"ו
**14 D A Wieder Blvd #201**
845-782-1974

הרב **יוסף שמואל ראטטענבערג** שליט"א
**8 D A Wieder Blvd #102**
845-783-2193

מו"ה **הלל שלמה דייטש** הי"ו
**23 D A Wieder Blvd #303**
845-782-4073

## Dinev Ct

מו"ה **יושע מאשקאוויטש** הי"ו
**23 Dinev Ct #102**
845-774-2389

מו"ה **יואל שווארטץ** הי"ו
**25 Dinev Ct #303**
845-783-9204

## Drubige Way

מו"ה **אלעזר קליין** הי"ו
**4 Drubige Way #205**
845-782-7847

## Eahal Ct - Buchanan Ct

מו"ה **יעקב מנחם דייטש** הי"ו
**4 Eahal Ct #202**
845-783-2042

מו"ה **אברהם וואלף מארקאוויטש** הי"ו
**7 Eahal Ct #201**
845-782-1703

## Fillmore - Kalev - Tarnipol

הרב **מיכאל יוסף שווארטץ** שליט"א
**16 Fillmore Ct #205**
845-783-5990

מו"ה **שמואל מרדכי טירנויער** הי"ו
**16 Fillmore Ct #401**
845-783-2748

מו"ה **אברהם יואל שלעזינגער** הי"ו
**13 Fillmore Ct #207**
845-783-6666

מו"ה **אשר וועבערמאן** הי"ו
**19 Fillmore Ct #302**
845-783-7024

## Forest Rd - Gorlitz Ct

מו"ה **זלמן לייב שפיטצער** הי"ו
**82 Forest Rd #302**
845 781-3985

מו"ה **ברוך מרדכי אקערמאן** הי"ו
**37 Forest Rd #201**
845-783-7938

מו"ה **מרדכי פריעד** הי"ו
**84 Forest Rd #202**
845-783-8720

## Frankfurt - Hamburg - Toltchov

מו"ה **יואל פאלקאוויטש** הי"ו
**8 Toltchov Way #201**
845-783-1686

הרב **נפתלי הערצקא רייז** שליט"א
**6 Tolchav Way #201**
845 492-4755

הרב **דניאל דוד שטיינבערג** שליט"א
**2 Toltchov Way #201**
845-782-8610

## Acres Rd

הרב **ארי' לייב מאיער** שליט"א
**148 Acres Rd**
845-783-7226

הרב **בנציון יאקאבאוויטש** שליט"א
**159 Acres Rd #201**
845-782-3115

## Anipoli Dr

מו"ה **הערשל מאנן** הי"ו
**5 Anipoli Dr #102**
845-783-0388

## Apta Way

מו"ה **אהרן אבראמאוויטש** הי"ו
**3 Apta Way #203**
845-783-3149

הרב **העניך מרדכי מייזליש** שליט"א
אב"ד טאלטשאווא
**7 Apta Way #101**
845-783-3693

## Austra Pkwy

מו"ה **מנחם הערש יאקאבאוויטש** הי"ו
**1 Austra Pkwy #101**
845-774-3634

מו"ה **יואל ראזענבערג** הי"ו
**3 Austra Pkwy #401**
845-782-1982

מו"ה **שמעון יצחק פילאפף** הי"ו
**4 Austra Pkwy #305**
845-783-4681

## Beer Sheva St

מו"ה **שמעון יצחק גאטליעב** הי"ו
**5 Beer Sheva St #201**
845-783-3652

מו"ה **יואל יערמיאש** הי"ו
**6 Beer Sheva St #305**
845-782-2418

מו"ה **מענדל שניצלער** הי"ו
**10 Beer Sheva St #303**
845 799-1950

## Carter Ln

מו"ה **משה טירנויער** הי"ו
**9 Carter Lane #204**
845 783-8134

## Chernobyl Ct

הרב **יונה גוטמאן** שליט"א
**5 Chernobyl Ct #301**
845-774-1013

מו"ה **משה אליעזר כ"ץ** הי"ו
**8 Chernobyl Ct #301**
845-783-2840

## Chevron Rd

מו"ה **יואל ווייס** הי"ו
**33 Chevron Rd #201**
845-783-2625

מו"ה **בנימין הלל שווארטץ** הי"ו
**11 Chevron Rd #202**
845-782-9624

**עס איז שוין נאך פורים**
**מען הייבט שוין אן פסח'דיג מאכן...**

פארגעסט נישט פון די מנהג

# אויסצולייזן

**די שומרי החומות פושקעס**

**3 פושקע דרייוו**
כולל שומרי החומות

**פרייטאג צו » זונטאג » מאנטאג שמיני**

## על פי הגורל

klade — $250

$250

גיבט איבער אייער פושקע אין די דריי טאג-פושקע דרייוו
**און גייט אריין אין די ווערטפולע גורל אויף**

צוליב די מצב המלחמה בארה"ק איז מען היי-יאר אנגעוויזן אויף גרעסערע סכומים אייער פושקע געלט קען העלפן צו מאכן א הוספה אויף די יערליכע חלוקה

## אלקא דמאיר ענני



מו"ה יואל מאיער הי"ו
1 Frankfurt Rd #201
845-774-1550

מו"ה יודל שטיין הי"ו
20 Frankfurt Dr #203
845 783-5073

מו"ה אברהם וואלף לויפער הי"ו
8 Frankfurt Rd #101
845-492-5302

### Garfield Rd

מו"ה משה יחזקאל לויפער הי"ו
4 Garfield Rd #302
845-783-6591

• קרית יואל אפיס •
15 Garfield Rd #103
845-774-7330

### Getzel Berger Blvd

הרב בערל גלאנץ שליט"א
25 Getzel Berger Blvd #201
845-783-3514

מו"ה יואל זיכערמאן הי"ו
3 Getzel Berger Blvd #301
845-782-3405

מו"ה משה אפרים ראטה הי"ו
4 Getzel Berger Blvd #302
845-783-9539

מו"ה פישל פריינד הי"ו
27 Getzel Berger Blvd #201
845-783-8537

### Hayes Ct - Orshava Ct

מו"ה יואל אהרן דרעזנער הי"ו
19 Hayes Ct #204
845-783-4575

מו"ה קלמן מענדל פאלקאוויטש הי"ו
21 Hayes Ct #201
845-783-8711

### Hamspik Way

מו"ה ישראל קרויס הי"ו
3 Hamaspik Way #208
845-394-4240

מו"ה יוסף מאיר פריעדמאן הי"ו
4 Hamaspik Way #405
845-500-9414

### Iron Hill Plaza

הרב שלמה קטינא שליט"א
3 Iron Hill Plaza #202
845-783-1951

### Israel Zupnick Dr

מו"ה יושע אלעזר קליין הי"ו
19 Israel Zupnick Dr #203
845-782-6946

מו"ה ארי' אייזענבערג הי"ו
16 Isreal Zupnick Dr #307
845-492-4679

### Kahan Dr

מו"ה יוסף צבי ראטטענבערג הי"ו
3 Meron Dr #303
845-782-3194

### Karlesburg Rd

מו"ה מיכאל עגמי הי"ו
1 Karlsburg Rd #101
845-774-2246

מו"ה אליעזר זוסיא שטיינפעלד הי"ו
27 Karlsburg Rd #301
845-492-4992

מו"ה אברהם משה לעבאוויטש הי"ו
11 Karlsburg Rd #101
845 500-9556

מו"ה אברהם יושע מארקאוויטש הי"ו
9 Karlsburg Rd #203
845-492-8737

### Kerestier Ct

מו"ה שמחה ישראל ווייזער הי"ו
3 Kerestier Ct #106
845-782-2247

מו"ה שלום שטערן הי"ו
2 Kerestier Ct #202
845-774-5946

### Karlin Blvd

מו"ה חיים ארי' שמעלצער הי"ו
2 Karlin Blvd #203
845-783-5754

### Koznitz Rd

מו"ה הערש בער מייזעלס הי"ו
3 Koznitz Rd #301
845-783-6001

### Lemberg Ct

מו"ה משה שמואל אקערמאן הי"ו
11 Lemberg Ct #103
845 782-7572

הרב יוסף ישעי' גראס שליט"א
11 Lemberg Ct #202
845-783-8146

מו"ה שלום משה פעלדמאן הי"ו
10 Lemberg Ct #304
845-492-8938

### Lipa Friedman Ln - Liska Way

מו"ה דוד האללאנדער הי"ו
5 Lipa Friedman Ln #202
845-783-6896

מו"ה אברהם יצחק כאירה הי"ו
3 Lipa Friedman Ln #304
845-782-3416

### Lizensk Blvd

מו"ה אהרן שמואל גלאנץ הי"ו
5 Lizensk Blvd #202
845-783-7794

מו"ה משה שרגא פויגעל הי"ו
19 Lizensk Blvd #202
845 783-0589

מו"ה יודא ברוך טארים הי"ו
1 Lizensk Blvd #202
845-783-6252

### Lublin Way

מו"ה שמעלקא מארקוס הי"ו
8 Lublin Way #203
845-783-8215

### Mezebish Pl

מו"ה פסח דוד הערמאן הי"ו
6 Mezabish Pl #211
845 783-9711

### Meron Dr

הרב ישראל מאיר ראזענבערג שליט"א
14 Meron Dr #202
845-783-2864

מו"ה ישראל חיים ווייזער הי"ו
5 Meron Dr #302
845-774-8313

מו"ה הערשל שלעזינגער הי"ו
14 Meron Dr #301
845-783-8626

מו"ה מאיר וועזעל הי"ו
7 Meron Dr #212
845-782-3261

### Mordche Scher Blvd

מו"ה יעקב אלי' אבראמאוויטש הי"ו
6 Mordche Scher Blvd #201
845 783-6903

### Nicklesburg Rd

מו"ה חיים שאול קאהן הי"ו
11 Nicklesburg Rd #311
845-783-7232

מו"ה חיים דוד פריעדמאן הי"ו
2 Nicklesburg Rd #102
845 537-7953

### Paksh Pl

מו"ה זלמן שטיין הי"ו
1 Paksh Pl #212
845 492-3921

### Prag Blvd - Yoel Klein Blvd

מו"ה יושע יואל שפילמאן הי"ו
22 Prag Blvd #204
845 783-3815

מו"ה נחום הערש שווארץ הי"ו
19 Prag Blvd #104
845 783-4483

מו"ה אלכסנדר נחום גאטליעב הי"ו
22 Prag Blvd Blvd #302
845-782-5408

### Premishlan Way

מו"ה אברהם יושע גלאנץ הי"ו
5 Premishlan Way #202
845 782-4624

### Preshburg -Zluchev -Stralisk

מו"ה חיים הערש גאלדבערגער הי"ו
2 Preshburg Blvd #205
845-782-9508

### Quickway Rd

מו"ה אברהם ביקעל הי"ו
20 Quickway Rd #201
845-783-8135

מו"ה יוסף הערש בנעט הי"ו
11 Quickway Rd #105
845-782-2267

### Radomsk Way

מו"ה שלום דוב שמילאוויטש הי"ו
3 Radomsk Way #311
845 637-4495

### Ruzhin Rd

מו"ה יואל לאקס הי"ו
12 Ruzhin Rd #201
845-783-9077

מו"ה קלמן פילאפ הי"ו
4 Ruzhin Rd #202
845-783-0601

הרב איתמר טובי' ווידער שליט"א
10 Ruzhin Rd #301
845-774-7631

### Rovna Ct

מו"ה עזריאל שפיצער הי"ו
18 Rovna Ct #101
845-783-6773

### Sanz Ct

מו"ה נתן גאנדל הי"ו
7 Sanz Ct #302
845-783-7021

הרב אהרן פריעדמאן שליט"א
7 Sanz Ct #301
845-783-2985

### Sasav Ct - Koritz Ct

מו"ה יוסף מרדכי רובין הי"ו
7 Sasev Ct #203
845-782-9490

### Satmar Dr

מו"ה אבא טארים הי"ו
3 Satmar Dr #302
845-782-7565

מו"ה דוד ירמי' ברייער הי"ו
7 Satmar Dr #201
845-783-8380

מו"ה יודל כהנא הי"ו
15 Satmar Dr #301
845-783-8388

הרב יחיאל מעכל קליין שליט"א
20 Satmar Dr #301
845-781-7808

הרב אברהם ישעי' ווייס שליט"א
17 Satmar Dr #201
845-783-8603

### Satmar Dr - Krolla Dr

מו"ה יעקב יושע שווארטץ הי"ו
45 Satmar Dr #302
845-782-6882

מרת ראזענבערג תחי'
42 Satmar Dr #301
845-783-8615

הרב אלי' שלמה קאהן שליט"א
37 Satmar Dr #202
845-7838648

## Shinev Ct

מו"ה זלמן לייב ווייס הי"ו
8 Shinev Ct #201
845 783-0295

### Schunnemunk Rd

מו"ה אברהם שווארטץ הי"ו
13 Schunnemunk Rd #202
845-783-0328

### Siget Ct

מו"ה ישראל שווארטץ הי"ו
4 Siget Ct #101
845-783-6330

מו"ה יצחק פריעדמאן הי"ו
5 Siget Ct #301
845-783-6719

מו"ה יצחק שישא הי"ו
6 Siget Ct #202
845-783-0958

### Stropkov Ct

מו"ה מאיר יצחק גליקמאן הי"ו
3 Stropkov Ct #302
845 782-2909

### Taylor Ct - Filmore Ct

מו"ה מאיר יודא העלד הי"ו
5 Taylor Ct #301
845 782-5950

### Taitch Ct - Volova Ct

מו"ה חיים וואלף פאלקאוויטש הי"ו
2 Taitch Ct # 105
845-782-3063

הרב יואל קרויס שליט"א
4 Taitch Ct #302
845-782-7801

### Tevarya Way - Leipnick Way

מו"ה משה מרדכי כהנא הי"ו
1 Teverya Way #303
845-783-3562

מו"ה יקותיאל יוסף בראווער הי"ו
3 Tevarya Way #302
845-782-3141

### Tzfas Rd - Krakow Blvd

מו"ה משה הערש האלפערט הי"ו
4 Tzfas Rd #302
845-774-8317

### Van Buren Dr

מו"ה יואל מאנן הי"ו
26 Van Buren Dr #301
845-783-5710

### Vayoel Moshe Ct

הרב שלמה מיכאל מאיער שליט"א
1 Vayoel Moshe Ct #302
845-783-6480

### Zenta Rd

מו"ה מענדל הערש ראזענבערג הי"ו
1 Zenta Rd #201
845-782-6264

## פאר פערזענליכע פיקאפ

**אדער איבערצוגעבן אייער נדבה**

מיט א קרעדיט קארד רופט אינעם אפיס אויף

**845.774.7330**

אדער רופט אונזער עסקן

ר' אהרן אבראמאוויטש הי"ו
845-783-3149
קרית יואל

ר' קלמן אליעזר עקשטיין הי"ו
845-213-5394
גלילות קרית יואל

ר' שלמה מנשה דייטש הי"ו
845-492-3645 || שכונת ויואל משה

כולנו למען צדקת רבי מאיר בעל הנס

# קרית יואל איז מקדיש דריי טעג פאר "צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל שומרי החומות" אויסצולייזן אַנגעפולטע פושקעס ביי קרוב צו צוויי הונדערט לאָקאַציעס אין שטאט און אין די גלילות העיר

## אָנגעהויבן היינטיגן פרייטאג פרשת צו און נאָכגעפאָלגט זונטאָג און מאנטאג פרשת שמיני – קרוב צו 200 משפחות פון "גבאי קודש" שטייען גרייט איבערצונעמען אָנגעפולטע פושקעס

דער יערליכער מאַסיווער "כולל שומרי החומות פושקע-דרייוו" איז שוין אָנגעקומען, און רופט אַרויס א זעלטענער אינטערעסע ביים ברייטן ציבור תושבי עירינו, וועלכע גרייטן זיך מיט אן התלהבות אש קודש, אויסצונוצן די שלשת הימים, פון היינטיגן פרייטאָג פרשת צו און קומענדיגן זונטאָג און מאנטאג פרשת שמיני, דערביי מקיים צו זיין דעם מנהג אבותינו בידינו, פון אויסצולייזן די כולל שומרי החומות פושקעס אין די דאָזיגע טעג בעפאר דעם הייליגן יו"ט פסח.

ווי שוין באַשטימט במשך אַלע יאָרן, האָט כולל שומרי החומות דאָס יאָר ווייטער פראָקלאַמירט דעם מאַסיווער "פושקע דרייוו" אין וועלכן עס זענען איינגעשפאַנט די קרוב צו צוויי הונדערט גבאי קודש פון דעם הייליגן כולל, וועלכע שטייען גרייט מיט אָפענע טירן, אָפצונעמען די פושקעס פון די אַרומיגע שכינים, וואָס וועלן האָפנטליך זיך אָנשליסן אין דעם פושקע דרייוו, איבערצוגעבן זייערע אָנגעפילטע פושקעס אין די איצטיגע טעג ווען דער הנהלת הכולל איז אַזוי שטאַרק אָנגעוויזן אויף די סכומים געלט, זייענדיג אין דער סאַמער פארנומענסטער סעזאָן ביי כולל שומרי החומות, ווען מען גרייט זיך דורכצופירן די מאַסיווע "פסח חלוקה" וואָס ציט אַריין אין שווערע מיליאָנען דאָלאַרן פאר צענדליגער טויזנטער נפשות לענגאויס ארץ ישראל, אין צוגאָב צו די רעגעלמעסיגע פעולות וואָס קאָסט עקסטער אָפּ אינעם חודש די סומע פון אַריבער א האַלבן מיליאָן דאָלאַר!

גאר ספעציעל קומט היי יאר צו, ווען די אידן אין ארץ ישראל האלטן איצט ליידער אינמיטן א שווערע מלחמה ווען אסאך היימישע אידן ווערן זייערע פרנסות שטארק אפאקטירט און קוקן גאר שטארק ארויס אויף די היי יעריגע חלוקה, ובפרט ווען דאס יאר איז נאך געווען א שנת העיבור וואס דאס באדייט אז עס האט אפגעקאסט פארן כולל עקסטערע הונדערטער טויזענטער דאלארן.

לאור דעם שטאַרקן נחיצות האָט דער הנהלת הכולל פּראָקלאַמירט דעם מאַסיווער פושקע-דרייוו, און אין די טעג איז אָנגעקומען צו אַלע תושבים א ספעציעלער פלאַסטיק זעקל פון כולל שומרי החומות, אין וואָס אויסצולייזיגן די פושקע, אַזוי אַז מ'זאָל דאָס לייכטערהייט קענען אַריבערטראָגן




צו די הייזער פון די גבאי קודש, וואו די משפחות שטייען גרייט איבערצונעמען די פושקעס פון די חשוב'ע נדיבים בעם.

עס איז וויכטיג אויפצושרייבן דעם נאָמען, אַדרעס און טעלפאָן-נומער פון די וואָס געבן איבער די פושקעס, אַזוי צו פאַרגרינגערן פאר די גבאי קודש דעם סדר פון איבערנעמען די פושקעס, אינאיינעם לייגט צו די גורל צעטל ווי א יעדער וואס גיבט א פושקע וועט אריינגיין און די ווערטפולע גורלות.

אין די טעג קומט אָן אויף די פאָסט ביי אַלע תושבי קרית יואל, די רשימה פון די נעגטסטע גבאי קודש צו וועמען אין שטוב מ'קען אָפּטראָגן די אויסגעליידיגטע פושקע געלט. מטעם הנהלת הכולל און מיט די געטרייע אַרבעט פונעם אָפיס שטאַב דאָהי קרית יואל, איז אַריינגעלייגט געוואָרן איבערמידליכע כוחות, צו פאַרזיכערן אַז אויף יעדע גאס און אין יעדע געגענט פון די גלילות געגענטער אַרום קרית יואל, זענען דאָ איינס אָדער עטליכע משפחות פון די גבאי קודש וואָס זענען גרייט איבערצונעמען די פושקעס. אַזוי אַז דאָס אויסליידיגן די פושקעס קומט אן לייכט און באַקוועם פאר יעדן. מ'דאַרף בלויז אויסליידיגן די פושקע אינעם פלאַסטיק זעקל, אויספילן די אינפאָרמאַציע, און עס אַריבערטראָגן צום שטוב פונעם נעגטסטן גבאי.

ווי אין די פריערדיגע יאָרן, קען מען אויך שיקן די אָנגעפולטע פושקעס אין די בניני התלמוד תורה, וואו די באַשטימטע מלמדים-גבאי קודש שטייען גרייט איבערצונעמען די פושקעס, און אין די זעלבע צייט קען מען - ווי א גאַנץ יאָר - אַריינרופן אין אָפיס פון כולל שומרי החומות איבערצוגעבן די אויסגעליידיגטע פושקע מיט א קרעדיט קארד אדער צו בעטן אַז מ'זאָל שיקן איינעם אָפּצונעמען די אָנגעפולטע פושקעס, אויפן אפיס נאמבער 845.774.7330.

עס איז זיכער אַז די תושבי העיר וועלן אויסנוצן די דריי טעג פון פרייטאג ערב שבת פרשת צו, און דערנאָך זונטאָג און מאנטאג פרשת שמיני, איבערצוגעבן די פושקעס, אַזוי אַרום צו האָבן א פערזענליכער טייל אין די פאַרצווייגטע פעולות פון דעם הייליגן כולל, און אַזוי אַרום זוכה זיין צו די מקובל'דיגסטע און פאַרזיכערסטע סגולה פון "אלקא דמאיר ענני" און צו א חג כשר ושמח.

**היו נכונים לשלשת הימים!**


זכרו
תורת משה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר · ש"ס · הלכה
· קרית יואל ·

בס"ד

לוח הלימודים
פרשת שמיני

חבורת לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא

| | היום | שבוע | חודש |
| --- | --- | --- | --- |
| יום א' | ק: | צח. | צ: |
| יום ב' | קא. | צח: | צא. |
| יום ג' | קא: | צט. | צא: |
| יום ד' | קב. | צט: | צב. |
| יום ה' | קב: | ק. | צב: |

בחינה ז' במס' חולין • יום א' פ' תזריע
לימודי החודש: צ"א. - ק"א: - חזרת החודש: פ"א. - צ:

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
| --- | --- | --- | --- |
| יום א' | קכג | ג - ו | י - יד |
| יום ב' | סימן קכ"ד | א - ב | א - ו |
| יום ג' | סימן קכ"ד | ג - ז | ז - יא |
| יום ד' | סימן קכ"ד | ח - ט | יב - טו |
| יום ה' | סימן קכ"ד | י - יב | טז - יח |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' טהרה
לימודי החודש: מסימן קי"ד סעיף ד' עד אחר סימן קכ"ו
חזרת החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS.
OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010

עס איז שוין נאך פורים
מען הייבט שוין אן פסח'דיג מאכן...

פארגעסט נישט פון די מנהג

# אויסצולייזן

די שומרי החומות פושקעס

פושקע דרייוו 3

כולל שומרי החומות

פרייטאג צו » זונטאג » מאנטאג שמיני

## על פי הגורל

| | |
|---|---|
| klade CHILDREN'S BOUTIQUE | $250 |
| FUNTAZIA | $250 |

גיבט איבער אייער פושקע אין די דריי-טאג-פושקע דרייוו און גייט אריין אין די ווערטפולע גורל אויף

## גלילות קרית יואל

מו"ה אברהם יושע העשיל גאלדשטיין הי"ו
9 Meribeth Ln
845-238-3575

**Winchester area**
מו"ה משה מנחם גרינפעלד הי"ו
51 Winchester Dr
845-782-0081

**Quaker Hill area**
מו"ה שלמה אפרים צוויבעל הי"ו
254 High St
845-783-2226

**Milvel In- Serpi Rd**
מו"ה שרגא פאזען הי"ו
29 Milval Ln
845-783-3793

**Chester NY**
מו"ה זושא פריעד הי"ו
105 Old Mansion Rd.
845 783-3825

**Seven Springs area**
מו"ה ישראל בנציוןווערצבערגער הי"ו
38 Raywood Dr #201
845-783-9876

**Highland Lake Estate**
מו"ה יואל זאבעל הי"ו
6 Princeton Dr
845 782-0229

**Half Hollow**
מו"ה זלמן לייב גאנץ הי"ו
14 Sutherland Dr
845 782-1158

**Jefferson area**
מו"ה נחמי' ווייס הי"ו
24 Depalma Dr
845-492-3190

**Smith Gardens**
מו"ה יחזקאל שטיינמעטץ הי"ו
1 Meribeth Ln
845-774-2798

**Blueberry Ln**
מו"ה יואל אפרים ווייס הי"ו
26 Bluberry Ln
845-928-8262

**Country Hollow**
מו"ה משה יצחק פערענץ הי"ו
6 Pheasant Run
718-757-8227

**Forest Rd - First Ave**
מו"ה יעקב יונה בערנאטה הי"ו
330 Forest Rd #201
845-783-5106

מו"ה אברהם ישעי' שווארץ הי"ו
269 Seven Springs Rd #201
845-781-7864

**Forest Ave - Schunnemunk Rd**
מו"ה יוסף גרינפעלד הי"ו
131 Forest Ave #202
845-783-2817

## בלאמינגראוו

מו"ה יואל אבראמאוויטש הי"ו
21 Dallas Dr
718-302-4123

מו"ה דוד קרויס הי"ו
305 Lake Shore Dr
845-238-3036

מו"ה חיים גליק הי"ו
7 San Antonio Cir
845-238-5228

מו"ה זלמן לייב בערקאוויטש הי"ו
6 Sears Rd
845 781-4511

מו"ה וואלף יודא גליק הי"ו
9 Virginia Ave
845 637-9402

מו"ה חיים משה בינער הי"ו
36 Dallas Dr
845 783-2575

מו"ה ישעי' בראך הי"ו
37 Virginia Ave
845-782-0722

## וואדבערי דזשאנקשען

הרב משה אהרן טייטלבוים שליט"א
13 Adelake Fare Way
845-782-6230

מו"ה אשר אליעזר בלום הי"ו
65 Catskill High Rail
845-774-2227

מו"ה משה וואלדמאן הי"ו
16 Alleghany Cross
783-0940 845

מו"ה לוי יצחק פאלקאוויטש הי"ו
29 Hudson Pointe
845-782-5265

מו"ה משה פאלקאוויטש הי"ו
Stainton Farway 33
845-783-2578

## פאר פערזענליכע פיקאפ

**אדער איבערצוגעבן אייער נדבה**
מיט א קרעדיט קארד רופט אינעם אפיס אויף
**845.774.7330**

אדער רופט אונזער עסקן

ר' אהרן אבראמאוויטש הי"ו
845-783-3149
קרית יואל

ר' קלמן אליעזר עקשטיין הי"ו
845-213-5394
גלילות קרית יואל

ר' שלמה מנשה דייטש הי"ו
845-492-3645 || שכונת ויואל משה

צוליב די מצב המלחמה בארה"ק איז מען היי-יאר אנגעוויזן אויף גרעסערע סכומים
אייער פושקע געלט קען העלפן צו מאכן א הוספה אויף די יערליכע חלוקה

## אלקא דמאיר ענני





די וואך איז א גאנץ יאר

# פסח'דיג

רייכע מלכות'דיגע ארטיקלען

ריין פון יעדן ברעקל חמץ

הונדערט פראצענט היימיש

כשר בתכלית הכשרות

# די וואך
# טיילט מעגא אפיקומן מתנות!

**סובסקרייבט אייך היינט און באקומט פינף הערליכע נייע שפאנענדע קאמיקס ביכער! + זיסע מיילער און מלכי סטיקערס פאר די קינדער.**



דריי ביכער וועלן אנקומען ערב פסח אי"ה
צווי ביכער וועלן אנקומען ערב יום טוב שבועות הבעל"ט

סעיל גייט אן ביז זונטאג
פרשת קדושים – כ"ז ניסן

צו באקומען די ביכער בעפאר פסח,
שרייבט אייך איין בעפאר ז' ניסן

פארפאסט נישט דעם געלעגנהייט, רופט שוין:
718.305.5863 #1 | DeeVoch.com
Subscriptions@DeeVoch.com



לְהִפָּקֵד בִּדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים, וְיֹשֶׁר יְלִיצוּ בַּעֲדֵנוּ חַיּוֹת אֵשׁ:

# מתפללי ביהמ"ד בית יעקב נחמי' דקיט"ל לעבן מיט התעוררות'דיגע 'נסיעה רוממה' אין אייראָפּע לרגל יומא דהילולא קדישא פון רבן של ישראל הרה"ק רבי אייזיק מקאַלוב זי"ע, ז' אדר ב'

## קבוצה חשובה מתפללי ולומדי כולל ערב בביהמ"ד לאָזן זיך אַרויס מיטוואָך פּקודי בשבת אחים גם יחד בדיבוק חברים בראשות הרה"ג דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א

שַׁבָּת הַמִּתְאַחֶדֶת מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא:

## לעכטיגער שבת קודש בצל כנפיך יחסיון וועט בלייבן איינגעקריצט אין זכרון!

**נאָכ'ן מיטלעבן העכערקייט מלא דביקות והתעלות משך גאַנצע מעת לעת כל כולו קודש לד', געפּראַוועט בהתרגשות ודביקות חסידים ואנשי מעשה כמקדמת דנא**

**גאַנצע נסיעה באַגלייט דורך באַרימטן מלהיב לבבות, המגיד נפלא, הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א מגי"ש ומשפיע בקהלתינו**

**אומפאַרגעסליכע קלימאַקס ביי איבער 3 שעה סעודת רעוא דרעוין מיט אומבאַשרייבליכע התעוררות ודביקות ביי דברי הכנה והתעוררות דורך הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א**

קרית יואל. - מיט גרויס התעוררות וברגשי קודש, האָבן אַ חשוב'ע קבוצה חסידים ואנשי מעשה מתפּללי ולומדי בית המדרש בית יעקב נחמי' דקהל יטב לב, געהאַט די זכי' צו מיטלעבן געהויבענע טעג פון התרוממות דקדושה ביי די 'נסיעה רוממה', ווען מ'האט געוויילט אין אייראָפּע צו פּוקד זיין די ציוניום הקדושים אשר בארץ המה, לקראת יומדה"ל פון רבן של ישראל הרה"ק רבי אייזיק'ל קאַלובער זי"ע, ז' אדר העעל"ט.

די נסיעה איז ב"ה אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט זעלטענע התעוררות און מיט אַן אויסטערלישע הצלחה מרובה בס"ד, ווען אין שפּיץ האָט באַגלייט הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד, וואָס דער ציל איז געווען צאַמצונעמען בצוותא חדא די מתפּללים ולומדי ביהמ"ד, צו פּראַווען אינאיינעם די געהויבענע טעג, אַריינגערעכנט אַ לעכטיגער שב"ק מעין עולם הבא נועם הנשמות, באהבה ודיבוק חברים בשבת אחים, צו האבן די ריכטיגע כלים להתקרב אל ה'.

### כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ: מיטוואָך פּ' פּקודי, מ'לאָזט זיך אַרויס

די נסיעה הרוממה האָט זיך אָנגעהויבן בשעה טובה ומוצלחת מיטוואָך נאָכמיטאָג פּרשת פּקודי. אין די באַשטימטע שעה האָבן זיך די חשוב'ע קבוצה מתפּללי ולומדי ביהמ"ד צאַמגענומען ביים פּאַסיגן אָרט, פאָרנט פון דער בית המדרש בית יעקב נחמי' דקהל יטב לב, וואו באָסעס האָבן אָפּגעוואַרט יעדן איינעם צו אַרויספאָרן אין אַ מזל'דיגן שעה צום דזשעי. עף. קעי. לופטפעלד אין קווינס.

נאָך זייענדיג אין ניו יאָרק האָט זיך שוין דערקענט די געוואַלדיגע השקעה און כוחות וואָס די אָרגאַניזירער האָבן אַריינגעלייגט אין די לעצטע וואָכן איידער די נסיעה, ווען יעדן קלענסטן דעטאַל איז געוואָרן אויסגערעכנט. איבערהויפּט די כבוד הציבור איז געוואָרן אויסגעשטעלט אויפ'ן העכסטן פאַרנעם צו יעדנ'ס פּערזענליכן הנאה, וואָס האָט שטאַרק צוגעגעבן צום הרחבת הדעת פון די גאַנצע נסיעה, צו קענען האָבן די ריכטיגע ישוב הדעת ווײַלנדיג אין ווייטן אייראָפּע צו פּוקד זיין די ציונים הקדושים כראוי וכיאות.

ס'איז צו ערוועגען, דאָס וואָס ס'איז שוין פון לאַנג באַקאַנט פאר אַלע מתפּללים פונעם בית המדרש, די גאַנץ-יעריגע כוחות ודמים תרתי משמע וואָס דער אַלעמען באַליבטן רוח החיים דביהמ"ד, העסקן הדגול הנכבד והנעלה, מו"ה ר' מרדכי יצחק אייזיק וואלטער הי"ו, מגדולי עסקני ותומכי ק"ק ומוסדות סאטמאר קרית יואל, לייגט אַריין פאר די הצלחה פונעם הערליכן ביהמ"ד, וואָס משם תצא תורה ועבודה וגמילות חסדים פאַר'ן גאַנצן אומגעגנט.

אָבער אַצינד האָט זיך עס אַרויסגעצייגט אויף אַן אומגעהויערן פאַרנעם, ווען דער איש האשכולות ר' יצחק אייזיק, האָט נישט גערוהט די לעצטערע וואָכן איידער דער ציבור איז אָפּגעפלויגן קיין אייראָפּע, ער האָט זיך איבערגעגעבן מיט אימערמידליכע כוחות פאר די הצלחה פון די נסיעה, וואָס דער ציבור הנוסעים זענען אים מכיר טובה פאַר'ן אַהערשטעלן אַזאַ דערהויבענע און געשמאַקע נסיעה וואָס איז ב"ה געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה מרובה בסייעתא דשמיא.

עקסטער דאַרף ווערן אַרויסגעהויבן די אויסטערלישע כוחות וואָס עס האָט אַריינגעלייגט האברך החשוב העסקן הדגול מו"ה ר' משה יחזקאל פערלמוטער הי"ו, וואָס האָט אַלעס אָנגעפירט במשך פון די טעג בעפאָר'ן נסיעה, און אַזוי אויך די גאַנצע צייט וואָס מ'האָט געוויילט אין אייראָפּע, וואָס יעדן דבר קטן וגדול האָט ער זיכער געמאַכט אַז אַלעס פאָרט כהוגן בס"ד, און אַרבעט זיך אויס על צד היותר טוב.

באזונדער ווערט ארויסגעהויבן די שווערע עבודה וואס מו"ה ר' אלימלך שלו' ווייס הי"ו ממתפללי ביהמ"ד, האט אריינגעלייגט במשך די גאנצע נסיעה, איבערהויפט מיט'ן אראנדזשירן די טעכנישע דעטאלן פאר די הוק-אפס פון אלע מעמדים און די אמירת תהלים, וואס מריחוק המקום האבן פילע אידן הנאה געהאט צו קענען מיטהאלטן און זיך מקשר זיין אינאיינעם, ותשחח"ל.

דער קבוצה איז דאַנקבאַר פון טיפן האַרצן פאר מו"ה ר' מאיר וויינשטאק הי""ו, פון די בארימטע 'רילעקס ענד

פליי' טרעוועל אַגענט פירמע, וואס האט אַראַנדזשירט די נסיעה מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען, וואס האט אריינגעגעבן די ריכטיגע ישוב הדעת אין אלע טעכנישע דעטאַלן במשך פונעם נסיעה.

נאָכ'ן אָנקומען אין לופטפעלד און אַלעס מסדר זיין מיט די באַאַמטע, האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען תפלת מנחה אין אַן אָפּגעזונדערטן אָרט, און אַ תפלה טון אַז די נסיעה זאָל געקרוינט ווערן מיט הצלחה און מ'זאָל האָבן די זכי' צו אויס'פועל'ן ישועות ורפואות פאַר זיך און פאַר'ן כלל.

6:50 אָוונט צייט האָט זיך די פליגער פון לופטהאַנזאַ עירליין, געהויבן בשעה טובה ומוצלחת אויפ'ן וועג, מיטנעמענדיג אַלע שווערע מכאובים וואָס אידן מאַכן לײדער מיט, און דאָס אָפּלאָדענען ביי די מקומות הקדושים מקומות המסוגלים להפקד בדבר ישועה ורחמים, און אַהיימקומען בעז"ה מיט זעק און פעק פון ישועות ונחמות און בשורות טובות פאר יעדן איינעם.

נאָכדעם וואס די פליגער האט זיך געהויבן, און ס'איז שוין געווען פאַרזיכערט, האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען תפלת מעריב מיט מנין כדבעי, אַז מ'זאָל קענען דערנאָך האָבן עטליכע שעה פון די נאַכט זיך צוצולייגן און שעפּן כוחות פאר די דערהויבענע פיר מעת-לעת, וואָס די שלאָף וועט נישט זיין פון די עיקר אויפ'ן סדר היום..

אין אַן אינטערעסאנטן אנעקדאָט, האָבן זיך די נישט-אידישע מאַנשאַפט אויסגעדריקט אז זיי באַוואונדערן די איידלקייט פון די חבורה, און נאָכמער איז זיי אַ וואונדער דאָס וואָס זיי זעען אז ס'זיצן צענדליגער אידן אויפ'ן פליגער און האבן נישט קיין אנדערע דאגה נאר צו 'סטאָדיען' אין ספרים איינער מיט די אנדערע... א זאַך וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט מיטגעהאלטן, וואס דאס האט אויסגערופן א קידוש שם שמים, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליכם!

## וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן: מ'קומט אָן קיין אייראָפּע בשעה טובה

נאָך אַ רייזע פון אַכט שעה האָט די פליגער געלאַנדעט אין מינכען דייטשלאַנד 7:40 דאָנערשטאָג אינדערפרי אָרטיגע זייגער, וואו מ'האָט געוויילט אַרום דריי שעה וואַרטנדיג אויפ'ן קאָנעקטינג פליגער צו פירן קיין ריישא, פוילן.

מ'האָט מסדר געווען ביי די לופטפעלד באַהערדע צו קענען האָבן אַ געהעריג אָפּגעזונדערטן אָרט צו דאַווענען תפלת שחרית מיט כונה און ישוב הדעת. אַזויווי מ'האָט נישט געהאַט קיין ספר תורה האָט מען נישט געליינט בשעת תפלת שחרית, נאָר מ'האָט עס משלים געווען שפּעטער אין טאָג אָנקומענדיג אין ליזענסק.

נאָך תפלת שחרית איז סערווירט געוואָרן אַ ברייטן פת שחרית וואָס מ'האָט מיטגענומען פון ניו יאָרק, און האָט זיך ב"ה געהאַלטן פיין פריש לשביעת רצון פון אַלע מיטרייזנדע. מעומק הלב האט מען באַדאַנקט פאר מו"ה ר' יחיאל מעכיל פוקס הי"ו ממתפללי הביהמ"ד, וועלכער האט זיכער געמאכט שלא יחסר המזג.

דער ציבור איז אויפגעשטיגן אויפ'ן קליינעם קאָנעקטינג פליגער וואָס איז געפלויגן פון מינכען קיין ריישא, וואו מ'האָט געלאַנדעט אין אַ מזל'דיגן שעה 12:40 מיטאָג צייט.

גלייך ביים לופטפעלד האָט שוין אָפּגעוואַרט באַקוועמע דאָבל-דעק אייראָפּעאישע באָסעס, וואָס איז געווען אויסגערישט צו מקבל זיין די חשוב'ע קבוצה פון אַזאַ ווייטע רייזע. אַן אנגעפילטע 'נסיעה רוממה זעקל' איז געליגן אויף יעדן אָרט, מיט אַלעס נויטיג פאַר'ן גאַנצן נסיעה. אַ סידור, תהלים, קונטרסים, ליכט, קוויטל




פּאַפּיר, און אַ געשמאַקע צידה לדרך וואָס איז געברענגט געוואָרן פון רבי אלימלך'ס הויף אונטער אַ שטרענגען השגחה מעולה.

נאָכ'ן זיך באַקוועם מאַכן אויף די באָסעס און זיך אָפּרוען פון די לאנגע רייזע, האָט מען זיך בשעה טובה אַרויסגעלאָזט צום ערשטן אָרט לקדושים אשר בארץ המה, וואו מ'הייבט אָן מיט די עבודת התפלות ותחנונים וואָס דאָס איז דאָך דער גאַנצער ציל פון די נסיעה.

מ'האָט געמאַכט די וועג פון 40 מינוט אָנצוקומען צום הייליג שטאָט ליזענסק, מקום מנוחת קדשו פון רבן של ישראל מרן קודש הקדשים רבי אלימלך זי"ע, שטייענדיג אין אַ פּאַסיגן זמן ווען מ'האַלט בין הילולא להילולא פון אדר ראשון און אדר שני.

אָנקומענדיג קיין ליזענסק איז מען גלייך געגאַנגען זיך מטהר ומקדש זיין אין די הערליכע מקוה קעגן איבער די ציון הק'. דערנאָך האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען אַ דערהויבענע תפלת מנחה, מיט די ריכטיגע הכנה דרבה, ווען מ'שטייט אין אַזאַ עת רצון איידער מ'גייט האָבן די זכי' צו פוקד זיין די מקום נורא וקדוש להפקד בדבר ישועה ורחמים.

נאָך תפלת מנחה האָט מען משלים געווען די קריאת התורה. הרה"ג הדומ"ץ שליט"א האָט מוציא געווען יעדן מיט ברכת הגומל בכונה יתירה, דאַנקנדיג אַז ב"ה די וועג אַהער איז אַריבער בשלום בלי שום מכשול.

## שֶׁנִּהְיֶה תָּמִיד נַעֲנִים בְּעֵת שֶׁנִּתְפַּלֵּל: פוקד ציון הק' אין ליזענסק

נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער דערהויבענער מעמד הכנה לקראת עלי' לציון, ווען עס האָט צו ערשט אויפגעטרעטן מיט האַרציגע דברי חרוזים מו"ה ר' יושע בערקאָוויטש שליט"א, וועלכער איז מיטגעקומען מיט די נסיעה צו אויפטרעטן און מעורר זיין די הערצער במשך די גאַנצע נסיעה.

מיט האַרציגע געגועים האט ער ארויסגעברענגט די השתוקקות וואָס יעדער איד האָט צום הייליגן רבי ר' אלימלך, און האָט מעורר געווען נישט אַרויסצולאָזן אַזאַ זעלטענע מאָמענט ווען היימישע חסיד'ישע אידן ברוב עם זענען פוקד דעם הייליגן ציון צו אויס'פועל'ן ישועות ורפואות פאַר'ן גאַנצן כלל.

דערנאָך האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן אַ געוואַלדיגע אויפטריט פון דער חשוב'ער משפיע רוחני ומלהיב לבבות, דולה ומשקה מתורת מרן רביה"ק זי"ע, הרב הגאון ר' לייבוש דייטש שליט"א מגי"ש בבית המדרש הגדול. דער חשוב'ער משפיע איז מיטגעקומען כל אורך הנסיעה מיט'ן ציל צו אויפהייבן אַלעמענ'ס הערצער און אַריינגיסן עמערס פון השתוקקות און התעוררות בשעת מ'איז פוקד די אַלע ציונים הקדושים, און אַזוי אויך במשך די לעכטיגע שבת קודש וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויף אַ געהויבענעם פאַרנעם.

מיט גרויס התעוררות האָט דער מלהיב לבבות ומשפיע שליט"א מעורר געווען דעם גרויסן זכות פונעם צדיק, און אַרויסגעהויבן ווי ווייט דער הייליגער רבי ר' אלימלך האָט אינזין געהאַט אונזער היינטיגן דור, און זיכער איז ער ווייטער מגין בעלמא דקשוט פאר יעדן איד באשר הוא שם.

מיט פּאַסיגע דברי הכנה האָט ער אָנגעוואָרעמט יעדנ'ס הארץ מיט די ריכטיגע הכנה ותיקון המעשים איידער מ'טרויט זיך אַריינצוטרעטן אין מקום קודש הקדשים צו האָבן די זכי' צו מתפלל זיין בזכותו הגדול והקדוש. מפי ספרים וסופרים האָט ער נאָכגעברענגט די אויסטערלישע כח וואָס מ'האָט ביים פוקד זיין ציונו הקדוש, וואָס איז אַ בחינה פון יום הקדוש אַ גאַנץ יאָר.

נאָכ'ן פּראַווען אַזאַ דערהויבענע הכנה דרבה, האָט מען אינאיינעם אַרויפגעשפּאַנט צום הייליג אָרט, און




מה טובו אוה"ליך: ביים ציון הק' פון פון הייליגן ישמח משה אין אוהעל




ביומא דהילולא קדישא: ביים הייליגן ציון פון הרה"ק מקאלוב זי"ע

מיט גרויס התעוררות ודביקות האָט מען אָנגעהויבן די תפלה פון רבי אלימלך מיט גרויס כוונה. דערנאָך האָט מען געזאָגט די הייליגע תפלה פון ישמח משה איידער מ'האָט אָנגעהויבן די קאַפּיטלעך תהלים.

הרה"ג ר' לייבוש שליט"א האָט פאָרגעזאָגט מיט גרויס בכיות די סדר מזמורי תהלים, ווען דער ציון הק' ווערט איינגעהילט אין איין שטיק התעוררות, און א געוואַלדיגע אַטמאָספערע נישט אַרויסצולאָזן אַזאַ געוואַלדיגן עת רצון, צו אויס'פועל'ן פאר זיך און פאר אַנדערע לתשובה ותיקון המעשים און איינרייסן ישועות פאַר'ן כלל און פּרט.

אַ לענגערע צייט האָט דער ציבור איינגעריסן, ווען עטליכע מאָל אינמיטן האָט דער חשוב'ער בעל משפּיע גענומען דאָס וואָרט און מעורר געווען בדברי התעוררות ודברי מוסר, און אויפגעוועקט דעם הייליגן זכות וואָס דער גרויסער צדיק איז משפּיע פאַר כלל ישראל.

נאָך אַ לענגערע צייט האָט מען מיט גרויס התעוררות געזאָגט דעם יהי רצון נאָך אמירת תהלים, ווען בשעת מעשה האָט דער שליח ציבור מזכיר געווען צענדליגע הזכרות וואָס אידן האָבן מיטגעשיקט, ממנה צו זיין דעם ציבור צו זיין די ריכטיגע שלוחי בית ישראל צו מזכיר זיין די צרכי בית ישראל המרובים. קיין טרוקן אויג איז נישט געווען ביים אויסשרייען דעם י"ג מידות של רחמים, ווען בלב נשבר ונדכה האָט מען איינגעריסן ביים שוכן מרומים אַז די אַלע תפלות זאָלן ווערן נתקבל לרחמים ורצון.

דער ציבור איז אַראָפּ פון ציון הק' מיט אַ הייסע תפלה מ'זאָל האָבן גע'פועל'ט אַלעס גוטס. מ'איז צוגעגאַנגען צום הכנסת אורחים פון רבי אלימלך'ס הויף, וואו ס'איז געווען צוגעגרייט אַ וואַרעמען מיטאָג, זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ איידער מ'איז ממשיך די וועג ווייטער.

## וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם: פוקד ציון הק' אין צאַנז

פון דאָרט איז מען צוריק אויף די באָסעס און מ'האָט געמאַכט דעם וועג צום עיר הקודש צאַנז, צו פּוקד זיין דעם ציון הקדוש פון מרן צדיק יסוד עולם הרה"ק דער צאַנזער רב זי"ע. דער וועג האָט גענומען צוויי און אַהאַלב שעה.

מ'איז גלייך צוגעפאָרן צום ציון, און רבי לייבוש האָט גענומען דאָס וואָרט צו מעורר זיין די הערצער איידער מ'האָט די זכי' צו קענען מתפּלל זיין ביי אַזאַ אויסגעווייקטן אָרט מקום קיבול תפלות. ער האָט פאָרגעלערנט עטליכע פלאַמעדיגע שטיקלעך אין הייליג ספר דברי חיים, און מעורר געווען דער גרויסער זכות, מיט דברי מוסר והתעוררות נישט אַרויסצוגיין פון דאָ אָן תשובה ותיקון המעשים.

איבערהויפּט האָט ער מזכיר געווען אַז יעדער פאר זיך זאָל מקבל זיין כאָטש איין קבלה טובה מיט וואָס ער גייט אַרויס פון דאָ, צו שטייגן העכער על במתי התורה ויראה און אין עבדות השם. נאָכזאָגנדיג אַז הושענא למען סודך, הקב"ה ווייסט וואָס טוט זיך ביי יעדן אין האַרץ, און אַזוי וועט מען בעז"ה קענען אַרויסגיין פון דאָ מיט געוואַלדיגע ישועות און השפּעות

שַׁבַּת הַמִּתְאַחֶדֶת בְּשֵׁם קָדְשָׁךְ

# מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא: דער לעכטיגער שבת קודש אין קערעסטיר!

דער לעכטיגער שבת קודש בצל כנפיך יחסיון וועט נישט אזוי שנעל אַרויסגיין פון זכרון פון די אַלע באַטייליגטע, וואָס האָבן מיטגעלעבט אַ לעכטיגע שב"ק פון כל כולו התעלות והתרוממות מלא דביקות משך די גאַנצע מעת לעת כל כולו קודש לד', געפּראַוועט בהתרגשות ודביקות חסידים ואנשי מעשה כמקדמת דנא, מיט השפּעות טובות וואָס זיי נעמען מיט אויף אַ גאַנץ לעבן.

ב"ה אַז מ'האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אָפּגעדינגענע אָרט וואו מ'האָט געפּראַוועט אינאיינעם די תפלות און סעודות שבת אויף אַ געהויבענעם שטייגער, בשבת אחים גם יחד, מתפּללי ולומדי ביהמ"ד וואָס דאָס איז דאָך געווען דער ציל זיך צו קענען צאַמהאַלטן בדיבוק חברים און שטייגן אינאיינעם אין עבדות השם.

נאָכ'ן זמן הדלקת הנרות איז מען אַריין אינעם ביהמ"ד און געזאָגט שיר השירים מיט אַ וואַרעמקייט און העכערקייט. הרה"ג דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי' שליט"א האָט געדאַוונט תפלת מנחה פאר'ן עמוד און אַריינגעברענגט דעם גאַנצן עולם אין אַ העכערן גייסט, זיך צוריקזעענדיג אין מדינת אונגאַרן ווען דאָס אָרט האָט געשפּרודלט פון לעכטיגע אידישקייט פון חסידים ואנשי מעשה איידער דעם ביטער'ן קריג.

נאָך מנחה האָט הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א גענומען דאָס וואָרט און איינגעלייטעט דעם לעכטיגן שבת מעין עולם הבא. ער האָט אַרומגערעדט בגודל קדושת השבת, און די זכי' וואָס מ'האָט צו קענען אינאיינעם אַלע מתפּללים פּראַווען אַ לעכטיגן שבת בשבת אחים אונטער די השפּעה פונעם דיין שליט"א.

דערנאָך האט ער ארומגערעדט איבער די אחריות וואָס יעדער טאַטע האָט יעדן שבת אינדערהיים צו אָפּרעכטן די סעודת שבת כדבעי, וואָס די קינדער האַלטן דאָס מיט און מ'האָט די חיוב און זכי' אַריינצולייגן אין זיי אַ שמחת החיים און ליבשאַפט צו טון די רצון השם.

צו קבלת שבת האָט געדינט דער שליח ציבור מו"ה ר' יושע בערקאָוויטש הי"ו וואָס האָט מיט זיין זיסע שטימע אַריינגעברענגט דעם מתיקות השבת אין אַלעמענ'ס הערצער צו מקבל זיין דעם לעכטיגן שב"ק בצל כנפיך יחסיון.

נאָכ'ן דאַווענען האָט מען אָפּגעראָכטן די לעכטיגע סעודת שבת אינאיינעם, ווען ס'איז סערווירט געוואָרן אַ ברייטע סעודה מיט גרויס הרחבה וואָס די הכנסת אורחים האָט צוגעשטעלט מיט אַ רייכקייט און שיינקייט. ס'איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַ פּאַסיגן אופן אַז יעדער זאָל קענען אַלעס מיטהאַלטן ווי ס'דאַרף צו זיין.

דורכאויס די סעודה האָט מען געזינגען ניגוני שב"ק שירות ותשבחות, און עטליכע מגידים האָבן אויפגעטרעטן צו אַרויסברענגען די הרגשים וואָס דער ציבר האָט צו קענען פּראַווען אינאיינעם אַזאַ לעכטיגן שב"ק ווײַלנדיג אין אייראָפּע צו אויס'פּועל'ן ישועות ביי די ציונים הקדושים.

הרה"ג ר' לייבוש שליט"א האָט עטליכע מאָל אויפגעטרעטן און אַרומגערעדט בעניני הפרשה, און איבער די געהויבענע זמנים אין וואָס מ'שטייט. אַזוי אויך האָט מו"ה ר' יושע בערקאָוויטש הי"ו אויפגעטרעטן און געזינגען הערליכע ניגונים מיט אַ געוואלדיגע מתיקות.

באזונדער האָט אויפגעטרעטן מו"ה ר' אייזיק וואלטער הי"ו רוח החיים דביהמ"ד, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן זיינע הרגשים פון די נסיעה הרוממה, וואָס די כוחות האָבן זיך ב"ה אויסגעצאָלט ווען מ'האַלט שוין דאָ ביים פּראַווען די הייליגע שבת בצוותא חדא אונטער אַזאַ געהויבענע אַטמאָספערע. ער האָט זיך באַדאַנקט פאר יעדן וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן, און פאר אַלע משתתפים וואָס יעדער גיט צו פאר די הצלחה פון די נסיעה.

נאָכ'ן זיך פאַרציען פאר אַ לענגערע ווײַלע די סעודת שב"ק, איז זיך דער עולם געגאַנגען צולייגן, און שעפּן פרישע כוחות צו אָפּרעכטן די שבת בייטאָג מיט די ריכטיגע באַדייט.

## שבת אינדערפרי אין שטאט קערעסטיר

שבת אינדערפרי איז פאָרגעקומען אַ מנין אויסצוזאָגן תהלים אין רבי ישעי'לעס קוויטל צימער. אין אַזאַ אָרט וואו דער צדיק האָט גע'פועל'ט פאר אידן בשעת ער האָט געלעבט, האָט מען ממשיך געווען די השפּעות אף כאן עומד ומשמש.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', איז אָפּגעראָכטן געוואָרן די תפילות און סעודת פון שבת בייטאָג אויף אַ געהויבענעם שטייגער מיט געוואַלדיגע התרוממות און התעלות. די הערליכע דרשות און תפילות וסעודת שב"ק האָט דערהויבן דער גאַנצער עולם מיט אַ העכערקייט און זיסקייט במנוחה ושמחה אור ליהודים.

פסוקי דזמרה האָט פאָרגעדאַוונט מו"ה ר' יואל ווײַנשטאָק הי"ו מגבאי ביהמ"ד. אלס שליח ציבור ביי תפלת שחרית האָט געדינט מו"ה ר' יואל בראַ"ש ווייס הי"ו וואָס האָט מיט זיין פּאַכמאַנישע שטימע אַראָפּגעלייגט אַ הערליכע דאַווענען לכבד את ד' מגרונו.

איידער קריאת התורה האָט דער דיין שליט"א אויפגעטרעטן מיט געוואַלדיגע דיבורים איבער'ן גרויסקייט פונעם שב"ק, און דער געוואַלדיגער זכי' וואָס די מתפּללים האָבן אצינד ווען מען איז געקומען מתפּלל זיין ביי די ציונים הקדושים, און בצוותא חדא פאַרברענגען אינאיינעם בשבת אחים גם יחד, באהבה ודיבוק חברים.

אלס בעל קורא האָט געדינט מוה"ר שמעון פעלדמאַן הי"ו מגבאי ביהמ"ד. כהן האָט עולה געווען מוה"ר משה מרדכי קאָהן הי"ו. לוי הבחור ב"ר זושא לעווי הי"ו. שלישי הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א. רביעי מוה"ר יואל ווײַנשטאָק הי"ו, מגבאי ביהמ"ד. חמישי מוה"ר ישראל שמואל טעללער הי"ו. ששי דער דיין שליט"א. אחרון-חזק מוה"ר אייזיק וואלטער הי"ו. הגבה מוה"ר נפתלי הערש ווײַנשטאָק הי"ו.

## תְּחִלָּה לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ: די נדבות לטובת בניית בית המדרש החדש

גאר איבערראשנד איז געווען ווען ביים ליינען איז אויפ'ן אָרט געוואָרן צוגעזאָגט קרוב צו אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר, פאַר'ן מלכות'דיגן אויפבוי פונעם פּרעכטיגן בית המדרש החדש בית יעקב נחמי', וואָס מ'גייט בעז"ה אָנהייבן מלאכת הבנוי' אין די קומענדיגע תקופה לשמחת לב אַלע מתפּללים און תושבי השכונה, און צו די פרייד תלמידי וחסידי סאַטמאַר אומעטום.

ס'איז אַרויסגעהויבן געוואָרן דורך די אַראַנדזשירער, אַז מ'האָט בכלל נישט אָנגעוואַרעמט די נדיבים בעפאָר, נאָר פּשוט פון זיך אַליין, טרם יקראו, שטייענדיג ביי אַזאַ געהויבענעם שב"ק בצוותא חדא פון אַלע מתפּללים, זענען די נדיבים אַנטקעגנגעקומען

וואָס גייט באַגלייטן יעדן איינעם כל אורך ימיהם.

וויבאַלד ס'איז שוין געווען געווען נאָכ'ן זמן צאת הכוכבים האָט מען געזאָגט נאָר די קאַפּיטלעך תהלים וואָס איז מותר צו זאָגן ביינאַכט, ווען די התעוררות איז געווען עד אין לשער מיט אַ כליפּעריי פון בכיות איינרייסנדע תפלות ותחנונים מיט השתפכות הנפש ביי אַזאַ מקום נורא.

נאָכ'ן ענדיגן פוקד זיין די ציון הק', איז מען אַריבער צום פּראַכטפולן בנין פון 'בוני צאַנז' בהנהלת הרה"ג ר' יואל האלבערשטאם שליט"א, וואו ס'האָט אָפּגעוואַרט אַ וואַרעמען ארוחות ערב מיט אַ היימישן טעם, וואו מ'האָט זיך אָפּגערוט און אָנגעשעפּט כחות צו פאָרזעצן די דערהויבענע נסיעה אויף ווייטער. מ'האָט געזונגען וואַרימע ניגוני דביקות והתעוררות, און ארומגערעדט בסיפורי צדיקים ווי חסידים ואנשי מעשה כמקדמת דנא.

פון דאָרט איז מען געפאָרן צום שטאָטישן בית הכנסת, ביים הייליג פלאָץ ווי דער הייליגער דברי חיים האָט געפּראַוועט עטליכע מאָל אין יאָר זיין עבודת הקודש, איבערהויפּט האָט ער דאָרטן אָפּגעראָכטן די הייליגע יו"ט שמחת תורה בדביקות עילאה. דערביי האט רבי לייבוש פארציילט סיפּורים וואס ער האט געהערט פון זקני חסידים ווען ער איז געווען דא אין די פריערדיגע יארן. מ'האָט געדאַוונט אַ דערהויבענע תפלת מעריב ברוב עם, מיט אַ תפלה אַז אין אַזאַ אויסגעווייקטן אָרט זאָלן אַלע תפלות ווערן נתקבל לרחמים ורצון לפני אדון כל.

אָריגינעל איז געווען אויסגעשטעלט די נסיעה צו שלאָפן דאָנערשטאָג נאַכט אין קערעסטיר דאָרט וואו מ'האט געוויילט אויף שב"ק, אָבער צוליב די לענגערע צייט וואָס דער ציבור האָט געוויילט ביי די ציונים הקדושים איז מען פּשוט אויסגעלאָפן פון צייט, און מ'האָט איבערגעהיפּט דעם ליל שישי פון זיך צולייגן אין אַ בעט.

## מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹקִים: פוקד ציון הק' אין אוהעל

פון צאַנז האָט מען געמאַכט דעם וועג אריבער די גרעניץ אויף אונגאַרן. ווען מ'איז געפאָרן אַ וועג פון פיר שעה ביז אוהעל, צו פוקד זיין די ציון הק' פון איש האלוקים מרן רבינו הקדוש בעל ישמח משה זי"ע, און הרה"ק רבי סענדער'ל מקאָמאַרנא זי"ע וואָס ליגט אויך אינעם ציון הק'.

צו ערשט איז מען געגאַנגען אין מקוה להטהר ולהקדש איידער מ'טרעט אַריין אינעם מקום קדוש. דאן, שוין נאָכ'ן עלות השחר, איז דער גאַנצער ציבור אַריין צום ציון הקדוש, ווען קודם האָט מען אינאיינעם געזאָגט מיט גרויס התעוררות די הייליגע תפלה פון ישמח משה.

דערנאָך האָט הרה"ג ר' לייבוש שליט"א פאָרגעלערנט די הנהגות טובות וואָס דער ישמח משה האָט געשריבן, און האָט פאָרגעלערנט עטליכע הייליגע שטיקלעך פון ספריו הקדושים, צו מעורר געווען די הערצער איבער די נאָענטשאַפט וואָס מ'האָט צום ריש שלשילתא קדישא. ער האט ארויסגעברענגט די געוואַלדיגע עת רצון, שטייענדיג ערב שב"ק אין אַזאַ גרויסן אָרט, ווען מ'קען איינרייסן פאר ישועות ונחמות, און מ'זאָל נישט

מיט זייער ברייטהאַרציגע נתינה, וואָס וועט בלי שום ספק זיין דער מאַכטפולער שטופּ זיך צו קענען נעמען צו די עבודת הבנוי' ווי שנעלער, אויף וואָס מ'קוקט שוין אַזוי לאַנג אַרויס.

די סעודה שבת בייטאג איז אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ העכערקייט. מ'האָט געזונגען וואַרימע שירות ותשבחות. ס'האָט אויפגעטרעטן דער חשוב'ע בעל משפיע שליט"א, און דער דיין שליט"א. אַזוי אויך האָבן גערעדט הרב ר' חיים משה פאָלקאָוויטש שליט"א, און הרב ר' יואל פערלמוטער שליט"א מבני החבורה.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג ווען מ'האָט פאַרענדיגט די געהויבענע סעודה. מ'האָט גלייך זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, און דערנאָך איז געווען אַ קורצע הפסקה ליתן ריוח להתבונן און שעפּן כוחות אויף ווייטער.

## בְּנֵי הֵיכָלָא דִּכְסִיפִין: רעוא דרעוין בהתרוממות אין לשכוח!

דער סעודת רעוא דרעוין איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויף א אומפאַרגעסליכער פארנעם וואָס איז בכלל נישט שייך צו באַשרייבן! לעילא ולעילא! דער הייליגער זמן פון רעוא דרעוין, ווען די התעוררות און דביקות איז געווען בוקע רקיעים ממש, איז בלי ספק געווען דער קלימאַקס פונעם גאַנצן שבת וואָס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי אַלע משתתפים כל ימיהם!

דער חשוב'ער משפיע שליט"א האָט כדרכו, זייענדיג א בקי נפלא בספרי רבינו הקדוש, כסדר נאָכגעזאָגט הייליגע מאמרים בספרי דרבי, און מען האָט אַ לאַנגע צייט געזונגען אַלטע דורכגעווייקטע חסידיי'שע ניגונים פון דורי דורות. מען האָט זיך אַרומגעקאָכט בעניני אמונה ודברי חיזוק, מוסר, והתעוררות.

דער משפיע שליט"א האָט דערביי זיך געקאָכט מיט אַן אש קודש לקראת די הייליגע ימי הפורים און מגילה ליינען הממשמש ובא, און מיט דברי הכנה צו פוקד זיין די ציון הק' פון הייליגן רבי אייזיק'ל קאַלובער זי"ע ביומא דהילולא דילי'. די בכיות פונעם גאַנצן ציבור, געמישט פון אהבה מיט יראה, איז עפּעס וואס וועט בלייבן א רישומא קדישא פאר אלע משתתפים, און דאס האט זיכער עושה רושם געווען למעלה.

עס איז געווען איבער דריי שעה נאכ'ן זמן ר"ת ווען מען האט זיך געגרייט צו ברכת המזון, ווען גאַנצע דריי שעה איז דער גאַנצע ציבור געזיצן און זיך דערהויבן מיט אויסערגעווענליכע התעוררות און דביקות להתקרב אל ה'.

נאכ'ן אָפּרעכטן אַזאַ געוואַלדיגע עת רעוא דרעוין, האָט מען זיך געזעגנט פונעם לעכטיגן שב"ק. מ'האָט געדאַוונט תפלת מעריב און געהערט הבדלה, און אינאיינעם געזאָגט גא-ט פון אברהם און ויתן לך.

מוצ"ש איז פאָרגעקומען אַ גייסטרייכע סעודת מלוה מלכה אין רבי ישעי'לעס הויז, וואו מ'האָט אַרומגערעדט בסיפורי צדיקים, אַרויסהייבנדיג די געוואַלדיגע פּעולות און עבודת הקודש פון הרה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע יעדע וואָך ביי סעודת מלוה דמלכה.

## יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא: פוקד ציון הק' אין קאַלוב ביומד"ה

כחצות הלילה שטייענדיג אינעם גרויסן טאָג ז' אדר, יומא דהילולא קדישא פון רבן של ישראל הרה"ק רבי אייזק מקאַלוב זי"ע, איז מען צוגעפאָרן אַ וועג פון אַ שעה צו די שטאט קאַלוב, וואָס מיט יאָרן צוריק איז דאָס געווען פון די גרעסטע צוזאַמפאָר פון אַלע שטעט אַרום, צו ווײלן במחיצת הצדיק ביודהל"ק ז' אדר.

ס'איז נישט מעגליך אין ראַמען פון אן אַרטיקל אַרויסצוברענגען וואָספאַראַ אויר ס'האט זיך געשפּירט ביים מקום קודש הקדשים ציון המצוינת פונעם מושיען של ישראל, הרה"ק מרן רבי אזייק'ל קאַלובער זי"ע, בהאי יומא דקגרים, ז' אדר יומא דהילולא קדישא.

ס'שטייען אַ ציבור אידן צונויפגעפּרעסט אינעם קליינטשיג אויסגעווייקטן מקום המסוגל לישועות, טייכן טרערן פליסן זיך ארויס פון יעדנ'ס תהילים'ל, מ'גיסט אויס דאָס פאַרווייטאָגט האַרץ מיט השתפכות הנפש. אלעמענ'ס בקשות זענען זיך צאַמגעקומען לפונדק אחד, אינזין האָבנדיג כל בית ישראל הזקוקים לדבר ישועה ורחמים.

קרעכצן און יללות, מיט הימל-שפּאַלטנדע תחנונים הערן זיך ארויס פונעם ציון הקדוש, מ'רייסט איין ביים שוכן מרומים. מ'ווײנט זיך אויס אויף די צרות ויסורים ומכאובים וואס אידן מאכן ליידער מיט, און בזכותו הקדוש פונעם הייליגן פועל ישועות איז מען מתפלל צו זען היינט צוטאגס וואונדערליכע ישועות למעלה מדרך הטבע בזכותו הנשגב פון האי צדיק ופועל ישועות.

געוני ווי בחיים חיותו, זאָל דער צדיק יעצט אריינשיינען מאורו און פועל'ן ביים כסא הכבוד ישועות וואָס כלל ישראל קוקט אַזוי שטאַרק אַרויס, איבערהויפּט זאָל מען שון זוכה זיין צו די גאולה השלימה אויף וואָס דער בעל הילולא האָט אַזויפיל איינגעריסן בחיים חיותו.

ביים אַריינקומען אין אוהל האָט הרה"ג רבי לייבוש שליט"א אויפגעטרעטן מיט אויסטערלישע דיבורים היוצאים מן הלב, מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות האָט ער אָנגעצינדן יעדנ'ס האַרץ נישט אַרויסצולאָזן אַזאַ געוואַלדיגער עת רצון. מיט געוואַלדיגע בכיות האָט ער מעורר געווען זכותו הגדול והקדוש, דערמאַנענדיג זיין אויסטערלישע עבודה צו פועל'ן פאר כלל ישראל אָפענע ישועות בחיים חיותו מיט זיין אויסטערלישע כח הקדושה.

דער מגיד מישרים ובעל משפיע האָט דערמאַנט אַז דער צדיק'ס נשמה קומט אַראָפּ ביי זיין קבר ביומא דהילולא, דעריבער שרייט ער אויס צום צדיק ער זאָל נישט פאַרגעסן פון די שווערע צרות און מכאובים וואס כלל ישראל גייט אַריבער אין אַלע ענינים, ער זאָל אינזין האָבן די אַלע אידן וואָס קומען דאָ און רייסן איין במקום קיבול תפלות, און ער זאָל נישט פאַרגעסן פון דאָס וואָס ער האָט עוסק געווען כל ימיו, הושענא למען גואלינו הושענא!

די תפלות האָבן בוקע רקיעם געווען ווען מ'האָט דערמאַנט די נעמען פון אַ גרויסע רישומא הזכרות וואָס מ'האָט פאָרגעליינט. א לענגערע צייט האָבן מען מזכיר געווען די פילע הזכרות און איינגעריסן ביים שוכן מרומים מיט'ן האָבן די גרויסע זכות פונעם צדיק צו אַראָפּברענגען הויפנעס ישועות ורפואות פאר כלל ישראל.

נאָכ'ן אויסזאָגן גאַנץ ספר תהלים, האָט רבי לייבוש מעורר געווען איידער'ן יהי רצון מיט אַן אויסטערלישע זעלטענע התעוררות אַז מ'זאָל נישט אַרויסלאָזן אך הפעם צו איינרייסן פאַר'ן גאולה שלימה, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ הימל-שפּאַלטנדע יהי רצון וואָס האָט בוקע רקיעים געווען עד לב השמים.

נאָכ'ן פאַרענדיגן דעם פאָרכטיגן מעמד בקשת רחמים האָט זיך דער ציבור געוואונטשן איינער דעם צווייטן אַז מ'זאָל האָבן גע'פועל'ט אַלעס גוטס, און מ'זאָל זוכה זיין צו זען די ישועות וואָס מ'דאַרף און מיטנעמען די השפעות אויף ווייטער.

פון קאַלוב איז מען געפאָרן אויף ראַצפערט, וואו מ'האָט געזאָגט עטליכע מזמורי תהלים אויסבעטנדיג ביים הייליג ציון פון הרה"ק רבי הירצקא מראַצפערט זי"ע. דערנאָך איז מען איז צוריק געפארן קיין קערעסטיר וואו מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען תפלת שחרית באור היום פון זונטאָג פרשת ויקרא. דערנאָך איז געווען צוגעגרייט אַ זעקל מיט אַ רייכע פּת שחרית און צידה לדרך, זיך געזעגנדיג פון די לעכטיגע ימי התעוררות והתעלות.

מיט געהויבענע געפילן שפּירנדיג אַז מ'האָט גע'פועל'ט אַלעס גוטס, איז מען אַרויף אויף די באָסעס און געמאַכט די וועג צום לופטפעלד, צוריק אַהיים מיט זעק און פּעק מיט ישועות און רפואות וואס מ'נעמט מיט פאר זיך און פאר גאַנץ כלל ישראל.

## קָשֶׁה עָלַי פְּרוּדַתְכֶם: זונטאג ויקרא

זונטאָג נאַכט האָט מען אין אַ מזל'דיגן שעה געלאַנדעט צוריק קיין ניו יאָרק, וואו באָסעס האָבן אָפּגעוואַרט דעם גאַנצן ציבור וואָס האָט צוריקגעפירט יעדן קיין קרית יואל בשעה טובה ומוצלחת. אָפּגעמוטשעט פון אַזאַ געהויבענע פיר מעת-לעת, אָבער מיט געפילן פון התרוממות און הייליגקייט וואָס די לעכטיגע השפעות פון אַזאַ נסיעה רוממה וועט געוויס באַגלייט יעדן באשר הוא שם, און די זכרונות וועלן נישט אַזוי שנעל אַרויסגיין פון האַרץ, ווען מ'האָט געהאַט די זכי' מיטצולעבן זעלטענע טעג פון איין שטיק התעלות אן התרוממות להתקרב אל ה'.

זאָל הקב"ה העלפן מ'זאָל האָבן גע'פועל'ט אַלעס גוטס פאר זיך און פאר יעדן איינעם, ויהי רצון די ישועות און השפעות זאלן באַגלייטן אַלע מיטרייזנדע און זאָל זיך איבערגיסן אויף די גאַנצע אַרום, לנו ולכל ישראל.

**האָט גע'פועל'ט אַלעס גוטס!**

אַרויסלאָזן זיך צו אויסוויינען פאר די גאולה שלימה וואָס דער ישמח משה האָט עוסק געווען כל ימיו.

מיט הימל שפּאַלטנדע בכיות האָט מען געזאָגט די מזמורי תהלים פון קאַפּיטל צ' ביז ק"ז מיט געוואַלדיגע התעוררות בתפלה ותחנונים, אויספירנדיג די בקשת רחמים מיט הייסע טרערן ביים אמירת יהי רצון וואָס דער משפיע האָט פאָרגעזאָגט מיט גרויס בכיות און מזכיר געווען די נעמען להפקד בדבר ישועה ורחמים.

נאָכ'ן פוקד זיין די ציון, איז מען אַריין אינעם דערנעבנדיגן בית המדרש פון די הכנסת אורחים וואָס הרה"ח ר' סענדר דייטש ז"ל האָט אויפגעבויט, וואו מ'האָט געדאווענט אַ דערהויבענעם תפלת שחרית, זיך אויסבעטנדיג אַז די תפלות לא ישובו ריקם, און מ'זאָל מיטנעמען די השפעות פאר זיך און פאר די משפחה און פאר גאַנץ כלל ישראל.

דערנאָך איז מען געגאַנגען צום נישט-ווייטן שטאט ליסקא, צו מתפלל זיין ביים ציון הק' פונעם הייליגן תלמיד פון ישמח משה, הרה"ק ר' הערשעלע ליסקער זי"ע, וואָס מפּני קוצר היום האָט מען געזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים און זיך אויסגעבעטן ביים הייליג מקום אַלעס וואָס מ'דאַרף.

## יֵשַׁ"ע יְמִינוֹ: פוקד ציון הק' אין קערעסטיר

פון דאָרט האָט מען געמאַכט די קורצע וועג צום שטאָט קערעסטיר, וואו מ'האָט געווילט אויפ'ן לעכטיגן שב"ק יום שבתון אין לשכוח. מ'איז גלייך צוגעפאָרן צום ציון הק' פון הייליגן רבי ישעי'לע זי"ע, מיט באַקוועמע שאָטלס וואָס האָבן צוגעפירט יעדן איינעם.

הרה"ג רבי לייבוש שליט"א האָט אויפגעטרעטן מיט פלאַמעדיגע ווערטער צו מלהיב זיין די הערצער צו מתפלל זיין ביים מקום המסוגל. מ'האט שטארק ארומגערעדט אז די כח פון רבי ישעי'לע איז געווען שומר הברית והחסד, און מעורר געווען להתפלל לנו ולזרעינו. מיט גרויס התעוררות האָט דער ציבור געזאָגט מזמורי תהלים פאר אַ לענגערע צייט, ווען אַ גרויסער ציבור האָט אויסגעזאָגט גאַנץ ספר תהלים זיך נישט קענענדיג אָוועקרייסן פון מתפלל זיין בתפלות ותחנונים להפקד בדבר ישועה ורחמים.

נאָכ'ן אויס'פועל'ן אַלעס גוטס, איז מען צוגעפאָרן צו רבי ישעי'לעס הויז, וואו ס'האָט אָפּגעוואַרט אַ ברייטן פת שחרית, און מ'האָט זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ נאָכ'ן אָפּרעכטן אַזאַ געהויבענעם ליל ששי נישט שלאָפנדיג בלויז עטליכע שעה אויפ'ן באָס בין ציון לציון.

דער ציבור איז געוואָרן צוגעוויזן די אכסניות פון הערליכע אויסשטאָפירטע הכנסת אורחים וואו מ'האט געווילט אויף שב"ק, און במשך פון די שעות ביז'ן זמן שבת האָט מען זיך געגרייט צו מקבל זיין פני שבת המלכה דורך טון די ריכטיגע הכנה בהתעלות והתרוממות, זה בכה וזה בכה.



ואתם הדבקים חיים: ביים ציון הק' פון הרה"ק בעל דברי חיים ובניו הק'



מתחננים אנחנו: די תפלות בוקע רקיעים אין אהל הק' אין ליזענסק













**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
Schinus Veyoel Moshe 5-6-7-8 room apartments all floors available call to inquire



**FOR SALE**

**3 Satmar Drive**
Center of Kiryas Joel opportunity 2100 sq. ft. spacious apartment on the second floor on Satmar Drive



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area**
Renovated 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income



**FOR SALE**

**Buchanan** Great Location! Oversized 6 room apartment top floor with unfinished attic. Right next to בית המדרש הגדול

**FOR SALE**

- 5 room apartment top floor in SVM
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment 2nd floor on Lizensk
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 5½ room apartment on Lemberg top floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 7 room plus finished basement in SVM
- 7 Room apartment top floor with attic
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment in Atzia Temurim walk in private entrance
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Custom built brand-new private house 3 Holland Prestwick area
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- One one-room apartment on Quickway good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk in in SVM
- 4 room apartment brand new in Blooming Grove
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in SVM 2nd floor sec. 8 only
- 7 and 8 room apartment on forest 1th floor
- 7 room apartment in SVM 2nd floor private entrance
- 7 room Apartment in SVM and 3rd floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 4th floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 3rd floor
- 3000 sq. ft. Retail space on the 17-M
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- 2,000 sq. ft. unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq. ft. office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**
845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

# אויסערגעוועלנליכער חיזוק פאַר העראָאישע מתעסקים במלאכת הקודש אין "חברא קדישא" דקהל יטב לב ביי ריינדער אסיפת "חברא קדישא" ביום ז' אדר העעל"ט

**מתעסקים בקדשים נקבצו באו לך: לגיון של מלך חשובע מיטגלידער פון חברא קדישא דקהל יטב לב בכל מקומות מושבותיהם נעמען אַנטייל און ווערן נתחזק אָנצוגיין מיט זייער מסירת נפש'דיגער עבודת הקודש ביתר שאת וביתר עז**

**חזק חזק ונתחזק: גאָר רייכע און תוכנ'דיגע דרשה פון נואם הכבוד, באַרימטער פה מפיק מרגליות, כש"ת הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א, וועלכער איז מחזק און מרומם די עוסקים במלאכת הקודש באמונה**

**למען דעת את המעשה אשר יעשון: הרה"ג רבי זושא בר"י כ"ץ שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק', איז משמיע דבר ה' זו הלכה מיט הלכות נחוצות וואָס זענען נוגע די עוסקים במלאכת הקודש**

## האַרציגער קל מלא רחמים און אמירת קדיש נאָך אַלע נעדרים בקהלתינו הק' ע"ה פונעם פאַרלאָפענעם יאָר

ניו יאָרק. – אונטער אַ גאָר געהויבענער און ערנסטער שטימונג איז פאָרגעקומען די גרויסאַרטיגע "סעודת חברא קדישא" פון קהל יטב לב דעם פאַרלאָפענעם ז' אדר העעל"ט – דער יום המיועד מימים ימימה ביי קהלות קדושות בישראל מאז ומקדם צו מחזק ומרומם זיין די פעולות חברא קדישא – ווען דערביי זענען זיך צונויפגעקומען די הייליגע אַרמיי פון נאָענט צו 50 געטרייע חשובע עוסקים במלאכת הקודש, בחסד שעושין עם החיים והנפטרים, די חברי חברא קדישא דקהל יטב לב פון איבער גרעיטער ניו יארק.

די הערֹאָאישע אנשי חיל פון קהלתינו הקדושה, וועלכע געבן זיך אַוועק במסירת נפש לעשות חיל, זיך מתעסק צו זיין מיט די הייליגע מצוה פון חסד של אמת מיט אזא זהירות און אזא איבערגעגעבנקייט, מיט אַ העכערן געפיל און מיט די אַלע הייליגע ערליכע הנהגות המסורים לנו מדור דור, האָבן דערביי געשעפּט עמערס מיט חיזוק והתחזקות און הוראות והדרכות אָנצוגיין ווייטער מיט זייער מלאכת הקודש ביתר שאת וביתר עז.

### חברא קדישא – אַ יסוד מוסד פון די הייליגע קהלה!

ווי באַקאַנט איז די "חברא קדישא" איינס פון די גאר יסודות'דיגע חלקים פון די הייליגע קהלה, זיך אָפּצוגעבן על כל צרה שלא תבוא זיך מטפל צו זיין כדת של תורה מיט'ן ריכטיגן כבוד און זהירות און האקלקייט וואס די זאך פאדערט, כנהוג מקדמת דנא, דור אחר דור, וואָס חברא קדישא איז געווען די הייליגסטע נקודה פון כל קהלה קדושה בישראל.

דאָס נעמט אַריין אין זיך אַ לגיון של מלך, אַ הייליגע אַרמיי פון נאָענט צו 50 חשוב'ע בעלי בתים חשובים ונאמנים, געקליבענע אנשי חיל נאמנים לה' ולתורתו, אידן אנשי שם עושים ומעשים, בעלי אחריות, וואָס זענען נבחר געוואָרן מקרב קהל ועדה זיך אָפּצוגעבן מיט די הייליגע חסד של אמת, כדת וכראוי, לויט די יסודות הקהלה וואָס רביה"ק זי"ע האָט אַראָפּגעשטעלט.

ובפרט זכה לה קהלתינו הק' קהל יטב לב, אַז מ'האָט זוכה געווען אַהערצושטעלן דעם כח פון חברא קדישא אויף'ן העכסטן שטאַפּל און געהויבנסטן אופן, זינט מ'האָט בסייעתא דשמיא ובחסד עליון מקדש ומוסיף געווען דעם שטח החדש פונעם בית העלמין דקהלתינו הק', וואס האט ערמעגליכט מחזיר צו זיין די עטרה ליושנה מיט'ן צוריקשטעלן דעם באדייט פון חברא קדישא על מכונה.

אַלעס דורך ערנסטע חשוב'ע אידן, יראי ה' וחושבי שמו, יראים ושלמים, וואָס האָבן בלויז איין הייליגן ציל פאַר די אויגן צו היטן אויפ'ן כבוד פון די נפטרים און זייערע משפחות בשעה שמתם מוטל בפניהם ח"ו, און בחסדי ה' פירט זיך עס אַזוי אויפ'ן שענסטן אופן כראוי וכיאות, מיט'ן גרעסטן זהירות בהלכה ובמנהג ובכבוד החיים והנפטרים, אזוי ווי מרן רביה"ק זי"ע האָט עס מייסד געווען, און דער רבוש"ע זאָל העלפן מ'זאָל עס קיינמאָל נישט דאַרפן ניצן, ויבולע המות לנצח.

### נזכרים ונעשים - כנהוג מדור דור: כינוס החברא קדישא ביום ז' אדר

ווי איינגעפירט אין די לעצטערע יאָרן, מדי שנה בשנה – אין די ראַמען פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער חברא קדישא – ווערט דער טאָג פון "ז' אדר" אויסגעניצט אַלס "עת כנוס" פאר אלע מתעסקים בקדשים בקרב קהלתינו הק'. דער טאג וואס איז מקדמת דנא אוועקגעשטעלט פאר דעם ענין פון חברא קדישא, ווי מ'זעט אין די ספרים הקדושים און פנקסי הקהלה פון קהלות הקדושות און שטעט מיט הונדערטער יארן צוריק.

אין דעם טאָג, בהילולת משה רבינו ע"ה, טוט מען שטענדיג זיך צונויפנעמען פאר א סעודה, איבערצורעדן די אַלע עניני החברא קדישא, מ'שמועסט אויס זאַכן וואָס זענען נוגע, אויפקומענדע שאלות, נייע מציאות'ער, א.א.וו. און מ'איז מקיים דעם ותשועה ברוב יועץ ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, סיי בנוגע דעם טיפול מיט'ן כבוד הנפטרים כדת וכדין און סיי בנוגע דעם בית העלמין דקהלתינו הק' אין קרית יואל, צו פארזיכערן אז אלעס איז אהערגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פארנעם, כראוי וכיאות.

אַלזאָ, בנוסף צו די פילע קלענערע ענגערע אסיפות וועלכע קומען פאָר אינמיטן יאָר צווישן די ראשי החברא



הרה"ג רבי זושא בר"י כ"ץ שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק', משמיע דבר ה' זו הלכה מיט הלכות נחוצות וואָס זענען נוגע די עוסקים במלאכת הקודש



רייכע דרשה פון נואם הכבוד, בארימטער פה מפיק מרגליות, הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א, וועלכער איז מחזק און מרומם די עוסקים במלאכת הקודש באמונה

קדישא, צו פארזיכערן אז אלעס איז אהערגעשטעלט אויפ'ן שענסטן פארנעם, כראוי וכיאות, דינט אָבער די יערליכע "ז' אדר אסיפה" אַלס די צענטראַלע פאַרזאַמלונג פון "אַלע" מתעסקים במלאכת הקודש, די העלדישע בעלי חסד, וועלכע געבן זיך אַוועק מיט אַ מורא'דיגער מסירת נפש שלא על מנת לקבל פרס פאר די הייליגע אַרבעט לטובת קהלתינו הק' וחברי'.

## המתעסקים במלאכת הקודש כולם נקבצו באו לך

מטעם די הנהלת הקהלה והחברא קדישא איז אַהערגעשטעלט געווארן אויף אַ גאָר שיינעם און רייכן אופן אַ געהעריגע פולשטענדיגע "סעודה", וואו אלע מיטגלידער האָבן זיך געוואַשן צו דער סעודת ז' אדר, אַזוי ווי מ'זעט אַז "דאָס" איז געווען דער מנהג ישראל תורה ביי די קהלות מימי קדם אינעם טאָג פון ז' אדר, ס'זאָל זיין אַ סעודה פאַר די חברי החברא קדישא, בכל שנה ושנה.

עס איז באַקאַנט אַז ביי רבינו הקדוש זי"ע אינדערהיים אין סאַטמאַר האָט די חברא קדישא מדי שנה בשנה אָפּגעראָכטן אַ סעודה ביום ז' אדר, און דער הייליגער רבי זי"ע בכבודו ובעצמו – וואָס איז געווען דער מרא דאתרא ואב"ד נאמן פון דער גאַנצער שטאָט – האָט זיך מיט דעם מטפל געווען און איז געווען עומד ומשמש בשעת די סעודה, און דאָס גענומען מיט'ן גרעסטן מאָס ערנסטקייט.

די סעודה איז פאָרגעקומען דעם פאַרלאָפענעם זונטאָג אור ליום ז' אדר, יום המיועד להחברא קדישא. עס איז פאָרגעקומען אין זאל פון "עטרת אברהם" אין וויליאמסבורג. צו דער אסיפה האט מען געלאַדענט אלע חברי החברא קדישא פון אלע געגענטער, וועלכע ארבעטן שטענדיג אינאיינעם כאיד אחד בלב אחד.

וברם יזכר לטוב. עס דאַרף דערמאַנט ווערן לשבח ולתהלה די וואָס האָבן ערמעגליכט צו קענען אַדורכפירן די סעודה ברוב פאר והדר. בראש וראשון דער חשוב'ער פאַרוואַלטער פונעם "עטרת אברהם" זאַל, הרבני הנגיד הנכבד המפואר הרה"ח ר' ישראל יעקב הירש הי"ו, מחשובי פארי נכבדי קהלתינו הק', וועלכער האָט – אינאיינעם מיט זיין חשוב'ע שטאַב – בסבר פנים יפות צוגעשטעלט דעם זאַל פולשטענדיג שלא על מנת לקבל פרס למען תועלת החברא קדישא. ואתו עמו הרה"ח מוה"ר יעקב הערש ווייס הי"ו ממשמשי ביהמ"ד הגדול וואס האט ארויסגעהאלפן מיט אלעם להצלחת האסיפה שלא יחסר המזג.

צו די באשטימטע צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אלע חשוב'ע מיטגלידער פון דער חברא קדישא, כולם אהובים כולם ברורים. עס איז באמת געווען א שיין בילד צו זען דעם קוואַליטעט פון אונזערע חברי החברא קדישא; כולם כאחד יראים ושלמים, יראי ה' וחושבי שמו, בעלי בתים חשובים ונאמנים, תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע, וועלכע זענען עוסק אין דער הייליגער אַרבעט מיט דער גרעסטער מאָס נאמנות, איידלקייט, געטריישאַפט, אָפּגעהיטנקייט און יראת שמים, און אלעס שלא על מנת לקבל פרס.

צום ערשט האָט מען געצינדן יארצייט-ליכט לעילוי נשמת די נעדרים, און דאַן האָט מען אָנגעהויבן דעם סדר היום פון דער אסיפה, וואס איז באשטאנען פון איין זייט פון חיזוק והתחזקות, לרומם הלבבות אנצוגיין מיט דער עבודת הקודש, און פון דער אנדערער זייט צו מכין זיין די חברי החברא קדישא אויפ'ן ריכטיגן וועג ווען ס'קומט צום דבר ה' זו הלכה, כדת מה לעשות על כל צעד ושעל, ביי אלע אויפקומענדע שאלות וואס קענען זיך מאַכן על כל צרה שלא תבוא ה"י.

## יושב ראש: הרה"ח ר' נפתלי אלימלך ווייס שליט"א, מחברי החברא קדישא

געעפענט די אסיפה האט דער באַרימטער איש חי ורב פעלים לתורה ולתעודה, הרבני הנכבד והמרומם הרה"ח ר' נפתלי אלימלך ווייס שליט"א, וועלכער איז אליין א געטרייער לאנגיאריגער מיטגלידער אין די חברא קדישא, וועלכער האט בנעימת לשונו איינגעפעדימט די אסיפה בשם הנהלת הקהלה והחברא קדישא.

ער האָט ארויסגעברענגט דעם הייליגקייט פונעם טאג, די קדושת הזמן פון ז' אדר, די יומא דהילולא פון משה רבינו עליו השלום, וואָס מלפנים זאת בישראל האָט מען זיך אלעמאל צונויפגענומען די עוסקים במלאכת הקודש פון די חברא קדישא, מ'האט געפאסט און מתפלל געווען און זיך מתוועד געווען אינאיינעם לטכס עצה וויאזוי אהערצושטעלן דעם כבוד האחרון פאר די נפטרים מיט די גרעסטע מאס אחריות כדת וכהלכה, און דערמיט וואָס מיר טוען זיך צונויפקומען דאָ טוען מיר ממשיך זיין אין די דרכים פון די ראשונים כמלאכים, און דאס אליין וועט זיין פאַר אונז אַ זכות צו האָבן סייעתא דשמיא און זיך פירן אין ריכטיגן וועג.

מיט אַ פלאַם-פייער האָט ער נאָכגעזאָגט מורא'דיגע שטיקער פונעם הייליגן רבן של ישראל, מרן בעל "חתם סופר" זי"ע אין די דרשות פון ז' אדר וואו מ'זעט דעם מורא'דיגן זכות פון די וואָס טוען זיך מתעסק זיין אינעם חסד של אמת, וואס דאס איז די העכסטע מדריגה אין חסד, און אויך איבער דעם גודל היום וואָס איז מסוגל אויף געוואַלדיגע זאַכן, א זמן מסוגל לתשובה ולתיקון המעשים ולקיבול תפלות.

במיטב לשונו האָט ער פאָרגעברייט די חברי החברא קדישא, אַז מ'דאַרף זען טאַקע קונה צו זיין אַהיימנעמען מיט זיך די אלע דברי חיזוק, די אַלע הלכות, די אַלע הוראות וואָס מ'וועט הערן במשך די נאַכט, ווייל דאָס אַליין איז טאַקע וויכטיג, ס'גייט אַדורך דאָס יאָר, מ'גייט דורך שווערע זמנים, מ'ווערט טיילמאָל ערשעפּט פון דער עבודה קשה, ס'איז נישט גרינג, ס'קאָסט אַסאַך כח, דאַרפן מיר געדענקען און אַריינגעמען אין זיך וואָס אַ געוואַלדיגע מצוה דאָס און וואָס פאַר אַ זכי' מיר פאַרמאָגן צו קענען עוסק זיין אין דעם חסד של אמת.

## דבר הנהלת החברא קדישא: הרה"ח ר' זלמן לייב פעלדמאן הי"ו משמש הקהלה והחברה קדישא

דערנאָך האָט איבערגענומען דאָס וואָרט דער געטרייער איבערגעגעבענער משמש דקהלתינו הק', הרה"ח ר' זלמן לייב פעלדמאן הי"ו, וועלכער שטייט מיט א העלדישקייט די אַלע יאָרן אין די חברא קדישא דקהלתינו הק' בראש הפעולות, אַרבעטנדיג אינאיינעם האַנט-ביי-האַנט מיט די חשוב'ע עוסקים במלאכת הקודש.

דער משמש האָט צום ערשט באַגריסט מיט קורצע ווערטער די אַלע קאָלעגע עסקנים חשובים וועלכע געבן זיך אוועק לדבר מצוה מיט אזא מסירות נאמנה שלא על מנת לקבל פרס. ער האָט דערביי אַראָפּגעברענגט שיינע ענינים און מקורות ממקור קדוש יהלכון, איבער דאָס גרויסקייט און חשיבות פון אַ איד וואָס גיט זיך אַוועק פאר דעם חסד של אמת לגמול החסד עם החיים והנפטרים.

הרה"ח ר' זלמן לייב הי"ו האָט אַרויסגעברענגט די מטרה פון דער אסיפה, אַז די טייערע מתעסקים במלאכת הקודש וועלכע האַלטן מיט א גאנץ יאר אזעלכע שווערע אָפּמוטשענדע רגעים ווען מ'דאַרף זיך מטפל זיין בעת צרה אין די שווערסטע צייטן פון יאָר, איז הזמן גרמא אז מ'זאל זיך צוזאמקומען אינאיינעם, ותשועה ברוב יועץ, זיך מחזק זיין און זיך מתייעץ זיין, אז מ'זאל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן ח"ו, נאר אדרבה ממנו ניקח לעבוד את עבודת הקודש מיט פרישע כוחות, ס'זאל זיך אוודאי נישט אויספעלן, ויבולע המוות לנצח.

## נואם הכבוד: באַרימטער נואם בחסד עליון הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א, בן כ"ק גאב"ד אנטווערפּען שליט"א

דער קלימאַקס פון דער סעודה ואסיפת החברא קדישא איז געוויס געווען דער הערליכער אינספירירנדער אויפטריט פונעם "נואם הכבוד", נואם



די הייליגע אַרמיי פון נאָענט צו 50 חשוב'ע גבאי חברה קדישא ביים סעודה

בחסד עליון, הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א, בן כ"ק גאב"ד אנטווערפּען שליט"א, וועלכער האָט עלעקטעריזירט די חברי החברא קדישא מיט זיין פייערדיגער אויפטריט.

דער נואם הכבוד האט א לענגערע זמן געהאלטן געשפּאנט דעם עולם איבער דעם עוצם הזכות פון די מתעסקים בקדשים. דאס איז לאו מילתא זוטרתא. משה רבינו האט אליין זיך מתעסק געווען מיט די עצמות יוסף. דאס איז א דבר נורא, די שכינה הקדושה גייט מיט אינאיינעם מיט די עוסקים במלאכת הקודש, און באמת דאס איז א זאך וואס קיינער ווייסט נישט, קיינער האַלט נישט מיט, נאָר דער רבוש"ע אליין, ובפרט האט ער גאר הערליך מאריך געווען מפי ספרים וסופרים איבער ענין פון חסד וואס א מענטש טוט מיטן זיך אוועקגעבן דעם גוף ביים טון חסד פאר א צווייטן איד, הגומל חסדים טובים לעמו ישראל.

ער האָט אַרויסגעהויבן דעם באַדייט פון "חסד של אמת" חסד ריין אויסשליסליך לשם חסד! קיינער זעט נישט. קיינער האַלט נישט מיט. זיי קומען צו לויפן בעת צרה, מ'איז זיך מתעסק בקדשים, און מ'ווערט פארשוואונדן. מ'איז דא נאר בלויז פאר'ן תכלית, נאר בלויז פאר'ן חסד דערפון, פאַר'ן תכלית, אָן קיין שום זייטיגע בענעפיט אָדער כבוד וואָס מ'קען פון דעם אַרויסנעמען. דאָס איז כל כולו, ווי רש"י הקדוש רופט עס אָן: אַ חסד שאינו מצפה לתשלום גמול, אויף קיין שום וועג, אין קיין שום פאָרעם. נאָר בלויז ריין חסד לשם חסד! און דאָס איז די העכסטע מדריגה!

באופן מיוחד האָט דער נואם הכבוד אַרויסגעהויבן דאָס וויכטיגקייט פון דעם וואָס מ'נעמט זיך צוזאַם שבת אחים גם יחד, אין אזא הייליגן טאָג וואָס גדולי ישראל אין אַלע דורות האָבן אין דעם טאָג געהאַלטן דרשות און מעורר געווען אידישע קינדער, מ'האָט זיך מתבונן געווען אין די אבידות וואס כלל ישראל האט געליטן און מ'האָט זיך מחזק געווען אָנצוגיין בדרך התורה והיראה.

עס איז געווען א קידוש ה' צו הערן דעם "בפי ישרים תתרומם", ווען דער חשוב'ער גאסט האט זיך אפּגעשטעלט באופן מיוחד בשבחה פון די חברא קדישא דקהל יטב לב, וואו דער כח איז אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ שטאַרקן מורא'דיגן אופן.

"איז ממילא אשריכם ואשרי חלקיכם חברי החברא קדישא פון די הייליגע סאטמארער קהלה!", האָט דער חשוב'ער גאַסט-רעדנער אויסגעפירט זיינע נאָבעלע רייד, וועלכע זענען געווען מלאים תוכן ומפיקים נוגה, מלא מדע וחכמה, איבערלאָזנדיג אַן אומגעהויערן חיזוק אויף אַלע חברי החברא קדישא היקרים אַרויסצוהאָבן עוצם זכותם.

## את המעשה אשר יעשון: הרה"ג רבי זושא בר"י כ"ץ שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק'

אַריבערגייענדיג פון חלק ה'חיזוק' צום חלק ה'הלכה' האָט מען מכבד געווען דעם געהויבענעם דיין הרה"ג רבי זושא הכהן כ"ץ שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק', וועלכער האט צום ערשט מקדים געווען דאס חשיבות פון חברא קדישא, און הערליך שיין ארויסגעברענגט דאס ענין פון זיך צוזאמקומען בסעודת מרעים אין אזא הייליגן טאג, מיט בליציגע רעיונות האט ער גאר שיין ממחיש געווען בגודל קדושת היום, און פון דארט איז ער אריבער משמיע צו זיין עטליכע וויכטיגע הלכות נחוצות וואס איז נוגע פאר די מתעסקים במלאכת הקודש.

די חשוב'ע געטרייע חברי החברא קדישא האָבן מיט גרויס ערנסטקייט זיך צוגעהערט און זיך פאַרצייכענט די הלכות נחוצות וואָס זאָלן אוודאי פאַרבלייבן להלכה ולא למעשה, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו.

## קל מלא רחמים וקדיש יתום לע"נ הנעדרים מקרב קהלתינו הק'

נאָך די וואַרימע דרשות האָט דער גבאי החברא קדישא, הרה"ח ר' געציל פּאלאטשעק הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול פאָרגעזאָגט דעם 'קל מלא רחמים' פאַר אלע נעדרים וועלכע זענען אַוועקגעריסן געוואָרן דעם פאַרלאָפענעם יאָר, און אַלע חברי החברא קדישא האָבן מיטגעשעפּשעט, באַגלייט מיט אַ הייסע תפלה אז עליהם השלם כל הקרבנות כולם און מער זאָל מען נישט הערן אַזויפיל שווערע בשורות ה"י, און אלע חברי קהלתינו הק' זאָלן זוכה זיין לאריכות ימים ושנים טובים.

דערנאָך האָט מען מכבד געווען דעם סגן ראה"ק, הרבני הנגיד והנכבד הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, צו זאָגן אַ קדיש לע"נ הנפטרים, זייענדיג אין יאָר פון זיין אומפאַרגעסליכע מוטער ע"ה, און נאַכהער האָט מען מכבד געווען דעם חשובן נואם הכבוד צו בענטשן ברכת המזון על הכוס.

## חזקו ואמצו גבורי החיל: דער אומגעהויערער חיזוק פאַר די מתעסקים במלאכת הקודש

נאָכ'ן בענטשן האָט דער משמש פאַרטיילט "הבדלות" כנהוג, און אַזוי אויך האָט מען געשאָנקען במתנה אַ גאָר הערליכער ספר, א חיבור בגודל קדושת היום, צונויפגענומען מפּי ספרים וסופרים אלע ענינים פון ז' אדר בהילולת משה רבינו ועניני החברא קדישא, א גאר נאָבעלער צונויפשטעל, וואס די הנהלת החברה קדישא האט היי יאר ארויסגעגעבן לרגל האסיפה, פון וואָס אַלע חברי החברא קדישא האָבן שטאַרק הנאה געהאט.

אָנגעלאָדענט מיט חיזוק והתחזקות, אָנגעהויפּנט מיט פרישע מוט און אינספּיראַציע, האָבן די געטרייע חשובע חברי החברא קדישא פארלאזט די אסיפה, אָנגעשעפּט מיט פרישע כוחות צו שטיין ווייטער על המשמר, על כל צרה שלא תבוא, אויסצופירן די הייליגע פאַראַנטוואָרטליכע עבודה קשה שבמקדש, מיט די גרעסטע מאָס ערנסטקייט, על פי התורה אשר יורוך, לויט די הלכה ומסורה וואָס מיר האָבן מקובל מיט די יסודות וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט ובהדרכת קדשו של כ"ק מרן רבינו שליט"א, אשר מיני' לא נזוז ולא נזוע, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום יקיצו וירננו שוכני עפר, בתחיית המתים, בעת שיעלה רצון מאת הבורא יתברך שמו, במהרה בימינו, אמן.

**אמר להם משה יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם!**



דבר הנהלת החברא קדישא: הרה"ח ר' זלמן לייב פעלדמאן הי"ו משמש הקהלה והחברה קדישא



יושב ראש: הרה"ח ר' נפתלי אלימלך ווייס שליט"א, מחברי החברא קדישא עפענט די אסיפה



האַרציגער קל מלא רחמים נאָך אַלע נעדרים בקהלתינו הק' ע"ה פונעם פאַרלאָפענעם יאָר
דורך דער גבאי החברא קדישא, הרה"ח ר' געציל פאלאטשעק הי"ו



צדקה תציל ממות

# די בעסטע וויטאמין און
# prevention medication
## Start your day right

היינט איז א וועלט פון וויטאמינען, יעדע פאר טעג הערט מען פון א נייע אויפקום אין דעם פעלד, אמאל איז דאס עפעס וואס העלפט פאר דעם קאנצעטרירען, אדער עפעס פארן מאגן, אמאל סתם צו שטארקן דעם immune system און אמאל קומט דאס אויפצוהייבן דעם מאראל צו גאר פאר self confidence. מיר האבן היינט פאר אייך פארצושלאגן א וויטאמין פון גאר אן אנדער סארט עס האט די בעסטע referrals!! פון די הייליגע תנאים ואמורים אליין.

הערט זיך איין איבער וואס איז די רעדע:

לאמיר לערנען א שטיקל גמרא אין מסכת בבא מציעא (קז.), די גמרא הייבט אן מיטן אויסשמועסן פשט אין דעם פסוק פון פרשת עקב (ז' ט"ו) "והסיר ה' ממך כל "חולי" וועלכע זאך איז דאס וואס אלע קרענק זענען אין דעם אנגעהאנגען און דאס וועט דער אויבערשטער אוועק נעמען כדי אזוי אפצוטוהן אלע קרענק פון אידישע קינדער.

5 שיטות ווערט אראפגעברעגט אויף דעם: **רב** זאגט דאס איז 'עין הרע', **שמואל** זאגט דאס איז די נישט גוטע ווינטן וואס ברענגען מיט זיך כל מיני חולאים, **ר' חנינא** זאגט דאס איז די קאלטע ווינטן, **ר' יוסי בר חנינא** זאגט דאס איז די פילע אפפאל וואס בלייבט אין דעם מענטש, און **ר' אליעזר** זאגט אז דאס איז ווען די מרה שטארקט זיך אין דעם מענטש.

אויף די פינפטע שיטה ברעגנט די גמרא א ראי' פון א ברייתא, די ברייתא איז מסביר פשט אין דעם פסוק פון פרשת משפטים (כ"ג כ"ה) "ועבדתם את ה' אלוקיכם וברך את לחמך ואת מימך והסירותי "מחלה" מקרבך" זאגט די ברייתא אז די מחלה מיינט דאס וואס די מרה צעשפילט זיך, און די ברייתא לייגט צו צוויי טעמים פארוואס ווערט אט די קרענק אנגערופן 'מחלה' **1.** ווייל דאס מאכט קראנק דעם גאנצן קערפער. **צווייטנס** ווייל 83 קרענק זענען אין דעם אנגעהאנגען אזוי ווי די גמטריא פון דעם ווארט **מ40 ח8 ל30 ה5.** אויף דעם ארויף פירט די ברייתא **אויס אז די סעודה פון פרישטאג וואס מען עס גלייך אינדערפרי איז זיי אלע מבטל.**

דערמאנענדיג דעם ענין פון **"פת שחרית"**, ברענגט די גמרא דערויף אט די וואונדערליכע ברייתא

**תנו רבנן:** די הייליגע תנאים האבן אונז געלערנט אין א ברייתא. דרייצן בענעפיטן זענען געזאגט געווארן אויף דאס עסן א סעודה פון ברויט אינדערפרי **"פת שחרית"**.

1. עס ראטעוועט פון די קעלט.
2. עס ראטעוועט פון די היצן.
3. עס היט אפ פון די שלעכטע ווינטן וואס קען שעדיגן דעם מענטש (וואס לויט שמואל איז דאס די אפטייטש פון 'חולי' וואס דער פסוק זאגט).
4. עס היט אפ פון די מזיקים.

ווייטער רעכנט די ברייתא אויס נאך מעלות וואס קומט דורך די ישוב הדעת וואס דער מענטש האט ווען מען עסט פרישטאג אינדערפרי:

5. דאס מאכט קלוג דעם מענטש.
6. דורך דעם איז מען זוכה בדין אויב האט מען דעם טאג א דין תורה.
7. מען קען לערנען און פארשטיין גוט.
8. מען קען לערנען מיט אנדערע.
9. זיינע רייד ווערן געהערט צו די מענטשהייט.
10. זיין לערנען האלט זיך אין אים.
11. זיין לייב שוויצט נישט.
12. עס ברענגט שלום בית און שמירת עינים אויף די גאסן.
13. עס הרג'עט די נישט גוטע ווערים פון די מאגן.

און עס זענען דא וואס זיי לייגן צו א 14'טע זאך אז עס איז מבטל די קנאה פון דעם מענטש און אנשטאט דעם ווערט ער אנגעפילט מיט ליבשאפט צו מענטשן.

*

צום שלוס ברענגט די גמרא א שמועס צווישן צוויי הייליגע אמוראים איבער דאס חשיבות פון אט די סעודה: רבה האט געפרעגט פון **רבא בר מרי** פון ווי נעמט זיך אט די צוויי פאלגענדע באקאנטע מימרות:

**א.** דאס וואס מענטשן זאגן אז אפילו זעכציג מענטשן וועלן לויפן וועלן זיי נישט גרייכן דער וואס האט געגעסן פרישטאג אינדערפרי.

**ב.** דער הייליגער תנא ר' עקיבא האט געזאגט פאר זיין זון אז ער זאל שטענדיג אויפשטיין פרי און עסן געהעריג פרישטאג כדי אזוי וועט ער ווערן אפגעהיטן זומער פון די היץ און ווינטער פון די קעלט.

האט אים **רבא בר מרי** געענפערט דאס לערנט מען ארויס פון דעם פסוק אין ישעיה (מ"ט י') לא ירעבו ולא יצמאו ולא יכם שרב ושמש, פון דא זעהט מען אז אויב וועט מען נישט הונגערן און דארשטן וועט מען נישט ליידן פון די היצן.

און איך מיין - האט אים **רבה** געזאגט - אז מען לערנט דאס ארויס פון דעם פסוק **ועבדתם את ד' אלוקיכם ובירך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך.**

**ועבדתם את ד' אלוקיכם** מיינט דאס דאווענען, **ובירך את לחמך** גייט ארויף אויף עסן פת שחרית - און ווי דער מהרש"א לייגט צו איז די אותיות לחמך אזוי ווי מחלך - , **ואת מימך** איז א קריגל וואסער אינדערפרי צו דעם פרישטאג, דאן וועט זיין **והסירותי מחלה מקרבך.**

*

ווי איז דען פארהאן עפעס א בעסערע מעדעצין ווי דאס וואס די הייליגע תנאים און אמוראים האבן אונז געלערנט.

בואו חשבון, אינדערהיים - פארן דאווענען - קען מען דאך נישט עסן, נאכן דאווענען אויב וועט מען ווארטן אהיימצוגיין קען זיך דאס זייער מעגליך פארשלעפן און מען טרעפט זיך איינסע-צווייע אומגעגעסן, און די דעמאלט'דיגע סעודה וועט שוין מוזן ווערן אנגערופן 'לאנטש', דעריבער האט **"שבעינו בבוקר"** צוגעשטעלט די נארהאפטיגע סעודות אויפן פלאץ גלייך נאכדעם דאווענען שלא נחמיץ את המצוה.

לאמיר עסן צו די זעט און געבן פאר אנדערע אידן צו די זעט, און אזוי ברענגען פילע גוטס פאר אידישע קינדער.

בס"ד

# אם אתם משמח את שלי
# אני משמח את שלך

די באקאנטע ארגענאזציע

# 'אנקת אסיר'

וואס טוט אויף גדולות ונצורות פאר אחינו בני ישראל היושבים
במאסר ונמצאים בשבי בראש העסקן הנמרץ ר' יודל טאבאק

# זוכט וויכטיג אידן וואס
# קענען ארומגיין נאך געלט
# במשך די יאר

אויב ווילט איר האבן א חלק אין די געוואלדיגע מצוה
- וואס נעמט אריין אסאך מצוות

רופט:

**845-604-0189**

# התרגשות'דיגער מעמד פורים אינדערפרי ביי צענטראלער כינוס תשב"ר דורך "חברת תהלים" דקהל יטב לב

קרית יואל. - ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן איז אויך היי-יאָר פורים אינדערפרי פאָרגעקומען דער געהויבענער מעמד פאַר די הונדערטער תינוקות של בית רבן פון חברת תהלים דקהל יטב לב, וועלכע האָבן פאַרברענגט אַריבער דריי שעה מיט עבודת הקודש פון תהלים, דאַווענען און מגילה לייענען אויף גאָר אַ דערהויבענעם פאַרנעם.

דער מעמד איז פאָרגעקומען אין גרויסן היכל אויפ'ן דריטן שטאק אין ביהמ"ד הגדול - בנין אליהו וואָס איז געווען מייסטערהאפטיג אויסגעשטעלט צו דערהייבן דעם מאקסימום. די טישן און בענק צוגעשטעלט דורך הר"ר יואל גאנץ הי"ו, לע"נ הוריו החשובים ע"ה.

עס איז געווען אַן ערהאַבן בילד צו זען ווי די טייערע תשב"ר זענען אויפגעשטאַנען אין די פריע שעה'ן פון פורים אינדערפרי, און אָנגעהויבן דעם סדר היום און געזאָגט ברכת התורה מיט גרויס ברען, אַזוי ווי עס פאַסט זיך לכבודו של יום.

מען האָט פאַרטיילט נאַרהאַפטיגע מזונות מיט משקאות, ספעציעל פאַרפאַקט פאַר די קינדערלעך, כדי עס זאָל נישט פאַרנעמען קיין סאך צייט און קענען ענדיגן צייטליך דעם גאַנצן מעמד. אין דער זעלבער צייט האָבן די קינדער געהערט סיפורי צדיקים בקדושת היום דורך דעם חזן פון חברת תהלים מו"ה יודא בעריש לויפער הי"ו, און דערנאָך האָבן די קינדער געזאָגט אַ ברכת אחרונה צוזאַמען מיט אַ ברכת בורא נפשות. אויך האָט אויפגעטרעטן הרבני החשוב, עסקן נמרץ ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מו"ה יואל גראָס הי"ו, מנהל חברת תהלים.

עס איז געדרוקט געוואָרן ספעציעלע סידורים "תפלת פורים", וואָס האָט געהאט תהלים, אין תפלת שחרית, קרובץ, אין קריאת המגילה, כדי צו פאַרגרינגערן פאַר די תשב"ר, נישט צו דאַרפן זוכן וואו צו זאָגן.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן דאַווענען תפלת שחרית, ווען דער בעל תפלה איז געווען מו"ה יואל בר"א שפיצער ני"ו וואָס איז יעדעס יאָר בעל תפלה מיט זיין הויך קול, וואָס גיט די מעגליכקייט אַז אַלע קינדער זאלן קענען מיטהאַלטן דאָס דאַווענען מתחלתה ועד סופה.

די תשב"ר האָבן געדאַוונט מיט גרויס התלהבות אין ברען, און מיט יעדן קאַפיטל איז דאָס התעוררות געוואָרן מער און מער, ביז מ'איז אָנגעקומען צו ברכת קריאת שמע, וואו דער אהבה רבה האָט גענומען גאָר אַ לאנגע צייט, זיך נישט קענענדיג אָפרייסן פון די ווערטער והאר עינינו וכו' ודבק לבינו, וכו' ויחד לבבינו, ובפרט ביי קריאת שמע און שמונה עשרה.

נאָך שמונה עשרה און קרוב"ץ, האָט מען אויסגעטיילט פאַר די תשב"ר ספעציעלע גראַגערס, צו קענען מקיים זיין דעם "כי מחה אמחה את זכר עמלק" און אויסמעקן דעם המן כנהוג בכל תפוצות ישראל. די פאַראָרדענונג נישט צו ברענגען אַזעלכע זאַכן אשר אין רוח חכמים נוחה הימנה איז גאָר שטאַרק איינגעהאַלטן געוואָרן, און די קינדער האָבן טאַקע נאָר געקלאַפט מיט די גראַגערס אָדער מיט די פיס, כדי נישט צו צעשטערן דאָס מגילה לייענען.

קריאת התורה און מגילה לייענען איז צוגעגאַנגען פאַמעלעך, הויך און קלאָר, ספעציעל די תשב"ר זאָלן קענען געהעריג מיטהאַלטן יעדעס וואָרט, מקיים צו זיין די מצות היום.

אלס בעל קורא האט געדינט דער חזן פון חברת תהלים מו"ה יודא בעריש לויפער הי"ו, די גאַנצע צייט זענען אַרומגעגאַנגען די חשוב'ע גבאים וואָס האָבן פאַרטיילט פאַרשידענע פרסים.

דאן האָבן די טייערע קינדערלעך אָנגעהויבן זאָגן די קאַפיטלעך תהלים פון יום חמישי, וואָס ווי אַ קאַפיטל ווייטער איז דאָס התרגשות און די התלהבות געוואָרן מער און מער, אין




יעדע מינוט זענען צוגעקומען נאָך בעלי בתים חשובים, אברכים און בחורים, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרפאַסן די געלעגנהייט זיך מיטצוכאַפן מיט דעם הבל פיהם שאין בהם חטא אויסצו'פועל'ן ישועות און רפואות אין דעם גרויסן טאָג, וואָס איז זיכער בוקעת רקיעים.

צווישן די קאַפיטלעך זענען אויסגערופן געוואָרן די נדבנים וואָס האָבן געקויפט אַ זכות פון אַ "קאַפיטל" בעצם היום, שימלא ה' כל משאלות לבבם לטובה אין זכות פון דוד המלך ע"ה.

איידער מען האָט געזאָגט דעם קאַפיטל כ"ב וואָס האָט אַ ספעציעלע סגולה דאָס צו זאָגן בעצם היום, ווי געברענגט אין די ספרי קודש, האָבן די תשב"ר געהערט פייערדיגע ווערטער פון מוה"ר יודא בעריש הי"ו. חנוק בדמעות האט ר' יודא בעריש אויפגעשטורעמט די הערצער פון אלע פארזאמלטע צו מתפלל זיין אין די מאמענטן פאר אזויפיל אידישע קינדער וואס קוקן ארויס אויף ישועות און רפואות. דערביי האט ער דערמאַנט די נעמען פון די חולי ישראל וואָס מען האט פאר זייער זכות מנדב געווען דעם קאפיטל.

דערנאָך האָבן די קינדער געזאָגט מיט גרויס געגועים, אויפ'ן באַקאַנטן תהלים- ניגון, עטליכע קאַפיטלעך און שיר המעלות ממעמקים קראתיך וגו', וואָס די קינדער זענען צוגעוואוינט צו זאָגן יעדן שב"ק צופרי, און פאַרענדיגט מיט די פסוקים מי יתן מציון וגו'.

דאַן האָבן זיך אַלע תשב"ר אויסגעשטעלט אין לענגערע שורות צו באַקומען אַ גאַנצע משלוח מנות, מיט עטליכע זיסווארג, מיט גאָר אינטערעסאַנטע פרסים, פון וועלכן די תשב"ר זענען געוואָרן גאָר פריילִיך. האָבנדיג עס ערליך פאַרדינט, נאָכ'ן אַראָפּלייגן דעם גאַנצן עבודת היום פון גאָר פרי ביז לערך עלף אַזייגער. די משלוח מנות איז צוגעשטעלט געווארן דורך הר"ר אייזיק ראזענטאל הי"ו, וואָס האַלט שוין אָן יאָרן די חזקה פון מהנה זיין די צאן קדשים מיט די ספעציעלע חנוכה און פורים פעקלעך.

דערנאָך האָבן אַלע קינדער באַקומען אַ 'צווייער' דאָלאַר פון הרה"ח מו"ה אברהם יושע מענדלאָוויטש הי"ו, וואָס האַלט שוין אָן עטליכע יאָר די חזקה, כדי צו האָבן אַ חלק אין דעם גרויסאַרטיגן מעמד נשגב, און ער איז שטאַרק אַקטיוו במשך פון יאָר צו העלפן ברוח ובגשם, אַז די חברת תהלים זאָל קענען אָנגיין ביתר שאת.

אויך האָבן אַלע קינדער באַקומען ספעציעלע פורים-פאַרשטעלונגען און זיי זענען אַלע אַהיים מיט די ספעציעלע פורים- קליידונג, האָפנדיג אַז דער זכות פון תהלים זאָגן אין דעם גרויסן טאָג פורים זאָל ביישטיין פאַר אַלע אידן געהאָלפן צו ווערן מיט אַלע ברכות וישועות.

דאָ איז דאָס פלאַץ אַרויסצוהייבן הרבני החשוב ועסקן נמרץ ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מו"ה יואל גראָס הי"ו, מנהל חברת תהלים, ואתו עמו גאָר חשוב'ע עסקנים הי"ו, וואָס פירן דאָס אָן אַ גאַנץ יאָר און געבן זיך אַוועק בלב ונפש שלא יבוטל התמיד, וועלכע האָבן געזען אַהערצושטעלן דעם מעמד בעצם יום הפורים, מיט גרויס געטריישאַפט און מיט אַלע צוגעהערן, ישלם ה' פעלם ותהא משכורת שלמה.

די חשוב'ע עסקנים וואָס האָבן מיטגעאַרבעט זענען: מו"ה חיים הערש ראָזענבערג ני"ו, מו"ה שלום מאיר טאָרים ני"ו, מו"ה יואל ברה"ד גאַנץ ני"ו, מו"ה מנחם צבי יאַקאָבאָוויטש ני"ו, מו"ה ליפא טאָרים ני"ו, מו"ה שלמה יודא מאַנן ני"ו און מו"ה יצחק שלום מאַנן ני"ו, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן יעדער מיט זיינע קוואַליפיקאַציעס אַז אַלעס זאָל זיין על מכונו, אויך האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט שיינע נדבות צו קענען דעקן די טייערע קאָסטן פונעם מעמד.

**אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תינוקות של בית רבן!**

אחיעזר
M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950
P. 845.637.7778
E. office@achiezerky.org

מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור באה"ק

הרב **אברהם יחיאל אונא** שליט"א
**ת"ת תולדות שמואל ירושלים**
סוג: בני תורה

הרב **בנימין כהן** שליט"א
**ת"ת יעבץ ירושלים**
סוג: ספרדים

**אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע**
בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה באה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא

הנהלת אחיעזר קרית יואל

## COLONIAL HOUSE IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

**18 Hillside Terrace** Monroe NY 10950

Welcome to 18 Hillside Terrace, Nestled in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.











| | | |
|---|---|---|
| **2,552** square feet | **3** upstairs **1** downstairs bedrooms | **2** car garage |
| **4** heating zones | **Central** air conditioning | **Central** vacuum cleaning |
| **Security system** | **Fireplace** | **Fenced in** back yard |
| **Quartz** counter tops | **Crown molding** all floors | **Brand new** Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**

The REALTY BLUE group

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

שלום מאיר טארים
845-629-5186

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849



# שרייבטיש צום וואכנשריפט

טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6 | פעקס: 845-501-0246 | פאָסט: POB 113, Monroe ny 10949 | אימעיל: Letters@kyweekly.com

## הכרת פניהם ענתה בהם; די סאַטמאַרער בחורים דערקענט מען מיט זייער איידלקייט

צו די רעדאַקציע.

נאר אין קורצע שורות שפיר איך א פליכט איבערצוגעבן מיינע רגשי התרגשות.

איך בין געווען פורים נאכמיטאג אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' אברהם בנימין קרויס הי"ו. צווישן די פילע אנוועזנדע דארט האט אויך מיטגעגעסן די נאכמיטאג סעודה א קבוצה תלמידים פון דער סאטמארער ישיבה קטנה דא אין שטאט וועלכע זענען ארומגעגאנגן על פתחי נדיבים.

ס'איז נישטא קיין ווערטער מסביר צו זיין די איידלקייט פון די בחורים ממש כל רואיהם יכירום, עס איז געווען מיט אזא חן דקדושה די תלמידים האבן געזאגט תורות און געזיצן מיט אזא אמת'דיגע שמחה. ס'איז געווען א מחזה הוד ווען יעדער האט געבענטשט אינווייניג אין א סידור, און דערנאָך א ווארימע מנין מעריב ווי עס פאסט פאר א סאטמארער תלמיד. דאס אלעס איז געווען מיט'ן שטאלץ 'לעשות רצון צדיק' מיט א בעקיטשע און כיסוי ראש.

תושבי קרית יואל מעגן וויסן אז זיי האבן מיט וואס צו שטאלצירן אזא לעכטיגע לגיון של מלך וואס ווערט דא נתגדל בליעה"ר.

**א. וו.**

**שושן פורים**

*

## נישט אַראָפּלייגן קיין 'יו. פּי. עס.' פּעקעדזשעס ביים ביזנעס צענטער

לתועלת הרבים ביטע אריינלייגן די שורות.

אסאך אידן כאפן נישט און מ'לייגט אראפ פעקלעך פאר יו. פי. עס. ביי די אלטע ביזנעס צענטער, אין די צייט וואס דאס איז נאר א פיקאפ באקס פאר 'פעדעקס'!

יו. פי. עס. האט שוין אוועקגענומען זייער קעסטל פאר א שטיק צייט. איך גיי דארט אדורך יעדן טאג, און עס איז ליגט דארט אפ באקסעס וואָס גייען דערנאָך א גאנג, ס'איז ממש א ווייטאג.

ס'איז וויכטיג צו אויפמערקזאַם מאַכן מענטשן אַז מ'זאָל דאָרט נישט אַראָפּלייגן קיינע יו. פּי. עס. פּעקעדזשעס.

א פריילעכן תמיד

**ה. פּ.**

**תושב לייפניק**

*

## געלונגענע טרעפיק אנווייזונגען ביים שטוב פון רב שליט"א

זייענדיג א תושב אויף קוויקוועי וויל איך אויסדרוקן מיין דאנק פאר דער הנהלת הקהלה פאר די געלונגענע טרעפיק אויסשטעל אויף די קוויקוועי גאס בעצם יום הפורים.

לכתחילה איז געווען אין פלאן אז קוויקוועי זאלן פארוואנדלט ווערן אין א 'וואן וועי', אָבער נאָכדעם וואָס מיר שכינים האָבן געבעטן צו אויפקומען מיט אַן אַנדערע לעזונג, האט די קהלה געדינגען א פריוואטע טרעפיק פירמע "פארקווייז", אונטער די אנפירערשאפט פון מוהר"ר בנציון יואל זילבערשטיין הי"ו, וועלכע האבן אין לויף פון אלע פארנומענע שעות פארמאגט אויפ'ן פלאץ א שטאב פון מערערע טרעפיק אנווייזער צו האלטן די טרעפיק פליסיג און געשליפן, צו די צופרידנהייט פון די המוני תושבי העיר וועלכע זענען געקומען געבן משלוח מנות פארן רב שליט"א און צו די דאַנקבאַרקייט פון די שכנים ותשחח"ל.

עס איז צום באוואונדערן דעם כבוד הציבור וואס די הנהלת הקהלה לייגט אראפ אז אלעס זאל זיין אהערגעשטעלט צו יעדנס צופרידנהייט מיט נייע געדאנקען אונטערגענומען אויף די אייגענע קאסטן צו פאַרגרינגערן פאר אַלעמען.

**א. ר.**

**תושב 12 קוויקוועי**

*

## גריסן אויף די 'פורימשטאט' אויסגאבע

צו דער רעדאקציע

איך האב זיך געוואלט באדאנקען פאר די פורים אויסגאַבע און גלייכצייטיג קאָמענטירן אַז כ'האָב ערווארטעט צווישן די נייעס צו טרעפן באַריכטעט אז עטליכע אראפגעשטעלטע צילן, וואס די אלטע פורים אויסגאבעס האבן געהאט ארויסגעלייגט אנצוקומען דערצו, זענען למעשה דערגרייכט געווארן. אבער דאס איז נישט דערמאנט געווארן אין די פורימשטאט.

ערשטנס: דאָס וואָס איז געמאָלדן געוואָרן מיט 2 יאר צוריק אז מען זאל זיך אפהאלטן פון רופן טעקסיס פאר 2 יאר, און ביז דאן וועט זיין בעז"ה אן איבערפלוס איז ווירקליך דערגרייכט






געוואָרן דעם ציל מיט א שלימות.

אויך וואס מען האט פארגעזאגט אז 'וואכנשריפט' איז אויפן וועג באקרוינט צו ווערן אלס עלטסטע אויסגאבע אין שטאט איז אויך פארפולקאמט געוואָרן, ווען וואכנשריפט איז אויסגעשטיגן אַלס סאַמע 'עלטסטע' וועכנטליכע צייטונג וואָס פונקציאָנירט מידי שבוע בשבוע אזויפיל יארן צו סערווירן אלפי תושבי העיר מיט אזא שטאלץ און גראדן ליניע צו דעקן אלע נייעס פון שטאט.

ס'איז א פאקט אז 'וואכנשריפט' איז די סאמע איינציגסטע אויסגאבע אין שטאט וואס דעקט אלע שמחות פון אלע תושבי העיר אן קיין אונטערשייד. אזוי אויך ווערט געדעקט אלע מוסדות התורה וואס פיגורירן מיט שטאלץ אין רבינ'ס שטאט וועלכע ווערן כסדר נתרבה בליעה"ר.

איז טאקע נישט קיין וואונדער אז וואכנשריפט איז אויסגעשטיגן אלס שופר העיר בה' הידוע וואס האט איינגעקויפט אזא שם טוב ביי אלע תושבי העיר צוגלייך. דער רבוש"ע זאל אייך ווייטער שענקן סייעתא דשמיא צו קענען שטיין אין שפיץ פון ברענגען קראנטע נייעס מהנעשה ונשמע אין אונזער שטאט.

**א. זארגער**

**פה עיר הצדק**

*

## קולות – טיהר את עיר

מען דארף אויסדרוקן א דאנק פאר די עסקני 'קולות' וועלכע האבן געמאכט אן ערנסטע אויפוואכונג איבער די נושא פון ערליכע מוזיק אינעם הייליגן טאג.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין נאך געגנטער, צום ביישפיל בין איך געווען אין מאנסי אינמיטן פורים. איבעראל האט מען געזען שילדן פון 'קולות', מיט אויפוואכונג מעסעדזשעס פאר די געלט זאמלער און פרחי הצאן צו זיך באנוצן נאר מיט ערליכע מוזיק און מען האט ווירקליך געזען א געוואלדיגע שינוי לטובה.

אויך אין קרית יואל איז געווען קענטבאר א דראסטישע שינוי לטובה און פון רוב מאביל'ס האט מען געהערט נאר ריינע ערליכע מוזיק מיט א אויסנאם פון געציילטע מאביל'ס וואס מען האפט אז קומענדיגע יאר זאלן זיי זיך צושטעלן און נישט זיין קיין פורשים מן הציבור.

די גולת הכותרת וואָס דער קאַמפּיין האָט ב"ה באוויזן גענצליך עוקר צו זיין, איז די העברעאישע ניגונים וואס פלעגט ליידער לעכערן די אויערן אינעם הייליגן שטאט, וואס האט געווייטאגט פאר יעדן פארבייגייער און איז געווען א פשוט'ע בושה אַז אין רבינ'ס שטאט זאל האמערן אזעלכע טריפה'נע געזאַנג. דאס יאר האט מען דאס געגצליך ארויסגעטראגן פון שטאָט ב"ה! דאָס צייגט אז דער ציבור וויל זיין גוט מען דארף נאר צומאל א קליינע דערמאנונג און מען שטעלט זיך צו דערצו, וואס האט גערייניגט די שטאט.

אגב, ס'איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן דעם מאביל פון ישיבה תורת צבי ספינקא און הערנדיג די ניגונים האָב איך זיך נאָכגעפרעגט פון וואו עס קומט אזא ריינע קאָלעקציע, האט מיר א תלמיד מיטגעטיילט אז 'קולות' האט געהאט געגעבן א יו. עס. בי. מיט ערליכע פריילעכע ניגונים לכבוד יום טוב און בלויז דאס האט געשפילט אויף די מאביל פון די ישיבה. וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

**אברהם ק.**

*

## חסד אין די אָנגעשטרענגטע צייטן

צו דער וואכנשריפט.

ס'איז ליל פורים יעצט, ווען איך פאר אריבער דא אויף פארעסט און איך גלייב נישט מיינע אויגן. די גאס איז באלאגערט מיט אידן אנגעטון מיט בגדי פורים און אויפ'ן רוקן האבן זיי די 'חברים' לאגא און גיסן זאלץ אויף אויסגעגאסענע פליסיגקייט (איך ווייס נישט וואס דאס איז). זעט אויס אז דאס איז גליטשיג און צו פארמיידן עקסידענטן שטייט דא א גרופע פון חברים און גיסן זאלץ אויפ'ן ראוד אז די דרייווער זאל קענען זיכערערהייט אריבערפארן און נישט זיין אין סכנה.

מי כעמך ישראל!

ביטע אויפטייפן מיין מעסעדזש אין אריינלייגן אַז מ'זאָל וויסן צו מכיר טובה זיין די געטרייע אידן.

**א. ניכטערע דרייווער**












אַן עק אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:



# מחשבות קדושות

גערקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## הייליגע מחשבות

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

**צ**ו את אהרן ואת בניו לאמר, פירש"י ז"ל אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס. יבואר עפ"י מ"ש ז"ל (יומא כט.) הרהורי עבירה קשו מעבירה, כי הרהורי עבירה עושים פגם נצחי בנפש האדם שהוא חלק אלקי ממעל, אשר נפח נשמת חיים, מה שאין כן פגם המעשה מגיע לגוף האדם שהוא חלק אביו ואמו ואינו נצחי. ולפי שפרשה זו מיירי בהקרבת עולה על פגם המחשבה, ע"כ כתיב בה 'צו' לשון זירוז, **כי צריך האדם זירוז גדול לשמור מחשבותיו בטהרה.**

ונתן טעם לדבר שכך חמור פגם המחשבה עד שהוצרכה תורה לזרז עליה, באמרו 'מיד ולדורות', בא לרמוז בזה כי בפגם המחשבה קל מאד להכשל, כי מיד לאלתר ברצות האדם לחשוב בלבו מחשבת פיגול בידו להעלותה על לבו, ואין מי שיעכב בעדו, ועוד כי מחשבתו משוטטת כהרף עין בענינים שונים, וקשה מאד לשמור על מהלך מחשבתו לבל תתערב במוחו מחשבה רעה והרהור עבירה, **ולפיכך הצריכה תורה לזרז ולהזהיר על כך שלא יתפתה האדם לעצת יצרו ויתאמץ בכל כחו לשמור על טוהר המחשבה**, ועוד הוסיף לתת טעם לחומר פגם המחשבה באמרו 'ולדורות', כלומר כי הפגם נורא מאד שהוא נצחי ועושה רושם בדורותיו אחריו.

וידוע כי שורש החטא הידוע הוא במחשבות רעות, כדדרשו (ע"ז כ:) ונשמרת מכל דבר רע (דברים כג) שלא יהרהר אדם ביום ויבוא לידי טומאה בלילה, וזהו 'ביותר צריך הכתוב לזרז' על טוהר המחשבה, 'במקום שיש חסרון כיס', כי פגם המחשבה הוא הגורם להכשל בחטא הידוע, ואין לך חסרון כיס גדול מזה, שהוא גורם להשחית השפע מן העולם.

(דברי יואל פרשת צו עמ' ק"ל)

## ריינע מחשבות ברענגט הצלחה פאַר די קינדער

דער ראש ישיבה הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל האָט אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט דעם רבי'ן אַז ס'פעלט זיך אויס מען זאָל זאָגן דברי מוסר והדרכה פאַר פרישע אינגעלייט נאָך די חתונה וואָס דאַרפן עוסק זיין על המחיה ועל הכלכלה, און זייער אָפט אַרבעטן זיי אין אַזעלכע מקומות וואו מ'שטייט אויס גרויסע נסיונות אין שמירת עינים. ער האָט געבעטן אַז דער רבי זאָל צו זיין רעדן עטליכע ווערטער, מעורר זיין און מחזק זיין.

מ'האָט טאַקע דאַן צוזאַמגערופן די אינגעלייט אינעם רבי'נס בית המדרש אויף 500 בעדפאָרד. דער רבי האָט דאַן לאַנג אַרומגערעדט וויאַזוי אַ איד ברויך זיך אַכטונג צו געבן זיינע אויגן און זיינע מחשבות, ס'זאָל זיין הייליג און אָפּגעהיטן. צווישן זיינע ווערטער האָט דער רבי ערוועהנט אַז צו קענען אינזין האָבן ביים דאַווענען, און שפּירן אַן התעוררות ביים דאַווענען, איז געוואָנדן וויאַזוי מען גיט זיך אַכטונג די אויגן און די מחשבה שבלב ווען מען גייט אויף דער גאַס און ביי די אַרבעט א.ד.ג.

אויך האָט דער רבי דאַן געזאָגט אַז ווען מען פירט זיך אויף בקדושה וטהרה און מען גיט זיך אַכטונג די אויגן און די מחשבות, דעמאָלט העלפט דער אויבערשטער אַז מ'זעט הצלחה ביי די קינדער, דאָס ברענגט אַז אויך די קינדער זאָלן האָבן אמת'ע יראת שמים און זאָלן שטייגן במעלות התורה והיראה, אָבער אויב מען איז נישט נזהר קען עס חלילה אויך שאַטן פאַר די רוחניות פון די קינדער.

### שמע בני מוסר:

## "מ'דארף זיך אכטונג געבן אויף די מחשבות"

עס דערציילט הרה"ג רבי בעריש קאהן שליט"א ראה"כ ויואל משה אין אנטווערפען אז עס איז געווען א בחור וועלכער איז געגאנגען צום רבי'ן אלס בחור זיך אויסרעדן איבער פארשידענע נסיונות און מכשולות וואס ער האט געהאט, האט אים דער רבי קודם געזאגט בלשון קדשו: "מ'דארף זיך אכט געבן אויף די מחשבות". דערנאך האט אים דער רבי געגעבן פארשידענע עצות דערוועגן.

נאך דערציילט הרה"ג ר' בעריש שליט"א וואס ער האט געהערט פון א איד פון אנטווערפען וועלכער האט געארבעט אין די דיימאנט-בערזע צוזאמען מיט א פרייען יונג, און אמאל האט יענער פרייער איד זיך אויסגעדרוקט צו אים עפעס שרעקליכע דברי כפירה, וואס האט אים שטארק באאומרואיגט, און עטליכע חדשים דערויף האבן די ווערטער אים גענאגט און נישט געלאזט קיין מנוחה. נאכאנאנד איז אים ארויפגעשוואומען אין קאפ די טמא'נע ווערטער וואס ער האט געהערט פון יענעם.

דער שמועס איז פארגעקומען ערגעץ אינמיטן זומער. סוף יאר איז ער געפארן קיין אמעריקע צו חוסה זיין בצל הקודש פון רבי'ן, און נאכ'ן הערן דעם רבי'נס הייליגע שטימע דורכאויס די הייליגע טעג זענען די אלע מחשבות גענצליך פארשוואונדן געווארן. ער האט בחוש מרגיש געווען ווי אזוי דער רבי האט אויסגעוואשן זיין הארץ און מח, און אריינגעדרינגען א ריינע און קלארע אמונה.

## אזא מחשבה באַרירט די אמונה

עס האט איבערגעגעבן הרה"ח ר' ברוך בערקאוויטש ז"ל וואס ער האט געהערט ביי אַ שלוש סעודות ביים רבי'ן אין די ערשטע יאָרן אין אמעריקע, ווי אינמיטן די תורה האָט דער רבי זיך פלוצים צושריגן הויך אויפ'ן קול: **"אַזאַ מחשבה באַרירט די אמונה, אַזאַ מחשבה באַרירט די אמונה"...**

אַ פחד איז געפאַלן אויף יעדן וואָס איז דאָרט אָנוועזנד געווען הערנדיג די ווערטער פון רבי'ן, עס האָט זיך געהערט ווי דער רבי צילט אויף איינעם פון די יושבים וואָס האָט דעמאָלט מהרהר געווען נישט קיין אויסגעהאַלטענע מחשבה.

ר' ברוך האט אויסגעפירט: וואָס דער רבי האָט דעמאָלט געמיינט ווייס איך נישט, אָבער דאָס האָב איך אַמאָל אַליין געהערט מפה קדשו פון רבי'ן אַז **"ווען אַ צדיק איז בדביקות איז ער מרגיש יענעמ'ס מחשבה".**

## דער רבי וויל נישט דאווענען אינאיינעם מיט איינעם וואס האט אפילו בלויז א מחשבה קלה פון ציונות

עס איז באקאנט די פארכטיגע ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט ביי די כל נדרי דרשה ליל יום הקדוש שנת תשי"א (מ'האט דעמאלט געדאווענט אינעם אודיטאריום זאל פון דער בית יעקב שולע וואס מ'האט ספעציעל אפגעדינגען פאר די תפלות אין די הייליגע טעג). נאכדעם וואס דער רבי האט

# בית הוראה

קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו

## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

**הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

**הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

**הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

**הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א**
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

**הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

**הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א**
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

**הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

**הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

**הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

**הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

**הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

**הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

**הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

**יכולין לשמוע הטעל נום. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר עם הדיינים על ההוראה ליין #5 845-783-0546**

לשכת בית הוראה:

**6 גארפיעלד רד. #013**

24 שעה על ההוראה ליין:

**845.783.0546**


דעם ענין פון הטבת חלום, ווייל ווארשיינליך איז דאס געווען 'מהרהורי דיומא', אויף וואס מ'דארף נישט מאכן קיין הטבת חלום.

### שויתי ה' לנגדי תמיד:
# "איך האב קיין רגע נישט מסיח דעת געווען פון אויבערשטן"

געציילטע מאל ביום הפורים כטוב לב המלך ביין האט פאסירט אז דער רבי האט זיך ארויסגעכאפט מפה קדשו איבער זיינע הייליגע מחשבות ווי ער האט קיין רגע נישט מסיח דעת געווען פונעם אויבערשטן.

איינמאל איז עס געווען פורים תרצ"ז אין שטאט סאטמאר, ווי עס דערציילט הרה"ח ר' יעקל שווארטץ ז"ל וואס ער האט דאן בייגעוואוינט, ווען אינמיטן טיש איז אריינגעקומען דער סאטמארער דיין, הגה"צ ר' אלי' לייכטאג זצ"ל, הי"ד, און דער רבי האט אים באלד ארומגענומען מיט גרויס ליבשאפט און זיך אנגערופן צו אים בזה הלשון: "גלייבט מיר ר' אלי', מיום עמדי על דעתי האב איך נישט מסיח דעת געווען פונעם בורא כל עולמים".

(באילנא דחיי ח"ב עמ' תקס"ה)

ענליכס האט דערציילט הגה"צ מלאנסדבערג זצ"ל וואס ער האט געהערט פון הב' החשוב משה יצחק בריעף ע"ה הי"ד זון פון הרה"ח המפורסם ר' ישראל בריעף ז"ל (שו"ב אין וואדקערט), וועלכער האט אסאך יארן געלערנטביים רבי'ן זי"ע, אז אמאל פורים, כטוב לב המלך ביין, האט ער געהערט מפה קדשו פון רבי'ן: "גלייבט מיר, איך בין נישט מסיח דעת פונעם בורא כל עולמים א רגע כמימרא".

(באילנא דחיי ח"ג עמ' קס"ז).

אזוי אויך האט דערציילט הרה"ח ר' מרדכי פריעדמאן ע"ה שו"ב, וואס ער האט געהערט פון הגה"ח ר' יעקב הערש פריעדמאן ז"ל, באקאנט אלס ר' יעקב הערש טארנער, אז איינמאל ביום הפורים, כטוב לב המלך ביין, האט דער רבי אים געזאגט: "יעקב הערש, דו פארגעסט אמאל פון דעם 'שויתי'?" האט ער גענטפערט: "אמאל דערמאן איך מיך". האט אים דער רבי געזאגט: "א פלא, איך האב נאך קיינמאל נישט פארגעסן".

(באילנא דחיי ח"ג עמ' תקל"ח).

אויך אין איינעם פון די ערשטע יארן אין אמעריקע, בשעת דער סעודת משתה היין, האט זיך אנגערופן צום רבי'ן הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה, וועלכער איז געווען אביסל אנגעטרונקען: "היינט איז דאך פורים, ונהפוך הוא, יעצט בין איך דער סאטמארער רב!" דער רבי, זייענדיג שטארק מבושם ביין, האט זיך ארויסגעכאפט בלשון קדשו: "אויב דו וועסט אפרעכטן פערציג יאר אזעלכע נעכט ווי איך, דעמאלט וועסטו זיין סאטמארער רב"...

דאן האט דער רבי צוגעגעבן מיט אן אש קודש: "מיום עמדי על דעתי, האב איך נישט פארגעסן אויף א רגע אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט".

(באילנא דחיי ח"א עמ' תק"ח).

# "ראינו בני אדם אשר נדבקו במחשבתם בחכמה יוכל לילך באויר"

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אלי' דוד טירנויער ז"ל:

אינדערהיים, אין סאטמאר, פלעגט דער רבי יעדן ראש חודש פירן א ראש-חודש טיש. עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען וואס איך געדענק פון א ראש-חודש טיש אין סאטמאר. געווען איז עס ראש חודש אב, און ביי יענעם טיש האט דער רבי געשמועסט מיט די באטייליגטע איבער דעם הייליגן "דברי חיים" זי"ע. צווישן אנדערן, האט דער רבי דאן נאכגעזאגט פון זיין פאטער, דעם קדושת יו"ט זי"ע, אז ער האט אמאל געזען די בחינה פון "התפשטות הגשמיות" ביים הייליגן דברי חיים בשעת ער האט געציילט ספירה. דער קדושת יו"ט האט זיך אויסגעדריקט בלשון קדשו: "דער הייליגער רב האט זיך דעמאלט געדראפעט אויף די גראדע ווענט ביז צום באלקן, ווי איינער וואס פליט אין דער לופט".

דאן האט דער רבי זיך אנגערופן צו די באטייליגטע: "קוקט אריין אין 'דברי חיים', אנהייב פרשת צו (די וואכעדיג סדרה), וואו ער איז אליין מסביר דעם ענין".

דער "דברי חיים" שרייבט דארט וזל"ק: "דהנה ידוע שלולא חטא אדם הראשון היה האדם חי לעולם, והקשו המחקרים הא אדם הוא מורכב וכל הרכבה לא לנצח תעמוד כידוע, ואמרתי דטעם התפרדות המורכב דכל יסוד נמשך לשרשו ורק כל זמן שכח המחבר איתא מעמידו, אך באפס כח המחברים יתפרדו הגוף לעצמו והנפש לעצמו, והנה אנחנו רואים באדם שהוא חומרי אינו יכול לעוף באויר, כי החומרי גובר להורידו מטה, ואפילו הכי **ראינו בני אדם אשר נדבקו במחשבתם בחכמה יוכל לילך באויר כאשר שמענו כמה פעמים**, רק שהחכם בעסקו בעומק החכמה בלא דעת הולך באויר, כי נתגבר עליו כח רוחניותו ולא נמשך למטה לחומר וכו'". עיי"ש.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' רי"ב)

# די מחשבות דארף זיין דבוק צום אויבערשטן

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אברהם הערשקאוויטש ז"ל מחשובי אנ"ש אין אנטווערפען: ראש השנה שנת תש"ג האב איך געהאט די זכי' מיטצוהאלטן בצל הקודש פון רבי'ן אין סאטמאר, און עס ליגט מיר אין געדאנק א תורה וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט ראש השנה בייטאג ביים טיש.

דער רבי האט זיך געשטעלט אויף דעם וואס די גמרא זאגט (ברכות לה:) 'בוא וראה מה בין דורות הראשונים לדורות האחרונים, דורות הראשונים עשו תורתן קבע ומלאכתן עראי זו וזו נתקיימה בידן, דורות האחרונים שעשו מלאכתן קבע ותורתן עראי זו וזו לא נתקיימה בידן'. האט דער רבי מדייק געווען אויפ'ן לשון 'קבע' און 'ארעי', לכאורה וואלט געדארפט שטיין אז די דורות הראשונים האבן געמאכט תורתן 'מרובה' ומלאכתן 'מועט', און אין די שפעטערדיגע דורות איז געווען פארקערט, תורתן 'מועט' ומלאכתן 'מרובה'.

האט דער רבי דאס פארענטפערט מיט'ן באקאנטן רמב"ם (הל' דעות פ"ג ה"ג) אויפ'ן פסוק 'בכל דרכיך דעהו', אז יעדן טאג דורכאויס די גאנצע פיר-און-צוואנציג



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק

געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי

## מיט וואס און ווי אזוי זענען מיר פריילוך אין דעם קומענדיגן יום טוב פסח בעזהשי"ת

### ווי אזוי גייען מיר ארויסגיין פון מצרים

## שאלה:

**בעזרת השם האבן מיר געפראוועט דעם יום טוב פורים און מיר האפן בעזהשי"ת צו האבן אלעס גע'פועל'ט אויפן בעסטן אופן, יעצט דארפן מיר זיך אנגאַרטלען צום יום טוב פסח, ספעציעל ווייל ס'איז דא אסאך טירחא און ארבייט צו אריינברענגען דעם פסח אין שטוב, איז זייער וויכטיג צו וויסן וואס זענען די מחשבות וואס מיר דארפן זיך אריינטון דערין, און ווי אזוי קען מען אויסארבייטן אז די טעכנישע פיזישע הכנות צום חלק הגשמי פונעם יום טוב, זאל נישט צו שטערן אונזערע הכנת הלב והמוח וואס מ'דארף האבן צו די חלק הרוחני פונעם יום טוב.**

**אבער דער עיקר שאלה וואס איך שעם זיך צו פרעגן איז, וואס זאל איך טון אז איך גיי בעזהשי"ת האבן דאס יארביים סדר טיש איינע פון מיינע קינדער וואס פארשאפט מיר אסאך עגמת נפש מיט זיין אויפפירונג, זיין גאנצע שטוב פירט זיך אויף א שטארק פרעמדע מהלך, נאר קוקנדיג אויף אים קומט מיר דאס בלוט אין קאפ, אלע מיינע אינערליכע איברים וויינען אין מיר, ווי אזוי קען איך פראווען דעם סדר פריילוך און גוטמוטיג, און שאפן א יום טוב'דיגע אטמאספער, בין איך דען געמאכט פון אייזן??**

## תשובה:

ערשטנס: זאלסטו וויסן אז דעם ענליכן פראבלעם איז ליידער דא ביי א גרויס חלק פון כלל ישראל, דאס זעלבע קען זיין אויף פארשידענע אופנים, צו ווען די שלום בית שטייט אויף הינקעדיגע פיס, צו ח"ו צער גידול בנים, צו ווען מ'איז לײדער אנגעגעסן (אדיקטעד) מיט שווערע נסיונות, צו ווען מ'איז אנגעהויפנט ביז צום האלז מיט שווערע און שלעכטע מדות, וואס עסן אויף דאס הארץ און פייניגן דעם מוח יעדעס מאל מיט אנדערע הארץ עסעניש (הקנאה התאוה והכבוד וכו') אד"ג, מ'זאל נישט וויסן פון קיין צרות, אבער ס'איז לײדער דא אסאך צוקאליעטשטע שטובער, און צובראכענע הערצער, און צוקוועטשטע נשמות, געוואלד וואס טוט מען ווען ס'קומט די הייליגע סדר נאכט? מעגן מען לאזן דעם יצר הרע צושטערן די אלע הייליגע השפעות און פארדינסטן פון די נאכט, צוליב די זאכן?

צווייטנס: פאר אלעם געדענק און ווייס, אפילו אויף דעם בעסטן אופן, און אפילו ביי די שענסטע פערפעקסטע שטוב, אויב דו קומסט אהיים פסח ביינאכט מיט א זויער פנים און געפאלענע מוט, אדער דו ביסט אנגעצויגן, אדער מיד (געווענליך ווייל מ'איז נישט געשלאפן ערב פסח, אדער ווייל דאס הייליגע פייער'ל און הייסע ברען איז לײדער אויסגעלאשן ביי דיר, צוליב סיבות וואס דו אליינס ווייסט), איז זייער שווער אריינצוברענגען אין די קינדער אמונה אין השי"ת און התלהבות צו א מצוה, און אפילו אויב די סיבה וואס דו ביסט אזוי ערנסט איז ווייל דו ביסט שטארק צוקאכט אין די קדושת ליל הסדר, דארפסטו געדענקען וואס דער רמב"ן זאגט אויפן פסוק ולדבקה בו, אז א מענטש דארף קענען זיין דבוק אין השי"ת און אין די זעלבע צייט זיין צוגעלאזן צו זיינע קינדער, און רעדן צו זיי אין זייער שפראך.

דריטנס: א מענטש טאר נישט לאזן די טעכנישע טירחות און טירדות וואס מ'האט אריינצוברענגען דעם יום טוב איבערנעמען דאס עיקר תכלית פונעם יום טוב, דאס מיינט זיין שלות הנפש און מנוחה רוחנית צו אריינשעפן אין זיך די קדושת החג, דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן ווען מ'גייט חלילה אדורך שווערע איבערלעבענישן, מיט פרנסה, שלום בית, צער גידול בנים וכו' וכו' אז דאס זאל נישט חרוב מאכן זיינע גוטע געלעגנהייטן פון די מועדי קודש וזמני שמחה, מ'דארף וויסן אז דאס איז פון די שווערסטע אבער חשוב'סטע עבודות הקדש ביי יעדן איד איז צו ארבייטן אויף זיך מיט אלע כוחות הנפש, אז ביי אלע זמני קודש ושמחה זאלן די חיצוניות'דיגע טעכנישע גשמיות'דיגע צוגעהערן און טירדות נישט אוועקשלעפן זיינע געדאנקען, און נישט צומישן זיין פנימיות'דיגע הרגש פון שבח והודאה און ביטול פארן רבונו כל עולמים, וואס דארף זיך ביי אים דערפילן און דערהערן אין די טייערע און חשוב'ע זמנים, נאר אדרבה ער זאל די אלע טעכנישע זאכן טון מיט א פנימיות און זיי אויך אריינגעמען צו הילף אויפצוהייבן זיין גייסט, דורכטראכטן בשעת מעשה אז ער טוט דאס נאר צוליב ליבשאפט צו השי"ת כדי צו מאכן א הכנה 'בגוף ובנפש ובלב', אלע דריי זאלן ארבייטן צוזאמען אויף די זעלבע פראנט.

פאר א ביישפיל לאמיר קודם רעדן פון געווענליכע זמני שמחה א גאנץ יאר ווען השי"ת איז מזכה א איד אז ס'איז דא ביי אים א שמחה אין שטוב, ס'איז נישט גרינג, ס'איז אפילו זייער שווער, אז א מענטש זאל קענען האלטן זיינע געדאנקען אויפן פלאץ און וויסן וואס איז די חובת השעה, אין די צייט וואס ער איז ארומגערינגלט מיט הויפענעס פון טירדות אדער חלילה עגמת נפש ארום און ארום וואס קומען מיט אין די צייטן, און נאכמער פון אלעס, איז דער פראבלעם מיט דאס איבעריגס, וואס א מענטש לייגט צו פון זיך אליין אומגעבעטן, ער שטעלט אויס זיינע שמחות מיט איבעריגע פיטשעווקעס, זיך צו באווייזן און זיך אויפצוטון, (פארשטייט זיך אז ער זאגט דאס נישט, אדרבה ער האט אויף יעדע זאך א הסבר פארוואס ס'מוז אזוי זיין), און געווענליך קלאפט נישט אלעס פונקטליך אזוי ווי ער האט זיך פארגעשטעלט, האט מען אומזיסטע נארישע עגמת נפש, בפרט ווען נישט יעדער וואס ער האט געוואלט איז אנגעקומען, דאס אלעס נעמט זיך פון די פאלשע צוגאנג און איינרעדעניש אז א שמחה האט צוטון מיט וויפיל געסט זענען געווען, און ווי שיין אלעס האט געקלאפט און געלונגען, דאס צושטערט זיין גאנצע פנימיות'דיגע הכנות, ער מוז וויסן אז די שמחה איז א שבח והודאה פארן השי"ת פון טיפן הארץ און א בקשה על העתיד, נאר מ'טוט דאס אויף אן אופן פון מאכן א סעודה פאר ווער ס'איז שטארק אינטערעסירט צו קומען, אבער ס'מאכט ממש גארנישט נישט אויס לגבי אים, און לגבי די הודאה צו השי"ת, און אוודאי מאכט נישט אויס אין וואספארא זאַל ער נעמט אויף די ברכות, און ווי ער וואונטשט צוריק, און ווי ער טאנצט פארן רבונו של עולם, צו דאס איז קליין אדער פענסי, פשוט אדער אויפגעריסן, און אודאי איז נישט קיין שום נפקא מינא, אויב ס'איז דא אין יענע פלאץ פענסי עסן אדער פשוט'ע, ווייל אדרבה ווי קלענער דער עולם אלס גרעסער די שמחה, מער פלאץ פאר התבוננות אין די שמחה און אין די טובות פון השי"ת, ווי ווייניגער פענסי ווי מער פשוט'ער, מער פלאץ פאר די רוחניות'דיגע חלק, און ווייניגער בעלות פאר דעם גשמיות וואס שלאגט זיך מיט אים אוועקצושלעפן זיינע הייליגע געדאנקען, ווי יענער האט געזאגט מה




OWL SECURITY

אברהם יהושע בינער | 845.782.8090

sales@owlsecurityinc.com

דאך איך בין נישט ברוגז אויף די וואס זענען געקומען צו מיין שמחה, כל שכן אז איך בין נישט ברוגז אויף די וואס זענען נישט געקומען.

דאס זעלבע איז פסח בייננאכט, וואס געווענליך איז דא אסאך חיצוניות וואס מ'דארף מסדר זיין, מ'דארף אלע טירדות און הכנות טון מיט חשק און מיט הייליגע כוונות וועט דאס בכלל נישט שטערן די הכנה אדרבה ס'וועט צוהעלפן, אבער אפילו אויב נאך אלע הכנות און טירדות ווען ס'קומט למעשה זעט מען אז נישט אלעס קלאפט, נישט יעדער האלט מיט פונקטליך ווי ס'וואלט געדארפט זיין, איז דאס גארנישט נוגע פאר דיר, דו דארפסט נאר טון דיין פליכט און איבערגעבן דיין קבלה און דיין אמונה וואס דו האסט מקבל געווען פון דיינע עלטערן ארויף ביז מתן תורה און יציאת מצרים, פאר די וואס זיצן ביי דיין טיש, דו דארפסט דאס טון אויף די בעסטע און שענסטע וועג וואס דו קענסט, נישט מאכן לאנגע שהיות פארן סדר, אז דער עולם זאל ווערן מיד, אלעס זאל זיין גרייט נאך פון פאר יום טוב, דאס איבעריגע אויב ס'קלאפט נישט איז נישט, אויב ס'איז נישט אזוי ווי ס'ווילט זיך דאן ווילט זיך אזוי ווי ס'איז.

זיין פריילי̈ך פסח בייננאכט איז נישט דוקא ווען ס'איז ממש אשתך כגפן פוריה, בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך, און די טיש איז רייך און שיין באדעקט, ווייל דעמאלט וואס איז די חידוש אז דו ביסט פריילי̈ך? פארוואס נישט? דו זיצט דאך ברומו של עולם מיט אלעס וואס א מענטש אויף די וועלט קען זיך נאר וואונטשן, ווי אזוי ווייס איך אז דו דינסט השי"ת בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך?

א יעדער איד דארף טאקע האבן דאס בעסטע און דאס שענסטע, אבער ווען ס'קומט צו דינען השי"ת, און זיין פריילי̈ך מיט דעם אשר בחר בנו מכל עם, און מקיים זיין 'ואהבת כו' בכל לבבך כו' מאדך', דארף מען צומאכן די אויגן און טראכטן, אפילו אויב איך האב גארנישט מיט וואס צו באדעקן מיין פסח טיש, אפילו נישט קיין טישטוך, און אפילו אויב איך האב בכלל נישט קיין טיש, אדער בענקל, אפילו עני שבישראל וואס האט נישט קיין קישן אויף וואס זיך אנצולייגען, און זיצט אויף די ערד, און אפילו חלילה איך האב נישט קיין בני בית אדער קינדער, און כל שכן ווען איך האב יא, אבער זיי זענען נישט צו די זאך, און זיי זיצן אנגעבלאזן ביים סדר, און אפילו אויב איך האב זייער א קליינע דירה, און מ'האט אפילו אפגעהאקט די לעקטער און די וואסער ערב פסח, ווייל איך האב נישט געקענט באצאלן יוטיליטיס, מצות האב איך נישט געקענט קויפן, איך האב באקומען נאר פאר די כזיתים פון קמחא דפסחא, (נישט גענוג פאר א דאפלטע כזית), גרעיפ דזשוס פונקט פאר ד' כוסות גארנישט מער, ס'איז נישט דא קיין זילבערנע כוס נאר עפעס א קליינע פשוט'ע גלאז וואס איינער האט דאס אוועקגעגעבן פאר ווער ס'האט נישט, מרור האב איך נאר איין כזית נישט גענוג פאר כורך, ווער רעדט נאך פון שולחן עורך א.א.וו. צו מיינע עלטערן קען איך נישט גיין אויף פסח, ווייל זיי זענען ברוגז אויף מיר, פונקט ערב פסח בין איך אדורך א שווערע עגמת נפש וכו' וכו'.

# ער שטעלט אויס זיינע שמחות מיט איבעריגע פיטשעווקעס זיך צו באווייזן און זיך אויפצוטון, און ווען עס קלאפט נישט פונקטליך ווי ער האט געוואלט האט ער אומזיסטע עגמת נפש

'נאך אליץ און מיט דעם אלעם' ווייס איך און איך גלייב אז השי"ת קוקט אויף מיר ער זעט אלעס, און אלעס איז אויסגערעכנט מיט א פונקטליכע פלאן, וואס איך קען נישט און דארף נישט פארשטיין, אבער וואס איך דארף יא פארשטיין איז אז די גאנצע פמליא של מעלה מיט כביכול הקב"ה בראשם שטייען אוןווארטן צו הערן און צו זען מיין סדר נאכט, יא יא!! מיין סדר נאכט פון אנכי הקטן מאד השפל והנבזה, ער האט מיר יא ליב, כאטש קיינער האט מיר נישט ליב, און אז ער האט מיר ליב וואס פעלט מיר און וואס נאך דארף איך, מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ, אויב אזוי דארף איך מאכן קידוש און זאגן די הגדה מיט אומבאשרייבליכע שמחה, וואס זאלן אנפולן אלע מיינע אדערן, און באהערשן אלע מיינע געפילן, פון דעם אליין וואס איך בין א איד א מאמין בה' ובתורתו, איך טו יעדן טאג אסאך מצוות, און דאוון דריי מאל א טאג איך ליין קריאת שמע ערב ובוקר, איך האב א נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, איך וויל זיין דבוק אין השי"ת און ארויסגיין פון טומאת מצרים היינט נאכט פונקט ווי אונזערע זיידעס כאטש זיי זענען געווען פארזינקען אין מ"ט שערי טומאה וכו' וכו' די אלע חשבונות דארף אוועקשטופן אלע אומעטיגע געפילן פון דעם וואס איך האב נישט, און איך שפיר און ווייס אז איך פארמאג די גרעסטע פארמעגן מיט דעם אליין וואס איך בין ביכולת צו זאגן הייליגע דיבורים צו השי"ת און אויסגיסן פאר אים מיין הארץ.

יעצט עפן אויף צוריק דיינע אויגן, און זע אז דו האסט יא א טיש מיט א בענקל, דו האסט יא בני בית מיט קינדער, וואס זענען נישט ממש אזוי געפערליך, שמייכל צו זיי, זאג זיי מיין טאטע אין הימל האט מיר געבעטן איך זאל ענק עפעס זאגן און איבערגעבן היינט נאכט, וואס איז פאר ענקער גוטס עטס זאלטס קענען לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט א ריכטיגע






אמת'דיגע חשוב'ע טייערע לעבן, און געניסן פון גרעסטן תענוג וואס רופט זיך קרבת אלקים, עפן אויף דיין פארשלאסן הארץ, גיב איבער און גיס איבער פאר זיי אמונה, טראכט נישט פון די עגמת נפש וואס זיי האבן דיר פארשאפט איבערן יאר, אדער וואס דו גייסט אדורך טאג טעגליך, טראכט פון דעם וואס השי"ת האט דיר באפוילן יעצט צו טון, צו ארויסזאגן קלאר מיטן מויל, די אלע אני מאמינ'ס, און אז מיר זענען דא אויף די וועלט נאר פאר איין תכלית צו מקיים זיין שויתי ה' לנגדי תמיד, ליראה ולאהבה אותו ולדבקה בו, נישט מיטגעריסן ווערן מיט הבלי עולם הזה, אפילו ווען יעדער טוט אזוי, יעדער איז קיינער, רעד פון הארץ פון טיפעניש פון דיין נשמה, טראכט נישט אויב דו ביסט ראוי צו רעדן אדער צו זיי ווילן דאס הערן, אדער אפשר אפילו אויב זיי רעדן צווישן זיך און הערן נישט אויס וואס דו רעדסט, דאס איז דיר נישט נוגע, דו דארפסט טון דאס בעסטע אז זיי זאלן יא וועלן הערן, אבער צו למעשה געשעט דאס איז שוין נישט קיין נפקא מינה פאר דיר.

טאמער וועט א איד נישט ארבייטן אויף זיך, און זיך מסדר זיין פון פאראויס צו האבן שטענדיג דעם קאפ אויפן פלאץ, קען אויסקומען אז ער האט זיך אנגעפלאגט עטליכע וואכן צו אריינברענגען דעם פסח אין שטוב, און ווען ס'קומט הלכה למעשה, באקומט ער גארנישט פונעם פסח און ער איז נישט נהנה פון די הייליגע השפעות, און אפילו אויף א גוטן אופן ווערט דאס אויפגעטוישט אויף גשמיות'דיגע נארישע געפילן פון דעם שיין געדעקטן טיש, און פון דעם חיצוניות'דיגע גלאנץ פון דעם יום טוב, וואס דאס פאסט פאר עמי הארצים גמורים, און פאר אומוויסנדע מענטשן, ווי די מעשה ווען רבינו הקדוש זי"ע איז אמאל אהיימגעגאנגען הושענא רבה פארנאכטס נאך די גרויסע עבודה, מ'האט זיך געדארפט יאגן צו קענען מאכן א כזית פאר די שקיעה, איז אויפן וועג אדורך א אמעריקאנער איד, ער האט געזאגט פארן רבי'ן א גוט יום טוב, און געפרעגט רבי איך פארשטיי אז דער רבי האט געדאוונט לאנג, אבער וואס וועט זיין מיט די האליפטעשס, דער רבי האט געשמייכלט, און נאכדעם געזאגט, נעבעך אויף דעם איד, ביי אים איז דער גאנצער באדייט פון הושענא רבה נישט מער ווי האליפטשעס, רבותי, לאמיר נישט אויסזען ווי דעם איד, זאל נישט דאס גאנצע זמן חירותינו באדייטן אויסערליכע גשמיות'דיגע באגריפן, לאמיר געדענקען אז די דאזיגע טעג דארפן אונז געבן חיות דקדושה צו קענען מקבל זיין זיבן וואכן שפעטער די תורה, און זיך צו אויסלייטערן אין די ימי הספירה, דארפן מיר דאס אזוי פראווען אז ס'זאל טאקע אזוי זיין.

בפרט אין דעם הייליגן פסח וואס איז 'חג האמונה' ווען אידן ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף האבן געזען בחוש אז ס'איז דא א בורא כל העולמים וואס פירט אלעס און קען אלעס, און הערט צו אידישע תפלות, מ'האט אייגעווארצלט די ריינע אמונה פון שכר ועונש אין זיך און אין די קינדער, און מיט די אמונה האבן מיר מיטגעמאכט דעם לאנגן וועג אין אלע צייטן ביז היינט, קעגן אלע בייזע און שווערע ווינטן, און דאס דארפן מיר ווייטער ממשיך זיין, און פון די גרעסטע סגולות דערצו איז דער סדר נאכט און יום טוב פסח, וועגן דעם זאל

> **וואס פעלט מיר און וואס נאך דארף איך, אויב אזוי דארף איך מאכן קידוש און זאגן די הגדה מיט אומבאשרייבליבע שמחה**

מען נישט לייכט נעמען און נישט גרינגשעצן אין די געציילטע וואכן ביז פסח, אויסצונוצן יעדע מעגליכע מינוט אנצוגרייטן אונזער הארץ און מוח דערצו, זיי אויסקראצן און אויסרייבן פון אלע רוחניות'דיגע חמץ, זיי זאלן דאס אריינעמען אין זיך טיף אז מ'זאל דאס אפילו אויך קענען איבערגעבן.

יעצט אז מיר האבן דאס אויסגעשמועסט לאמיר אריינגיין אביסל טיפער אין דעם באגריף פון 'יציאת מצרים' שבכל דור ודור, וואס יעדער איד מוז טראכטן, צוגייענדיג צו דעם הייליגן נאכט.

דער תניא זאגט (פרק מו) יעדער איד קען צוקומען צו אהבת ה' דורך אריינטראכטן ווי ווייט השי"ת האט אונז ליב, א משל צו א גאר גרויסע מעכטיגע קעניג, וואס לאזט זיך אראפ פון זיין קעניגליכע ריזיגע פאלאץ, און לאזט איבער זיינע פילע משרתים, און נידערט זיך אראפ צו א גאר נידעריגע שמוציגע פארשמירטע פלאץ, ווי מ'ווארפט אוועק אלע מיסט און אפפאל, און ער זוכט דארט אויף א אייניקל פון זיין ליבהאבער וואס וואלגערט זיך דארט אין אלע עקלדיגע גארביזדשעס, היימלאז, פארלאזט, מיואש, און צוקלאפט, אן קיין קליידונג אן קיין עסן, קוים ער אטעמט, און ער איז אפילו שוין נישט צופיל אינטערעסירט ארויסצוגיין פון דארט, ער קען שוין נישט טראכטן פון א גוט לעבן, און דער קעניג הייבט אים אויף פון דארט מיט גרויס ליבשאפט, ער וואשט אים ארום, פוצט אים אויס, טוט אים אן טייערע איידעלע מלבושים, באצירט אים מיט טייערע צירונגען, נעמט אים אריין אין זיין ליכטיגע הערליכע פאלאץ, און נישט נאר דאס ער נעמט אים אריין אין די גאר אינווייניגסטע היכלות ווי אנדערע שרים האבן נישט דאס רעכט אריינצוגיין.

דארף מען דאך אפילו נישט זאגן וואספארא ליבשאפט כמים הפנים לפנים דאס קינד שפירט אין הארץ פארן דעם קעניג, ער ווייסט אז פארן קעניג האט גארנישט געפעלט, ער האט דאס בכלל נישט געדארפט טון צוליב זיך, נאר צוליב ליבשאפט צו זיינע אבות און צו אים, ממילא וועט ער זיכער נישט טון עפעס קעגן דעם רצון פון קעניג, און אדרבה ער וועט נאר טראכטן וואספארא נחת רוח ער קען טון פארן קעניג.

דער מלך איז הקב"ה, די קינדער פונעם ליבהאבער זענען מיר, מיר זענען געווען פארזינקען אין טומאת ערות מצרים, מיואש אן קיין האפענונג, השי"ת האט אונז אויפגעהויבן און באצירט מיט אזויפיל צירונגען, אונז געגעבן גאר גרויסע השגות קריעת ים סוף און מתן תורה, ער האט אונז מקרב געווען מיר זאלן פארשטיין וואס מיר דארפן דא אויף די וועלט טון, כדי זיך צו גרייטן צו דעם עולם שכולו טוב, וואס די תענוגים פון דארט איז נישט מעגליך צו פארשטיין און אוודאי נישט באשרייבן.

צוליב דעם זאגן מיר ביי אלע ברכת המצות אשר 'קדשנו' במצותיו, א לשון קידושין, ער האט אונז כביכול געגעבן קידושין, וואס דאס מיינט זיך צו מייחד זיין מיט כביכול דעם אור פון השי"ת, אויך איז קידושין א לשון פון זיין אפגעטיילט פון יעדע אנדערע סארט אהבה צו הבלי עולם הזה, איז דאך זיכער אז מיר זאלן דערוועקן אונזער אהבה אויף צוריק, צו שטרעבן נאר צו טון רצון השי"ת און אוודאי נישט טון דערקעגן, (וצונו איז א לשון צוותא צו ווערן דורך דעם באהאפטן אין

אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**

**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**


# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:

**845.783.0546**

לשכת בית הוראה:

**6 גארפיעלד רד. #013**

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול

הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה

הרה"ג **רבי מרדכי דוד יוראוויטש** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה

הרה"ג **רבי משה זאב שווארץ** שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה

הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה

הרה"ג **רבי שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה

הרה"ג **רבי מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה

הרה"ג **רבי מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה

הרה"ג **רבי יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה

הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב

הרה"ג **רבי יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב

הרה"ג **רבי שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב

הרה"ג **רבי שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול

הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

אים, כ"כ התניא במק"א).

צו דעם לייגט צו דער תניא (פרק מז) זאלסט אבער נישט מיינען אז דאס איז נאר א מעשה שהיה, און מיר זענען נאר א המשך פון דעמאלט, ניין! און נאכאמאל ניין! ס'הייבט זיך נישט אן, **יציאת מצרים גייט אן אלעמאל און יעדן טאג**, א איד גייט דורך פארשידענע נסיונות יעדן איינציגן טאג, סיי בעשה טוב, סיי בסור מרע, אויף טריט און שריט, ווען ער שטארקט זיך גייט ער יעצט ארויס פון מצרים.

השי"ת שלעפט אונז ארויס (אויב מיר שטרעקן אויס אונזער האנט, אונזער הארץ) פון דאס פארשטעלעכטס און פון די טומאה פון אונזער פארגרעבטן זינדיגע גוף, נאר מיט זיין הילף און כח קענען מיר זיך שטארקן אויף אונזערע שוואכקייטן און געוואוינהייטן וואס טויגן נישט, און העלפט אונז מיר זאלן זיך אויסדרייען און קערן צום הייליגן טאטן אין הימל, אויפבויען אין זיך אהבה ויראת ה', צו קענען ארויסזאגן דיבורי תורה ותפלה זמירות ושבחות, מיט ריינע מחשבות און הייליגע מויל.

און אט דאס מיינט טאקע 'יציאת מצרים', אז די ג-טליכע נשמה אונזערע גייט בעזהשי"ת ארויס פון די טיפע שמוציגע געמיינע עקלדיגע תפיסה פונעם פארגרעבטן גוף, וואס גלוסט נאך אלע מיסט און אפפאל, און וויל זיך אפילו נישט ארויסזען דערפון, איז די שאלה, ווי אזוי טאקע גייט זי ארויס דערפון?

ס'איז נאר דא איין וועג דורך זיך אינגאנצן מבטל זיין צו ווערן איינס מיטן אור אין סוף ברוך הוא וואס איז באהאלטן אין די תורה און מצוות און דיבורי תפלה וואס מיר זענען דערמיט באשעפטיגט, און נאכמער בפרטיות דערקענט זיך דאס ביי קבלת עול מלכות שמים ביי קריאת שמע, ווען מיר זאגן שמע ישראל ה' אלקי'נו' ה' אחד, וואס מיינט 'אונזער' ג-אט, ער הערשט דאך אויף די גאנצע וועלט, אבער דאס איז דאך טאקע דער תירוץ, אז כאטש ער הערשט אויף די אלע מיליאנען וועלטן מיט מיליאנען מלאכים שרפים ואופנים וחיות הקדש וכו' וכו' באשטימט ער נישט זיין ג-טליכקייט, און פאררופט זיך נישט נאר 'אלקי ישראל', און כאטש ער איז ה' אחד איין איינציגער בורא כל עולמים און אלעס איז אונטער זיין האנט, לאזט ער אלעס איבער און לאזט זיך אראפ דא צו אונזער שרעקליכע נידעריגקייט, אלעס צוליב זיין גרויס ליבשאפט צו אונז, און וועגן דעם זאגן מיר פאר קריאת




שמע הבוחר בעמו ישראל באהבה, און נאכדעם זאגן מיר 'שמע ישראל' יא מיר פארשטייען און דערהערן זייער גוט, און מיר זענען טאקע מקבל אויף זיך אז ה' אלקינו ה' אחד.

אזוי ווי ער האט מיחד געווען זיין נאמען אויף די אבות אלקי אברהם יצחק יעקב, אזוי איז ער מייחד זיין נאמען אויף אונז, און נאכמער אברהם איז נישט צוגעקומען דערצו נאר דורך אייגענע הארעוואניע, ער האט זיך דאס פארדינט און ער איז געגאנגען ממדריגה למדריגה ביז ער איז צוגעקומען צו די גרויסע מעלה, אונז האבן דאס אבער בירושה ובמתנה, מיר האבן דאס באקומען ביי מתן תורה, ווי ס'ליגט באהאלטן דער רצון ה' וואס דאס איז איינס מיטן באשעפער אליין, אפילו ווען מיר האבן דאס נישט פארדינט מיט אונזער שווערע הארעוואניע, דאס איינציגסטע איז נאר, אז מיר דארפן נאר ווען, און דאס נישט אוועקשטופן, און רייניגן אונזער הארץ מיר זאלן דאס קענען אין זיך אריינעמען, ס'זאל נישט חלילה אויסגעשפיגן ווערן פון אונז רח"ל, דורך אונזער פארגרעבטקייט מיט נישט גוטע מחשבה דיבור מעשה ח"ו, עכתדה"ק פון דעם הייליגן תניא.

אבער כדי צו מאכן די ריכטיגע הכנה צום זמן יציאת מצרים וואס מיר גייען ארויס, און האבן די ריכטיגע געזאלין וואס גיבט אונז קראפט זיך צו שלאגן מיט די כוחות הטומאה, וואס מיר האבן ליידער זיך דערין אריינגעלאזט, מוזן מיר קודם וויסן און באגרייפן די תכלית פון די גאנצע בריאה.

צוליב דעם ווען מיר ברענגען נאך א שטיקל פון דעם תניא (פרק לו): דער תכלית פון די גאנצע בריאה איז זיכער נישט צוליב די פילע אויבערשטע וועלטן, נאר צוליב אונזער אונטערשטע וועלט, און כאטש די סברא וואלט געווען אז אדרבה דער עיקר תכלית זענען די אויבערשטע וועלטן וואס דארט איז מער אויפגעדעקט און אפן דאס ליכטיגקייט פון השי"ת, משא"כ דא אויף די וועלט איז דאס זייער פארהוילן און פארדעקט, די וועלט איז דאס מערסטע פארגרעבט, און איר שוועבן אלע כוחות הטומאה וואס רייסן אוועק פון השי"ת, די וועלט איז באשאפן געווארן מיט מער פארגרעבטקייט כדי ס'זאל קענען באשאפן ווערן אויף דעם אופן ווי אזוי ער איז, כדי דער מענטש זאל זיך דארפן אמפערן און שלאגן מיט די אלע כוחות וואס לייקענען אין השי"ת און זיך שטארקן אויף זיי און זיך דערנענטערן צו השי"ת.

דער טעם פארוואס די וועלט איז דער תכלית הבריאה איז, ווייל אזוי האט השי"ת געוואלט, אז ס'זאל ווערן פאר אים א נחת רוח, ווען דער מענטש איז זיך מתגבר אויף די כוחות הטומאה און יצר הרע וואס שלעפן אים אוועק פון הקב"ה, און ער רייסט זיך און לאזט זיך נישט און לויפט צוריק צו השי"ת, דורך קדושה און מעשים טובים, און סור מרע, הייליגע אידישע קינדער דרייען איבער דאס פינסטערניש צו ליכטיגקייט, דאס ביטער צו זיס, און מיט זייערע גוטע מעשים ברענגען זיי אז דאס געוואלדיגע ליכטיגקייט פון השי"ת זאל לייכטן און ווערן אויפגעדעקט אפילו אין דעם נידעריגן טונקעלן פלאץ פון די וועלט ווי ס'הערשט דאס טונקלקייט פון די סטרא אחרא, און דאס איז די גרעסטע נחת רוח וואס קען זיין, ווייל דאס חשיבות פונעם ליכטיגקייט דערקענט זיך נאר ווען ס'קומט ארויס פון דעם טונקל, מער פון דאס גרויסע שיין פון די עולמות העליונים, ווי ס'הערשט נישט קיין טונקלקייט.

און נאך מער פון דעם איז דא א חשיבות און די אונטערשטע וועלט ווי אין די אויבערשטע, ווייל אויך די אויבערשטע וועלט קענען נישט דערהייבן דעם אור אין סוף אן דעם וואס זאל קומען דורך אסאך פארשטעלעכצער (השתלשלות וצימצומים), פונקט ווי מ'קען נישט קוקן גראד אויפן זיך אליין, נאר אויב מ'פארשטעלט דאס, אבער ווען אידן דא אויף די וועלט לערנען תורה און עוסק אין מעשים טובים, און האלטן זיך צוריק פון שלעכטס, קענען זיי באקומען דעם אור אן קיין שום פארשטעלעכטס, אזוי ווי ס'איז געווען ביי מתן תורה, און כאטש א מענטש קען דאס נישט דערהייבן מאכט השי"ת א נס ער זאל בלייבן לעבן אזוי ווי ס'איז טאקע געווען דארט ביי מתן תורה, השי"ת האט זיי געגעבן א כח שלא כדרך הטבע זייער נשמה זאל נישט ארויסגיין און זיי זאלן דאס אויסהאלטן.

קומט אויס אז ווען מיר האבן שווערע צייטן, דער בעל דבר שטעלט אונטער פארשידענע נסיונות, ס'איז דא א הסתר פנים מיט א חשכות, און מ'האט דורכפעלער, איז א חיוב אויף אונז צו טראכטן אז טאקע צוליב דער מצב איז דער גאנצער תכלית הבריאה, אז איך זאל מיר פון דעם פינסטערן גרוב קערן צו השי"ת, פון דעם טמא'נעם חושך ארויסשרייען 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד' מגלה זיין דעם אור ה' אין אונזער נידעריגקייט, דאס וועט זיין די גרעסטע נחת רוח פאר השי"ת וואס קען נאר זיין, מער ווי די עבודה פון די גרעסטע פריערדיגע צדיקים וואס האבן געשוועבט אין די עולמות העליונים ווי ס'איז נישט דא קיין חשכות און קיין טומאה, הסתר און צימצום, וועגן דעם איז גדולים בעלי תשובה יותר מצדיקים גמורים, (ער זאל אבער חלילה נישט אריינגיין אין חושך כדי נאכדעם צו מאכן דארט ליכטיג, דאס איז שוין א בחינה פון אחטא ואשוב, ס'איז סכנה'דיג).

זאל קיינער נישט טראכטן אז מיר האבן געברענגט דא צו הויכע זאכן וואס מיר האלטן נאך נישט דערביי, ווייל די אלע זאכן זענען דאס אלף בית פון אידישקייט, אן קיין התבוננות אין די יסודות ווייסט מען בכלל נישט פארוואס מיר זענען דא אויף די וועלט, און א חוץ דעם איז וויכטיג צו וויסן די אלע זאכן אפילו ווען מ'איז נאך נישט קיין עובד ה' ווי ס'דארף צו זיין, כדי מ'זאל וויסן אויף וואס מ'דארף שטרעבן און משתוקק זיין צו צוקומען, וואס די תשוקה פאר זיך אליין איז א געוואלדיגע עבודה, דער זוהר הקדוש (ב, קנ:) זאגט ס'איז נישט דא קיין שום גוטע ווילן - תשוקה וואס ווערט פארלוירן, דער שם משמואל (קרח ע' רפט. אמור ע' שטז) ברענגט פון זיין טאטן דער אבני נזר, אז א מענטש וואס האט א תשוקה שטענדיג צו תורה קען נישט אריינגיין אין גיהנם, און אפילו אויב יא וועט ער גאנץ שנעל ארויסקומען פון דארט, (ער שרייבט אז ער איז ערב דערפאר) און צוליב דעם זענען די בני קרח ארויסגעקומען פון גיהנם, ווייל זייער תשוקה צו עבודת ה' האט געקלאפט אין זיי אפילו זייענדיג אין גיהנם, אויך דער אור החיים הקדוש (שמות לה, כא) זאגט אז דאס חשיבות פונעם מענטש ווענדט זיך אויף ווי ווייט ער איז משתוקק און גלוסט צו טון מער וויפיל ער קען, איז אויב אזוי לאמיר כאטש אויפבויען אונזער תשוקה צו השי"ת, צו זיך דערנענטערן צו אים, אין דעם יום טוב הבא עלינו לטובה אכי"ר.




# טייערע הייליגע בחורים; איך שרייב די ווערטער ווען טרערן רינען פון מיינע אויגן

**רירנדע האַרצרייסנדע בריוו פון הונטער די תפיסה גראַטעס, געשיקט פערזענליך צו די הונדערטער תלמידי ישיבה קטנה סאַטמאַר קרית יואל**

נאָכדעם וואָס די לעכטיגע בחורי חמד האָבן זיך אונטערגענומען קבלות טובות, צו שענקן דעם זכות פון גיין נאָך געלט בעצם יום הפורים פאר הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה שליט"א

לכבוד הר"ר אברהם יהושע שליט"א מנאַסויד, און לכבוד די הייליגע בחורים שיחי', וואָס זענען עוסק אין דער מצוה פון צדקה, צו אַרומגיין נאָך געלט און מזכה זיין אַנדערע אידן צו געבן, וואָס מיר ווייסן אַז "גדול הַמְעַשֶׂה יותר מן העושה". אייערע מצוות זענען דאָך אוממעגליך צו באַגרייפן מיט אונזער מענטשליכע מח!

## יעדע צדקה פלאַנצט איין אן אייביגע פירות!

ווען מ'רעדט פון דער מצוה פון צדקה איז וויכטיג צו דערמאַנען אַ מאמר וואָס שטייט אין ספר הק' 'ליקוטי אמרים תניא' אין אגרת הקודש ח', דיבור המתחיל 'זורע צדקות'.

מיר זאָגן ביים דאַווענען 'זורע צדקות'. לכאורה פאַרוואָס ווערט צדקה אָנגערופן מיט דעם לשון אַזויווי איינער פלאַנצט איין קערלעך אין דער ערד, כדי אַז ס'זאָל אַרויסוואַקסן דערפון?

זאָגט דער בעל התניא אז ווען מען פלאַנצן אַ קערל אָדער זאָמען אין דער ערד, איז דאָך דער מציאות אַז ווילאַנג די קערלעך זענען נישט געגצליך פאַרפוילט קומט דערפון גאָרנישט אַרויס. קומט אויס אַז בעצם קומען די ווייצלעך אַרויס פון די קערלעך, ווייל ווען ס'הייבט אן וואַקסן איז שוין גאָרנישט געבליבן פון די אָריגינעלע קערענדל.

אלא מאי, די אַלע זאַכן וואָס וואַקסן קומט אַרויס דורך דעם כח פון די ערד, וואָס דער רבוש"ע האָט איר באַפוילן 'תוציא הארץ דשא'. נאר די ערד אַליין קען נישט וואַקסן און זיין פרוכטבאַר, בלויז אויב מ'לייגט דאָרט אַריין די קערלעך און זאמען.

קיין שום עפל וועט נישט אַרויסקומען אָן קיין עפל זאמען, קיין שום ווייץ וועט נישט אַרויסקומען אָן קיין זאמען. די פירות וואָס קומען אַרויס זענען פילפאַכיג מער פון די איין קערל וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט, אָבער למעשה קוקט עס אויס ממש פונקט געגוי ווי די פאַרפוילטע זאמען האָט אויסגעקוקט. אן אָראַנדזש קוקט אויס ווי אן אָראַנדזש, אן עפל ווי אן עפל און אַ ווייצל ווי אַ ווייצל.

דאָס הייסט אַז די כח פון וואַקסן קומט בעצם פון דער ערד, וואָס השי"ת האָט געהייסן אַזוי טון. די קערל וואָס מ'לייגט אַריין איז אַזויווי אַ 'וועקער' צו אויפוועקן די באַהאַלטענע כח פון דער ערד צו מאַכן די פרוכט וואַקסן. "גייטס דאָ און וואַקסט אַן אוגערקע"... די קערלעך זענען אן 'אתערותא דלתתא' צו רופן דעם כח פון דער ערד אַז ס'זאָל טאַקע אָנהויבן וואַקסן!

זאָגט דער הייליגער בעל התניא: "ככה ממש, כל מעשה הצדקה שעושין ישראל" - ווען אַ איד טוט צדקה, אָדער ער איז מזכה אַ צווייטן צו געבן צדקה, דעמאָלט גייט די מצוה אַרויף גראד אויבן, צו דער שורש נשמה פון דעם מענטש! עס וועקט אויף די גאַנצע פמליא של מעלה מיט אן 'אתערותא דלתתא' וואָס קומט אן ביז די שכינה הק' אליינס!

דאָס איז טייטש 'זורע צדקות מצמיח ישועה', ווייל די מצוה פון צדקה איז אַזויווי קערעלעך

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
קהלי'ס
בלעטל
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
845-783-5688
#17
לאזט א קלארן מעסעדזש מיט אלע אינפאו
אדער שיקט א אימעיל מיט די אינפאו צו:
Bletel@cylkj.org

"קהלי'ס בלעטל"
וועט בעז"ה
גיין אין דריק
'היינט' דאנערשטאג
8:00 אזייגער ביינאכט

בעלי שמחה און אדווערטייזער:
מאכט זיכער ארייצושיקן ביז
היינט 7:00 אזייגער ביינאכט

וואָס מאַכט וואַקסן! ווען אַ איד לייגט אַריין די צדקה וואָס ער האָט געטון, וואַקסט נאָכדעם אַרויס אַ ישועה!

(ס'איז כדאי אַז די בחורים זאלן אַליין לערנען די הייליגע ווערטער פון דעם בעל התניא, דאָס איז נישט קיין ווערטער וואָס מ'קען איבערשרייבן אויף אַנדערע שפראַכן, זיכער נישט אויף ענגליש...)

## דאָס גרויסקייט פון אָוועקגעבן די אייגענע זכותים פאַר אַ צווייטן איד

אויסער די גרויסע מצוה פון צדקה, איז דאָ פאַראַן נאָך אַ מאַכטפולע כח. דאָס איז די מסירת נפש פון אַרומגיין נאָך געלט. מסירת נפש מיינט ווען ס'איז נישט באַקוועם, דו ווילסט ענדערש בלייבן אינדערהיים אָדער לערנען אין שול, אָבער מ'גייט נאָך געלט מיט מסירת נפש.

די דריטע זאַך וואָס איז בוקע רקיעים, איז דאָס אַוועקגעבן דעם זכות צו אַן אַנדערע איד. האָבן מיר דען אפילו אַ השגה וויאַזוי ס'קוקט אויס אין הימל ווען אַ איד נעמט די די צוויי גרעסטע מאַכטפולסטע מצוות און ער גיט דאָס אַוועק פאַר אַ צווייטן איד?!

## מען פאַרלירט נישט קיין שום זכות

ווען מען גיט אַוועק אַ זכות פאַר אַ צווייטן פאַרלירט מען אודאי נישט דעם זכות. ס'איז אַזוי ווי אָנצינדן אַ ליכט פון אַן אַנדערן ליכט. דאָס נעמט נישט אַוועק קיין שום ליכטיגקייט פון דעם ליכט וואָס מ'צינדט דערמיט אָן. דער זכות בלייבט מיט דיר און ס'גייט אויף פאַר'ן אַנדערן איד! ווייל רוחניות איז פונקט אַזוי ווי אַ פייער. דערנאָך איז דער זכות אויך משפיע אין גשמיות פאַר ביידע!

## ס'איז אַלעס דער כח פון רבינו הק' זי"ע

אַצינד, ווען איך שרייב די ווערטער בין איך איבערגענומען מיט געפילן. טרערן רינען פון מיינע אויגן. וויאַזוי קען פאַסירן אַזאַ זאַך?! דאָס איז בלויז די כח פון אונזער גרויסן רבי'ן זי"ע, אונזער רבי וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און מיר פאַרמאָגן נאָך אַלס, ווייל מיר גייען אין זיינע דרכים.

איר טייערע בחורים ווייסט ניטאַמאָל וואָס איר טוט יעצט. ס'איז דער כח פון רבינו הק' זי"ע וואָס פלאַקערט אין ענק! ס'איז ממש גילוי אלקות!

## אין הימל איז אַ געוואַלדיגע שמחה

קענען מיר זיך פאַרשטעלן די נחת רוח וואָס דער רבי זי"ע האָט פון זיינע תלמידים וועלכע לערנען אין זיין ישיבה?! קענען מיר זיך פאַרשטעלן דער רושם וואָס דאָס מאַכט אין הימל?!

אַלע זיידעס פון די בחורים, תלמידים פון רבינו הק', זענען געוואָרן גערופן צו דעם רבי'נס היכל, מען ווייזט זיי: "קוקט וואָס אייערע אייניקלעך טוען! קוקט די ליכטיגקייט וואָס זיי האָבן אַרויפגעברענגט דורך זייער צדקה, דורך זייער מסירת נפש, און דורך אַוועקגעבן פון זיך פאַר פדיון שבוים!"

דאָס איז ריכטיגע קערלעך וואָס וועט אי"ה מאַכן וואַקסן אַסאַך פירות. פון יעדע טריט, פון יעדע מינוט גיין נאָך געלט, וועט וואַקסן טויזנטער פירות! עס וועט זיין 'מצמיח ישועות' פאַר אייך און פאַר אייערע קומענדיגע דורות אי"ה!

## אַ האַרציגע ברכה מעומק הלב

איך וואונטש אַ ברכה פאַר אַלע בחורים וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו אַוועקגעבן זכותים, השי"ת זאל זיי געבן הצלחה און ברכה מיט אַלעם וואָס זיי טוען, הצלחה מיט'ן לערנען, גוטע חברים, אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, גוטע שידוכים אין די ריכטיגע צייט געזונטערהייט, פרנסה פאַר זייערע עלטערן, און פאַר זיי אַליינס ווען זיי וועלן עס דאַרפן. קינדער תלמידי חכמים און יראי שמים. זייערע עלטערן זאלן זען אַסאַך געזונט און נחת פון זיי, און זיי זאָלן זען אַסאַך געזונט און נחת פון זייערע אייגענע קינדער.

אַלעס גוטס זאָל קומען אויף זייער קאָפּ!

'זורע צדקות' איז אַ לשון פון קינדער - זרע. זאָלן זיי טאַקע זוכה זיין צו גוטע קינדער, ווייל זיי ברענגען אַזאַ ליכטיגקייט אויבן אין הימל, טאַקע יעצט ווען מיר קענען עס נוצן.

איך וועל אי"ה אינזין האָבן יעדן בחור אַ גאַנצן טאָג פורים אין אַלע מיינע תפלות. איך וועל דאַוונען פאַר זיי פערזענליך.

זיצנדיג דאָ אין די טונקלקייט וועט מיך לעכטיג ווערן ווען איך וועל טראַכטן וויאַזוי די בחורים טאַנצן און לויפן אַרום פאַר צדקה און האָבן מיך אינזין. דאָס וועט מיר געבן אַ שמחה דעם פורים.

**יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ** - מיין ישועה זאָל קומען נאָר פון 'קודש'; די הייליגע בחורים זענען דאָך 'קודש'!

דער זכות פון רבינו יואל בן חנני' יום טוב זי"ע זאל באַגלייטן יעדן בחור דעם פורים און אַ גאַנץ לעבן. ווי מיר ווייסן אַז אַ התקשרות צו אַ צדיק גייט נישט אַוועק, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. מיר קענען אַלעמאָל נוצן דעם זכות וואָס ענק גייען קויפן דעם פורים אויף'ן גאַנצן לעבן.

אַ לעכטיגן פורים!

איך האָב שוין אַ שמחה, גלייבנדיג אַז דאָס וועט מאַכן אַ געוואַלדיגן רושם און איך וועל אהיימגיין פריי, תיכף ומיד אי"ה.

*נחמי' צבי בן דינה*

(וואָס איז בגימטריא פורי"ם).






# הרחבת גבולי העיר אין די ווילעדזש גרעניצן



ערשטע פאנדעישאן ווערט געגאסן פאר נייע הייזער בתוככי העיר רבתי




קרעקדאון אויף ווען ביורען פארנט פון כולל דרך החיים - אהל אלטא פיגא וואו סטעיט פאליציי האט אפגעשטעלט פילע אומלעגאלע טעקסיס זיי אראפצונעמען פון די גאסן

# בנין ישראל דוב - מוסדות סאטמאר קרית יואל

## נדבת הרבני הנגיד ר' ישראל דוב גאלדבערגער שליט"א



דאך ווערט אינסטאלירט צווישן די שטאקן



אריינגאנג פון אלטן בנין צו איינס פון די נייע רחבות'דיגע קלאס צימערן



אפענע בילד פון די דריי לעכטיגע שטאקן תחתיים שניים
שלישים תעשי' מיט צענדליגער קלאס צימערן







# בעלזא - מיין געסעלע בעלזא

## 'ליוולענד גרופ' גיסט ערשטע פאנדעישאן אויפן נייעם גאס אויף רוט 105 קעגן איבער ירושלים



רייע צעמענט טראקס ביים פיטערן פאמפ טראק פארן ערשטן דירות געביידע אויף בעלזא - מערקט אין הונטערגרונט געביידע פון שכינות'דיגן שכונת ויואל משה



נייע גאס געפינט זיך הארט אונטער שטח ביהמ"ד החדש בית יקותיאל דקיט"ל



שטאב גיסט יסודות פאר די ערשטע בעלזער דירות אין שטאט קרית יואל

# בעלזא - מיין געסעלע בעלזא

## 'ליוולענד גרופ' גיסט ערשטע פאנדעישאן אויפן נייעם גאס אויף רוט 105 קעגן איבער ירושלים



א בליק פונדערהייער אויף די קאנסטראקציע סייט



מערקט אויבן רעכטס 'ירושלים' גאס ביידע גאסן עפענען
זיך פון רוט 105 הארט נאך בני יואל דרייוו




# ביהמ"ד החדש דק"ק טארנא - קרית יואל




טראקטאר גראבט אויס גרויסן שטח, מערקט 'בנין לאה אסתר' אויף כהנא דרייוו



טאטעל קאנקריעט ביים אנגרייטן ערשטע פאזע פון אנדערפינינג




ריזיגער שטח וואו עס ווערט געבויעט גרויסער היכל המפואר און מקוה מפוארה אויפן ערשטן שטאק

# ביהמ"ד החדש דק"ק טארנא - קרית יואל



אקטיווע פאזעס להרחיב גבולי הקדושה אין שכונת טארנא



קאמפלעצירטע אנדערפינינג קאנסטראקציע אין קראפט



צעמענט און פאמפ טראק גענומען פאזיציעס פארנט פון אלטן טארנא ביהמ"ד

# שמחה בבית משב"ק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## הרב שמואל טייטלבוים שליט"א משמש בקודש



הגה"צ דער רב שליט"א אין א פייערדיגן ריקוד מיטן משמש בקודש ויד ימין אביו כ"ק מרן רבינו שליט"א



הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו מנכ"ל מוסדות סאטמאר קרית יואל וואונטשט דעם משב"ק לכבוד השמחה



הגה"צ דומ"ץ בארא פארק שליט"א ביי די שמחה



העסקן הנמרץ מוהר"ר אייזיק וואלטער הי"ו בונה ומקים בעיר עוז לנו קרית יואל




ק"ק קרית יואל באגריסט משב"ק פאר זיינע פעולות כבירות לעשות רצון צדיק ובפרט פארן אויפבוי פון ביהמ"ד הגדול והחדש דק"ק סאטמאר בקרב העיר רבתי

# פורים אין שטאט



קשה גרי"ם לישראל, א ריכטיגע חינוך אינגאנצן עקוויוועלענט צום פובליק סקול. ואין פוצה פה



משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע



שמירת עיני"ם בימי הפורים האלה







פורים שטאט אויף די גאסן מיט אייגענע פאליצי" קראפט צו שטיין על המשמר




ושתי כאפט א היטש אויפן דאך




המן פרעגט: בני היכן הלכתם...?


THIS MATTER IS SCHEDULED TO BE HAND

PALM TREE TOWN COURT

46 BAKERTOWN RD

MONROE

(X) RETURN BY MAIL BEFORE OR IN PERSO

( ) MUST APPEAR IN PERSON

A PLEA OF GUILTY TO THIS EQUIVALENT TO A CONVIC YOU ARE CONVICTED, NOT LIABLE TO A PENAL

ואלה המשפטים אשר תשים לפנינו: טרעפיק טיקעט'ס ביים
נייעם פאלם טרי געריכט הויז עקוויוועלענט...



רעיוואד-ריזשין קאנעקטינג ראוד צייווייליג בלאקירט



עד דלא ידע בין יים למין



ישיבה על טהרת הקודש בעיר הקודש ביים זאמלען געלט להחזקת הישיבה



וויכטיגע פורים מעסעדזש


שלושים יום קודם: אלל אין וואן גרייט זיך מיט אלע פסח געבריכן מיט
א מקוה כשרה אויפן פלאץ, נישט נעמען צוויי האנטוכער



תלמיד פון די ערליכע בני תורה קרייזן






עקסידענט אויפן פרשת דרכים פון דרייווער וואס האט זיך פריצייטיג אנגעטרונקען פארלאפענעם ערב פורים



ק"ק חאצאצק מיט איסור חמור קעגן 'שבת בשבתו' נאך פורים אויפלאגע



גרופע בחורים מיט א הדר קבלוה מאהבה מיט א לא נתקבל פאר יוסעלע



משגיח ביים שלחן הטהור מטעם 'סאטמאר כשרות'



שמירה משעת שיכורה


חופה אויף רעדער וכל קבוע כמחצה על מחצה



נגייס ונמות... א חסידי"ש קינד אין בני ברק נאכן זיך שטעלן אין לשכת הגיוס רח"ל



פובליק סעיפטי טרינקט אן דעם קאר לכבוד פורים



א 'דערהויבענע' טאנץ אין די לופטן פארנט פון 'מינטליעף' סופערמארקעט


נקיי הדת שבירושלים נאכן מקיים זיין עד דלא ידע לויט אלע מפרשים


ורבים מעמי הארץ מתייהדים... תושב פון שכונת ויואל משה זיך געלאזט וואקסן פאות


אינג קינד שרייט הצילו! ראטעוועט מיר פון צבא השמד


אידן מיטן כיסוי ראש האנט אין האנט אויפן וועג צום שלחן הטהור




חברים באפרייט קאר פון די תלי' מיט א דאזע פון געז



נייע ערפידונג פון נקי ציצית...




הצלה אויטא אויף פארעסט ראוד נתנדב ע"י המוני תושבי עיר
מאנטריאל ביים ל"ג בעומר קאמפיין תשפ"ב




קאל ישראל ערב"ם




מען לאזט גיסן א נייע באס סטאפ ביים סטאנציע אויף עיקערס קארנער סאטמאר דרייוו




ספעציעלע זיכערהייט אונטערגענומען היי יאר אויף די טראקס מיט העלצעל צו בלאקירן זיך אנהענגען אינעם טראק,
מערקט ספעציעלע שניט צו קענען אויסליינען לייסענס פלעיטס אין פאל די טראק נעמט איינעם פאר א היטש

# משנכנס אדר מרבין בשמחה




Spotlight Pro
Your house bright
since 2006
845 537 9787





א פעטעווע׳ האט איר שוין... געלט דארפט איר אויפהערן נעמען...



׳דער קלויז׳ געקלאוזט אויף א באסעלע לכבוד פורים




נייע עקוויפמענט טרעקל פון ׳חביבים׳





חברים אקטיוו בעצם יום הפורים צו פארזיכערן גליטשיגע ראודס




רעסעסיע... ווי קענט-ערלויב זיך



שיכור'ער איד זיך אוועקגעלייגט אויף פאסט קעסטל פארנט פון 'בנין קויפמאן'



שלומי'ס מיט נייע ווען ספעציעל פאר 'שכונת ויואל משה', ווערט
געזען ביהמ"ד בית יקותיאל אין צענטער פונעם שכונה

| | |
|---|---|
| עדיטארועל | 28 |
| דבי מדרשא | 50 |
| לוח הלימודים זכרו תורת משה | 64 |
| שריפען צום וואכנשריפט | 68 |
| אן ענין איוף דער פרשה במשנתו של רבינו | 70 |
| שאלת חכם | 74 |
| זמני בית הוראה | 76 |
| די תפיסה וועגט פארצייילן | 78 |
| בילדער זייטן | 80 |
| לאקאלע באריכטן | 100 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 103 |
| וועטער פון קרית יואל | 103 |



קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| זוניג 51/34 | זוניג 55/36 | זוניג 56/36 |

## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קרי"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 7:04 | 9:15 | 8:33 |


Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

WE KNOW MENSWEAR
MEN'S CORNER
New location: 10 MORDCHE SCHER BLVD
Free delivery 845.782.6756

TAKING ADVANTAGE OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from 9 AM to 9 PM
elite
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעידן חדוותא
קהל יטב לב קרית יואל
עזר וסיוע לאנ"ש בעידן חדוותא
טראַנספּאָרטאַציע רוטס אינפאָרמאַציע
845.782.1340 #1 דערנאך דרוקט #9

845.204.8138 | contact@berryslandscapingny.com
Berry's LANDSCAPING

USEFUL
USE YOUR SPACE FULLY
CUSTOM CLOSETS
845.210.6610 • sales@usefulny.com

F&W BOOKKEEPING
845.492.3945
fandwbookkeeping@gmail.com

HANDYWORK MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | מרדכי וואלף בראוער

פלאמבינג – עלעקטריק
845-239-7697
לייבל קופטשיק

בס"ד
kj vitamins & health food
פרייע דעליווערי
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

COLORIFIC
845 783.6863

Upstate Collision
LEASING · RENTAL · COLLISION · 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400

# דרייווערס זייט פאַרזיכטיג: אויסגעברייטערטע "מאָוו אָווער" געזעץ נאָרוואָס אַריין אין קראַפט




א נייע צוגאב צו די עקזיסטירנדע "מאוו אווער" דרייווינג געזעץ איז נעכטן, מיטוואך מארטש 27, אריין אין קראפט, וואס וועט פארלאנגען אז דרייווער זאלן זיך אריבעררוקן צו די קומענדיגע ליניע אויב זיי זעען ווי אן אויטא האט זיך אפגעשטעלט ביי דער זייט.

די מאוו אווער געזעץ איז אריגינעל באשטעטיגט געווארן אום 2010 צו פארמיידן עקסידענטן פאר עמוירדזשענסי אויטאס וועלכע האבן זיך אפגעשטעלט ביי די זייט פון די שאסיי. עס איז געקומען אין אנטווארט צו שווערע עקסידענטן אין וועלכע שנעל פארנדע אויטאס האבן זיך צוזאמגעקראכט מיט פאליציי אדער אנדערע עמוירדזשענסי אינהייטן וועלכע זענען געשטאנען ביי די זייט פון די ראוד צו זיך אפגעבן מיט נויטפאלן. און אַז אויטאס זענען געצווינגען געווארן צו זיך רוקן צו די אנדערע ליניע זענען זיי אויטאמאטיש געווען מער פארזיכערט.

דאָס געזעץ איז אין די שפעטערדיגע יארן געווארן היבש אויסגעברייטערט צו אריינעמען אנדערע עמוירדזשענסי אינהייטן אויסער די פאליציי און הצלה. אצינד איז דער געזעץ געווארן נאָכמער אויסגעברייטערט צו אריינעמען אלע אויטאס וועלכע שטעלן זיך אפ אין די זייט מיט'ן ציל איז צו פארבעסערן די הייוועי זיכערהייט פאר אלעמען.

דאָס קומט נאָכדעם וואָס אין די יארן זינט 2016 און 2020 זענען אזויפיל ווי 37 ניו יארקער אומגעקומען ל"ע ווען זיי זענען געשטאנען אינדרויסן פון זייער אויטא ווען עס האט זיך אנגעשטויסן אין פראבלעמען. איבער'ן לאנד ווערן אזויפיל ווי 300 מענטשן געהרג'עט יערליך זיך געפינענדיג ביי די זייט פון די שאסיי.

"די זיכערהייט פון ניו יארקער איז מיין העכסטע פריאריטעט" האט גאווערנער האוקול געזאגט מעלדנדיג איבער דאס אריינגיין אין קראפט פון דעם נייעם געזעץ. "אויב זעסטו אז אן אויטא האט זיך אפגעשטעלט ביי די זייט פון די שאסיי, פארשטאטער דיין שנעלקייט און רוק דיר אריבער זיי צו געבן מער פלאץ".

לויט דעם נייעם געזעץ וואָס איז אַצינד אריין אין קראפט דארף א דרייווער וואס זעט א קאר שטעקן ביי די זייט פונעם שאסיי: זיך אריבער טוישן צו א ליניע וואס איז נישט באלד נעבן די אפגעשטעלטע אויטא, אדער אויב איז דאס אוממעגליך, זאל ער פארשטאטערן זיין שנעלקייט צו פארן אויף א ספיד וואס זאל נישט אריינלייגן דעם אויטא אין געפאר.

# אראנדזש קאַונטי' באַקומט אויסגעצייכנטע שאַצונג פאר אירע רעגירונג באָנדס

אין אן אויסנאמליכע פינאנציעלע שאצונג פון די עס-ענד-פי גלאבאלע שאצונגען האבן אראנדזש קאונטי באקומען א דאפעלטע עי-פלאס שאצונג פאר אירע באנדס, אן אויסגעצייכנטע שאצונג וועלכע בלויז פיר קאונטיס אין גאנץ ניו יארק פארמאגט.

לויט די עס-ענד-פי טוט דער שאצונג "רעפלעקטירן זייער מיינונג איבער די וואקסענדע לאקאלע עקאנאמיע מיט א היבשע וואוקס און אן עקאנאמישע אנטוויקלונג מיט פראיעקטן וועלכע קומען יעצט אויף, אינאיינעם מיט א שטארקע מענעדזשמענט און גוט איינגעשטעלטע פאליסיס, און פאזיטיווע בודזשעטן מיט א באדייטענדע קעש רעזערוו".

אראנדזש קאונטי עקזעקוטיוו סטיוו נויהאוז האט ווי פארשטענדליך באגריסט דעם שאצונג, אנווייזנדיג אז עס איז א באדייטענדע טויש פון א צענדליג יאר פריער ווען די קאונטיס פינאנציעלע שאצונג איז געווארן געשאצט אויף אראפ צוויי מאל דורך די מודיס שאצונג.

# 'טאַון אָוו מאַנראָו' דעבאַטירט אַ רייע אישוס בייַ פובליק הירינג

די טאון אוו מאנראו האט ביי א זיצונג אנפאנג פון מארטש פארגעזעצט צו באהאנדלען זייער 'זאונינג אַמענדמענט' איבער פרעזערווירן דיביימער אין די טאון, און האבן דעבאטירט איבער וויפיל ביימער א פריוואטער מענטש מעג אראפשניידן פון זיין פראפערטי בעפאר ער זאל דארפן האבן א פערמיט פון דעם טאון.

דער קאנזערוואציע קאמיסיע איז נישט געווען צופרידן צו דארפן ארומגיין צו פריוואטע שטחים, זאגנדיג אז זייער ארבעט וועט ווערן איבערגעפילט, און עס איז באשלאסן געווארן צו האלטן דעם פארשלאג אפן פאר קאמענטארן פון דעם פובליק פאר עטליכע וואכן.

ביי דעם זיצונג האט מען אויך אדרעסירט געלטער פאר לאקאלע צוועקן ווי די לייברערי, דער פייער דיסטריקט און דער סוער דיסטריקט, צווישן אן אנדערע רייע פון אישוס."די זיכערהייט פון ניו יארקער איז מיין העכסטע פריאריטעט" האט גאווערנער האוקול געזאגט מעלדנדיג איבער דאס אריינגיין אין קראפט פון דעם נייעם געזעץ. "אויב זעסטו אז אן אויטא האט זיך אפגעשטעלט ביי די זייט פון די שאסיי, פארשטאטער דיין שנעלקייט און רוק דיר אריבער זיי צו געבן מער פלאץ".

לויט דעם נייעם געזעץ וואָס איז אַצינד אריין אין קראפט דארף א דרייווער וואס זעט א קאר שטעקן ביי די זייט פונעם שאסיי: זיך אריבער טוישן צו א ליניע וואס איז נישט באלד נעבן די אפגעשטעלטע אויטא, אדער אויב איז דאס אוממעגליך, זאל ער פארשטאטערן זיין שנעלקייט צו פארן אויף א ספיד וואס זאל נישט אריינלייגן דעם אויטא אין געפאר.

# דזשעט-בלו לופט ליניע וועט זיך נישט אומקערן צו סטואַרט לופטפעלד




די האפענונגען אז די דזשעט בלו לופט ליניע וועט זיך צוריקקערן קיין סטוארט לופטפעלד אין אראנדזש קאונטי איז אויסגערינען ווען די ניו יארק באזירטע לופט ליניע האט געמאלדן אז זיי וועלן מער נישט אדורכפירן רייזעס פון דעם עירפארט.

די פירמע האט שוין סוספענדירט די ליניעס צו און פון סטוארט לופטפעלד זינט 2020, אבער אצינד האבן זיי אָפיציעל געמאלדן אז צוליב די שוואכע אינטערעסע אין זייערע רייזעס פון דעם לופטפעלד וועלן זיי דאס אינגאנצן אפשאפן.

ווען דזשעט בלו האט אנגעהויבן סערווירן קאסטומער אין ניו יארק, האט דער ניו יארקער סענאטאר טשארלס שומער לאביאירט אז זיי זאלן באדינען דעם לופטפעלד, זוכנדיג צו צושטעלן סערוויס פאר דעם טייל פון ניו יארק. די ליניעס זענען מערסטענס געפארן קיין פלארידא, און עטליכע קיין לאס אנדזשעלעס אין קאליפארניע. אצינד שטעלן בלויז צוויי לופט ליניעס צו רייזעס קיין פלארידא פון סטוארט.

# בוי אַרבעט אָנגעהויבן ביי 'סאַליוועָן קאַונטי' לופטפעלד

די בוי ארבעט אויף די הויפט טערמינאל אין די סאליוועָן קאונטי' לופטפעלד אין בעטהעל האט זיך אנגעהויבן די פארלאפענע וואך, ווען די גאווערנערס אפיס האט אויפגעוויקעלט די ארכיטעקטואלע בילדער פון די געפלאנטע נייע געביידע.

די פראיעקט ווערט אונטערגעשטיצט דורך אן 18.5 מיליאן דאלאר'דיגע פעקל פון דעם גאווערנער'ס 230 מיליאן אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם. די נייע טערמינאל וועט ערזעצן די אריגינעלע 55 יעריגע טערמינאל וואס איז געווארן אראפגעווארפן די פארלאפענע יאר, מיט א נייע 15,000 סקוועיר פיסיגע געביידע.

די פראיעקט איז ערווארטעט צו אפקאסטן א געשאצטע 23 מיליאן דאלאר, און איז ערווארטעט צו שאפן ארום 260 דזשאבס. די ארבעט אויף דעם לופטפעלד איז ערווארטעט צו זיין פארענדיגט אום פרילינג פון 2025. דער טערמינאל וועט האבן א צוויי שטאקיגע גלאזערנע וואנט, דורך וועלכע מען וועט קענען אויסקוקן אויף די לופטפעלד און די פאנאראמישע בליק פון די קעטסקילס בערג ארום. ווי אויך וועט עס פארמאגן א רעסטוראנט פאר באזוכער. גאווערנער האקול אינאיינעם מיט די לאקאלע אסעמבלי מיטגלידער און סטעיט סענאט מיטגלידער האבן באגריסט דעם פראיעקט.



# מידעלטאָון פּאָליציי לייגט צו מַער אָפיצירן צו איר קראַפט

די 'סיטי אוו מידעלטאַון' האט צוגעלייגט נאך אפיצירן צו איר פאליציי קראפט, ברענגענדיג נענטער די צאל פאליציאנטן צו אנפילן איר באשטימטע סומע פון 75 איינגעשוואוירענע אפיצירן.




די מעלדונג איבער זעקס נייע אפיצירן איז געמאכט געווארן דורך דעם פאליציי שעף. די סיטיס פון ניובורג און פאקיפסי ארבעטן אויך אצינד צו ארויפברענגען זייער פאליציי מאכט צו די מאקסימום צאל וואס זיי זענען אויטאריזירט לויט דאָס געזעץ.

# ניו יאָרקער ביל וועט ערלויבן רעליגיעזע גרופעס צו בויען הייזער נישט רעכענענדיג זיך מיט לאָקאַלע זאָונינג געזעצן

א נייער געזעץ אין ניו יארק וועט אויסקלארן דעם וועג פאר רעליגיעזע גרופעס צו בויען אפארדעבל הייזער אויף זייערע שטחים. די נייע געזעץ וועט זיי ערלויבן צו איבערהיפן לאקאלע זאונינג געזעצן און די לאנגע חדשים וואס עס געדויערט צו ווערן באשטעטיגט צו בויען אין לאקאלע מוניציפאליטעטן, און בויען די הייזער שנעל און גרינג.

לויט דעם געזעץ וועלן רעליגיעזע ארגאניזאציעס זיין ערלויבט צו בויען פילצאליגע הייזער אויף א קליינע שטח, אפילו אין ערטער ווי די זאונינג געזעץ זאגט אז אזעלכע צוזאמגעשטופטע דעוועלאפמענטס זענען נישט אויסגעהאלטן לויט דעם לאקאלן געזעץ. אזויפיל ווי 30 ביז 50 הייזער וועלן ווערן ערלויבט צו געבויעט ווערן פער עיקער. זיי וועלן אבער זיך דארפן צושטעלן צו די סטעיט פארשריפטן צו בויען א געוויסע סטאנדארט וואס איז אמווייניגסטענס פיר הייזער וואס ברויך נאכקומען די איינקונפט וואס ווערט פארלאנגט לויט דעם געזעץ.

שטיצער פון דעם געזעץ זאגן אז עס וועט העלפן לינדערן די גרויסע פארלאנג פאר אפארדעבל דירות אין ניו יארק, אין די צייט וואס עס וועט געבן פאר רעליגיעזע ארגאניזאציעס א דאפעלטע בענעפיט, וואס איז צו אויפטרייבן געלט זיך צו קענען אויפהאלטן, און אין די זעלבע צייט זיי געבן די מעגליכקייט צו ארויסהעלפן געמיינדע מיטגלידער.

גאווערנער האוקול האט שוין לאנג געפלאנט צו בויען אפארדעבל הייזער דורך איבערהיפן לאקאלע זאונינג געזעצן. איר אריגינעלע געזעץ האט זיך אנגעשטויסן אין א גרויסע קעגנערשאפט פון לאקאלע מוניציפאליטעטן און איז עווענטועל נישט געווארן אויפגעברענגט פאר א שטימע אין די לעגיסלאטיווע הייזער. אצינד איז דער נייער געזעץ געווארן אריינגעטראגן אין סטעיט סענאט דורך א ברוקלינער דעמאקראט.

סטעיט סענאטאר אנדרו גונארדעס זאגט אז ער ווייסט אז די פארשלאגן צו איבערהיפן לאקאלע זאונינג געזעצן איז זייער נישט גינסטיג פאליטיש, אבער ער טענה'ט אז עס איז נישט דא קיין ברירה וויבאלד די לאקאלע שטרענגע געזעצן און פארקריפלענדע פארשריפטן האבן פארשטאטערט די צוטריט צו אפארדעבל האוזינג אין ניו יארק פאר זייער א לאנגע צייט.

דאָס געזעץ איז איינע פון נאך עטליכע פלענער צו לינדערן די האוזינג קריזיס אין ניו יארק, אבער ווי עס שיינט האט דער ביל א היבשער שאנס וויבאלד עס פארמאגט פריע שטיצע צווישן געזעצגעבער און פארשידענע רעליגיעזע גרופעס. אזויפיל ווי 50 דעמאקראטישע סטעיט סענאטארן און אסעמבלי לייט האבן זיך שוין צוגעשטעלט צו זיין קא-ספאנסארס פון דעם געזעץ.

עס איז אבער נישט ערווארטעט אז לאקאלע פירער וועלן זיך אנשליסן אין שטיצע פון דעם געזעץ ווען זיי וועלן געוואויר ווערן דערפון. קלארקסטאון סופערווייזער, א רעפובליקאנער, האט געווארענט אז ער וועט באקעמפען יעדע פרואוו צו דיקטירן לאקאלע האוזינג געזעצן וועלכע וועט ווי ער זאגט טוישן די כאראקטער פון די לאקאלע געמיינדע. גרינבורג סופערווייזער, א דעמאקראט, האט אויך געזאגט אז ער זארגט זיך אז לאנד אייגענטומער וועלן זיך פארשטעלן אונטער רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אזוי ארום קענען בויען הייזער. ער זאגט אז די סטעיט זאל ענדערש אויסטיילן געלטער פאר געמיינדעס וועלכע לאזן צו דאס בויען מער הייזער אין זייער מוניציפאליטעט.

אונטער דעם געזעץ וועלן רעליגיעזע גרופעס זיין ערלויבט צו בויען ביז דרייסיג הייזער פער עיקער אין א מונציפאליטעט וועלכע פארמאגט ווייניגער ווי 50,000 איינוואוינער, און ביז 50 הייזער אין א מוניציפאליטעט וואס פארמאגט איבער 50,000 איינוואוינער אין אלע גרויסע שטעט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. אזעלכע פראיעקטן נעמען געווענליך יארן צו באקומען באשטעטיגונג פון לאקאלע זאונינג און פלאנינג באורדס, אבער לויט דעם פלאן וועט דאס אלעס ווערן אויסגעקרויזט. די רעזולטאט וועט זיין אז מען וועט קענען בויען גרינג און שנעל און ביליג, און עס וועט געבן פאר די רעליגיעזע געמיינדעס אן איניציאַטיוו צו פארקויפן זייערע הייזער וויבאלד מען וועט קענען בויען הייזער דערויף.

בס״ד



FREE PARKING

**BROOKLYN, NY**
THE W MALL
355 FLUSHING AVE. #114
BROOKLYN, NY 11205
718.400.1210

**MONROE, NY**
BUSINESS CENTER II / UNIT # 204
52 BAKERTOWN RD.
MONROE, NY 10950
845.782.6365

JEWELRY MASTER